STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05527

OKSN UN MOTORN

Michael Usiskin

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Irving Malin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אָקסן און
מאטאָרן

מ. אוסישקין



אָקסן און מאָטאָרן

זכרונות פון אַ אידישן פאַרמער־פּיאָנער
(די געשיכטע פון אידנברידזש)

שער־בלאַט געצייכנט פון אווראָם

פאָרוואָרט: **י. גערשמאַן**

פאַרלאַג „וואָכנבלאַט"
455 ספּעדיינג עוועניו

M. USISKIN

OKSN UN MOTORN

COPYRIGHT 1945

VOCHENBLAT
455 SPADINA AVE., ROOM 206
TORONTO, ONT., CANADA

PRINTED IN CANADA
SPRING 1945
BY EVEREADY PRINTERS LTD.
78 WELLINGTON ST. W.
TORONTO, ONT.
28

אַ מתנה דער
אידנברידזשער יוגנט

טאָראָנטאָ, פרילינג, 1945

די דערשיינונג פון דעם בוך איז דערמעגלעכט
געוואָרן דורך דער שטיצע פון דעם חשובֿן
געזעלשאַפטלעכן טוער אין סאַסקאַטון, לואי סטיין.

פאָרוואָרט

דער מחבר

צוערשט לאָמיר פאַר אייך פאָרשטעלן דעם מחבר פון דעם אויסערגעוויינלעכן בוך.

מאַיק אוסישקין איז שוין איצט אַן עלטערער מענטש. געבוירן איז ער אַלס מיכל אוסישקין אין דעם דאָרף לאַשווידע, האָראָדאָקער אויעזד, וויטעבסקער גובערניע, רוסלאַנד. לאַשווידע איז געווען אַ פּריציש הויף, אַרום וועלכן מיכל'ס טאַטע אליעזר האָט פאַרדינט אויף חיונה דורך זיין אַ גראַלניק און אַ קרעטשמאַר.

מיכל'ס זיידע, ר' דוד, איז געווען אַ גרויסער רב אין האָראָדאָק.

די ערשטע בילדונג קריגט מיכל, ווי זיינע ברידער און שוועסטער, באַ מלמדים וואָס זיינען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן אין דאָרף אריין. דאָס שטעלט אָבער ניט צופרידן דעם יונגן בחור'ל, וועמען עס האָט פון קינדוויז אָן געצויגן צו דער נאַטור און צו עפּעס העכערס. פאַרנעמט ער זיך מיט זעלבסט-בילדונג. לייענט יעדעס ביכל וואָס קומט אים אונטער דער האַנט אין רוסיש, העברייאיש און אידיש. די עלטערן, ווי אויך דער זיידע, האָבן אויף אים אַ געזונטע השפעה. זיי זיינען ניט קיין פאַנאַטיש-פרומע און באַגרייפן די וויכטיקייט פון וועלטלעכער בילדונג, וואָס זיי האָבן, צום באַדויערן, זייערע קינדער ניט געקענט געבן. זיי שטערן אָבער ניט די קינדער צו זוברעווען פון „פרעמדע" קוואַלן אויף זייער אייגענער איניציאַטיווע.

ווען ער ווערט עלטער פאַרלאָזט מיכל אוסישקין דאָס דאָרף און דרייט זיך אַרום אַ שטיק צייט אין האָראָדאָק, וויטעבסק און אַנדערע שטעט. אין 1906 פאַרלאָזט ער רוסלאַנד. ער כאַפּט זיך אַרויס פון דעם צאַרישן גיהנם, פּונקט ווי צענדליקער טויזנטער אַנדערע אידן פון צאַרישן רוסלאַנד, מיט אַ קללה אויף די ליפּן קעגן דער ווילסטער פּאָגראָם-מאַכט. אָנגעזאַפּט מיט רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען און שטימונגען קומט ער אַריין קיין לאָנדאָן, ענגלאַנד, וואו ער דערפילט מער פּאָליטישע פרייהייט, אָבער טרעפט זיך אָן מיט גרויס אָרעמקייט צווישן די מאַסן, גאָר באַזונדערס ווי אָפּגעשפּיגלט אויף דער לאָנדאָנער איסט-ענד.

גראָדע אין ענגלאַנד אַנטוויקלט זיך באַ אים מער און מער דער קלאַסן-געפיל. ער ווערט אַ פוטערוואַרג-אַרבעטער (פאָריער). ער לייענט אַ סך און גייט צו מיטינגען. ער הויבט אָן האַסן די עקספּלואַטאַציע פון מענטש איבער מענטש. ער זוכט אַ לייזונג. אַריינזאַפּנדיק אין זיך אַנאַרכיסטישע געדאַנקען באַגרייפט ער ניט דעם אויסוועג, וואָס די מאַרקסיסטן גיבן פאַר לייזן די

פראָבלעמען פון די עקספּלואַטירטע. זיין איינגעבוירענע ליבשאַפט צו דער ערד, זיין ראָמאַנטישע פאַרבענקשאַפט נאָכן דאָרף פירט אים צו טראַכטן וועגן אַנטלויפן פון דעם שטאָט־געווירבל, פון די פּאָרליײַט און באָסעס, און זיך בעסער פאַרקלייבן צווישן חיות, פויגלען און בהמות, וועלכע זיינען „בעסער ווי מענטשן־חיות אויף צוויי פיס".

און נאָך אין לאָנדאָן געפינט ער א גרופּע מענטשן מיט ליבשאַפט צו ערד־אַרבעט, און צוזאַמען מיט זיין ברודער דעיוו אוסישקין מאַכן זיי א פּאַרזוך איינצואָרדענען זיך אויף א „עופות פאַרם" ניט ווייט פון דער גרויסער שטאָט. דאָס גייט זיך זיי ניט איין.

אין אָט־דעם פּאַרזוך באַגעגנט זיך מאַיק אוסישקין פּנים־אל־פּנים מיט דער אידישער פילאַנטראָפּיע. ער וואַרפט אָן אומ'חן אויף די אַזוי־גערו־פענע אידישע פאַרזאָרגער און באַשליסט אויף אייגענער איניציאַטיווע געפינען א וועג, ווי אַזוי זיך אַרויסצורייסן פון דעם רוישיקן לאָנדאָן און ווערן ערגעץ א פאַרמער, וואו יעדער איינער לעבט פון זיין אייגענער פּראַצע, אָן זאָרגן און אָן ליידן . . .

נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעלעבט אין לאָנדאָן אַרום 5 יאָר, עפנט זיך פאַר מאַיק'ן, זיין ברודער און אַנדערע ווי זיי, א וועג אין דער ווייטער קאַנאַדע. און אָט אַזוי איז מיכל אוסישקין אָנגעקומען קיין אידנברידזש, סאַסקאַטשעוואַן, וואָס ווערט אַזוי אינטים און אינטערעסאַנט באַשריבן אין דעם בוך.

:: :: ::

מאַיק, א סך רופן אים „אַנקל מאַיק", איז א זייער הויכער און נאָך איצט אַפילו שטאַלטנער מאַן. ער פאַרמאָגט ליכטיק־בלויע אויגן, ווי צוגע־פּאַסט צו דעם הימל וועמען ער איז לויטער אין דעם מערב־צפון טייל פון אונזער גרויסער קאַנאַדע (זייער אָפט איז דער הימל דאָרטן פאַרכמאַרעט.). מאַיק איז זייער א גוטמוטיקער, א באַשיידענער. זיין שטענדיקער שטילער שמייכל קומט בא אים אַרויס ווי א מין אַנטשולדיקונג פאַרוואָס ער שמייכלט בכלל, בעת אַרום איז פאַראַן אַזוי פיל שלעכטס. און דאָס שלעכטע אין דער וועלט באַמערקט מאַיק מיט אַלע זיינע חושים. א באַזונדערע ליבע האָט ער פאַר קינדער. די צענדליקער קינדער, וואָס זיינען געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין דער אידישער קאָלאָניע, האָבן צו אים א באַציאונג ווי צו אַן אַנקל און ווי צו א לערער. אַלע ריידן זיי א פּראַכטפולן אידיש און אַלע ווייסן זיי, אַז זייער אידיש ריידן און אַז זייער אידיש וויסן פאַרמאָגן זיי א דאַנק מאַיק'ן. און ווי שטאָלץ די אידנברידזשער יוגנט איז מיט איר קענען ריידן אַזאַ זאַפטיקן אידיש!

מיט דער פּערזאָן מאַיק אוסישקין איז פאַרבונדן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע פון דער אידישער פאַרמער־קאָלאָניע. אויף זיין איניציאַטיווע און מיט דער הילף פון די אָרעמערע, פּראָגרעסיווערע אידישע פאַרמער

איז אויפגעבויט געוואָרן א זאַל פאַר פאַרווייליגגען, א אידישע ביבליאָטעק; האָט מען געשפּילט אידיש טעאַטער, האָט מען דורכגעפירט לייען־אָוונטן און מען האָט געלערנט די קינדער די אידישע שפּראַך און פאַרגעשריטן אידישקייט. דאָס איז דערגרייכט געוואָרן נאָך אָפּאַרבעטן 12 און 14 שעה א טאָג אין וואַלד, אויפן פעלד, אויפן הויף און אין די שטאַלן.

מאַיק איז א לעגענדאַרישע פיגור. מ'וואָלט וועגן אים אַליין געקענט שרייבן א בוך. זיין הויז, זיין פערד און וועגעלע, זיינע פאַרשיירענע חפצים וואָס זיינען מיט זאָרגזאַמקייט און סיסטעם צענויפגעלייגט און צענויפגע־שטעלט אין זיין „פּאַלאַץ" — דאָס אַלץ איז מאַטעריאַל פאַר א קינסטלער צו באַשרייבן.

דאָס בוך

דאָס בוך „אָקסן און מאָטאָרן" איז אַליין א געוויסע אָפּשפּיגלונג פון דעם מחבר. אָבער עס איז מער ווי דאָס.

מאַיק איז א פּראַכטפולער דערציילער. ווי פאַרמער בכלל, האָט ער די נאַטור פון אומקערן זיך צו א מעשה וואָס ער האָט שוין פריער אָנגערירט. אזוי דערציילן פאַרמער זייערע מעשיות. אינמיטן א געוויסער מעשה מוזן זיי זיך אומקערן צו עפּעס וואָס זיי האָבן שוין פריער דערציילט, ווייל אַלעס, זייער גאַנץ לעבן, ציט זיך ווי איין פאָדים. אָט די פאַרמערישע אייגנאַרטיקייט געפינט זיך אין דעם בוך און גיט אים צו א געוויסן חן. עס איז ניט קיין „שיין־שרייבעריי". אזוי דערציילט איינער, בא וועמען דער עיקר איז ניט ווי אַזוי דאָס ווערט דערציילט נאָר דאָס וואָס עס ווערט דער־ציילט. כמעט יעדער קאַפּיטל פאַנגט זיך אָן מעשה'דיק; „דאָס האָט פּאַסירט אין . . . א. א. וו.".

„אָקסן און מאָטאָרן" איז א שטיק געשיכטע פון איבערמענטשלעכע ליידן, וואָס א גרופּע אידן האָט דורכגעמאַכט אין משך פון 38 יאָר, דערפאַר ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט וויסן פון „לופט־געשעפטן" און פון קאַפּיטאַליס־טישער עקספּלואַטאַציע. לופט־פּרנסות האָבן זיי טאַקע אויסגעמידן, אָבער עקספּלואַטאַציע — נאָך אַלץ נישט. דאָס איצטיקע בוך שטעלט מיט זיך פאָר בלויז א טייל פון אוסישקינס מעמוארן. ער איז נאָך ניט געקומען צו די לעצטע יאָרן, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן סימנים פון פול־שטענדיקן צוזאַמענברוך פון דעם גרויסן פּראָיעקט איינצופונדעווען אידישע פאַרמער אין א קאָמפּאַקטער אידישער קאָלאָניע. מען איז טאַקע שוין פון אָקסן אריבער צום מאָטאָר. אָבער גראַדע אין דעם מאָטאָר־פּעריאָד ברעקלט זיך דער פּראַכטפולער בנין, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן מיט אזוי פיל שווייס, טרערן און בלוט.

אוסישקין האָט נאָך ניט באַוויזן אין דעם בוך צו באַרירן די ראָל פון דער „איקא" אין דעם פּראָיעקט. ניט איין אידישער פאַרמער טראָגט זיך

אָרום מיט אַ ביטער האַרץ אויף דער געזעלשאַפט. אויב נאָך 38 יאָר פּיאָנערישער אַרבעט צעפאָרן זיך די אידישע פאַרמער צוריק אין די שטעט, איז עס ניט בלויז צוליב דער יוגנט, וואָס דאָס איז אַ גרויסע פּראָבלעם, נאָר איבערהויפּט צוליב דעם, וואָס זיי האָבן געקראָגן זייער ווייניק הילף און כמעט קיין דערמוטיקונג פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין קאַנאַדע.

אין די אַלע יאָרן וואָס איך באַזוך פון צייט־צו־צייט אידנברידזש, לעב איך מיט די טראַגעדיע וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל. בעת מיין ערשטן באַזוך האָב איך נאָך געטראָפן אַרום 50 אידישע פאַמיליעס; איצט קען מען שוין באַלד ניט אָנציילן קיין דרייסיק . . . און נאָך קלייבן זיך אין שטאָט אַריין. מיין פריינד בעת מיין ערשטן באַזוך רינט אויס. נאָך יעדן באַזוך פאָר איך פון דאָרטן אַוועק אַ צעוויטיקטער.

און פאַר אַלע יאָרן האָב איך ניט געהערט אין ערגעץ, אין קיין איין אידישן אַנשטאַלט, אַז מען זאָל די פראַגע פון אידישע פאַרמער אַפילו דיסקוטירן. עס איז ניט קיינעמס פּראָבלעם. די אידישע פאַרמער האָבן זיך אַליין געמאַטערט, האָבן אַליין אויסגעקאָרטשעוועט אַ טויזנט־יאָריקן וואַלד, באַשאַפן ריינע, פלאַכע פעלדער, געבויט כאַטקעס און הייזער, און אַליין מוזן זיי זיך אונטערגעבן אַלץ נייע שוועריקייטן.

ווערט אַזוי אַרום צערונען אַ פּראַכטפולער חלום, וואָס וואָלט געקענט געווען ווערן אַ ווירקלעכקייט.

דאָס בוך איז געווידמעט דער אידנברידזשער אידישער יוגנט. מאַיק מיינט מן הסתם ניט בלויז די יוגנטלעכע, וואָס געפינען זיך נאָך איצט אין דער קאָלאָניע, נאָר אויך די וואָס זיינען שוין צעשפּרייט אין פאַרשיידענע שטעט פון קאַנאַדע און די פאַראייניקטע שטאַטן. אַפילו די יוגנטלעכע, וועלכע האָבן צוליב אומפאַרמיידלעכע אומשטענדן געמוזט פאַרלאָזן די קאָלאָניע, זיינען אָן ספק אַנדערש פון דעם דורכשניטלעכן אידישן יוגנטלעכן וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין שטאָט. אין זייערע הערצער און געדערים האָבן זיי איינגעזאַפּט די אידנברידזשער בלאָטיקע וואַסערן, די פעט־שוואַרצע ערד, די לויטערע לופט און דעם טעם פון ערלעכער פּראַצע. דאָס וועט זיי ביישטיין אין זייער גאַנצן לעבנס־גאַנג, בעת זיי באַגעגענען זיך מיט דעם שווערן לעבן אין שטאָט.

מאַיק האָט דאָ אויך זייער שטאַרק אינזינען די יוגנטלעכע פון אידנ־ברידזש וועלכע געפינען זיך אויף די שלאַכט־פעלדער אין קאַמף קעגן פאַשיזם. די אידנברידזשער יוגנט איז אַלעמאָל געווען אַנטי־פאַשיסטיש און פּראָגרעסיוו.

פאַרן דורכשניטלעכן אידן איז דאָס בוך אַ וויכטיקער דאָקומענט. עס וועט קומען אַ צייט, ווען מיר וועלן דאַרפן רעווידירן אַ סך מידות און איינגעשאַפטן פון אונזער אידישן ישוב. מיר וועלן זיך דאַרפן אָפּגעבן אַ חשבון וועגן דעם, וואָס מיר האָבן געטאָן צו באַשאַפן כאָטש איין ווינקל,

אויף וועלכן מיר זאָלן זיך קענען פאררופן ווי אויף א ביישפיל, אז אידן קענען זיין גוטע און פּראָדוקטיווע פאַרמער. ווען מיר וועלן דערגרייכן די שטופע פון טאָן אַזא זאך, וועט מאַיק אוסישקינס בוך אונז זייער שטארק צונוץ קומען.

בעת מיר וועלן דערגרייכן א שטופע פון ארויסגעבן אייגענע, קאנאדער, אידישע לערן־ביכער פאר די אידישע קינדער־שולן, וועלן טיילן פון מ. אוסישקינס בוך דארפן אריינגענומען ווערן אין א כרעסטאָמאַטיע. אידישע קינדער וועלן זיך באקענען מיט דעם פאקט, אז ניט בלויז האָבן מיר אידישע ארבעטער, ניט בלויז שטרעבן אידן צו ווערן דאָקטוירים און לאָיערס, ניט נאָר האָבן מיר פייאיקע געשעפטסלייט; נאָר אז עס האָבן זיך אויך געפונען אידן, וואָס האָבן געמאכט אַן ערנסטן פארזוך צו באַשיינען אונזער ישוב מיט אידישע ערד־ארבעטער.

די אידישע ליטעראַטור ווערט באַרייכערט מיט א וויכטיקן בוך. עס גיט אונז א געלעגנהייט אריינצוקוקן אין א ווינקל פון אידישן לעבן, וואָס איז אונז איינגאַנצן פרעמד. דער לייענער וועט מיט געשפּאַנטקייט לייענען דאָס בוך און וועט זיין דאנקבאר מ. אוסישקינען פאר אַזא טייערער מתנה. אלע וועלן מיר וואַרטן אויף דעם צווייטן בוך, וואָס, לאָמיר האָפן, וועט אינגיכן דערשיינען.

י. גערשמאַן

אינהאַלט:

זייט

פאָרוואָרט — י. גערשמאַן — — — — — — — — — — — — 7
אַ מאַגנעטישע קראַפט ציט אונז צו פאַרמעריי — — — — — — 15
ווי אַזוי מיר האָבן זיך דערוואוסט פון אידנברידזש — — — — — 25
מיין ערשטער שפּאַציר צו דער פּאָסט — — — — — — — — 37
אויף אַ מיטינג פון אידישע פאַרמער — — — — — — — — 57
מיין ערשטע דערפאַרונג ווי צו האַקן דעם וואַלד — — — — — 69
מיר אַנטוויקלען אונזער געזעלשאַפטלעך לעבן — — — — — 73
ווען אַ קינד ווערט געבוירן — — — — — — — — — — — — 77
לאַטעס, שווערע ארבעט און ביכער — — — — — — — — — 81
אונזער קאָאָפּעראַטיווע ארבעט — — — — — — — — — 91
פריינטלעכע שכנים — — — — — — — — — — — — — — 95
האָלצהעקער-סטראַטעגיקער — — — — — — — — — — — 103
מיינע צרות אויף אַ דזשאָב — — — — — — — — — — — 111
אַ שטורעם אין וואַלד — — — — — — — — — — — — — 121
אַ פאַרמער דערציילט אַ וואונדערלעכע געשיכטע — — — — — 125
אַ שטיינערנע אוגערקע — — — — — — — — — — — — 141
העלפן אַ ברודער אין נויט — — — — — — — — — — — 143
מיר קוויקן זיך מיט שלום עליכמ׳ען — — — — — — — — 147
דער זיידע ווינטשעווסקי אין אידנברידזש — — — — — — 151
אידישע שרייבער באַזוכן אונז — — — — — — — — — — 157
באַראָן הירש געבורטסטאָג — — — — — — — — — — — 161
מעשה בראשית — — — — — — — — — — — — — — — 165
אַ איד פון פוילן מיט אַ גרויסן יחוס — — — — — — — — 177

א מאַגנעטישע קראַפט
ציט אונז צו פאַרמעריי

אַט ליגט פאר מיר א פעקל בריוו און איך לייען ווי פריינט פון די גרויסע שטעט זיינען נייגעריק צו וויסן, פארוואָס מיר — כמעט אַלע געקומענע פון די גרעסטע וועלט־שטעט פון אייראָפּע, אַפריקע און אַמעריקע, פון אזאַ קאָכיק, שטורעמדיקן לעבן — זיינען אריין אין אזאַ טויט־שטילן וואַלד און מיר זיינען דאָרט פארבליבן און ניט גערירט זיך פון אָרט, אזוי ווי מיר וואָלטן שוין אין וואַלד געבוירן געוואָרן. ווי קומט עס, ווילן זיי וויסן, וואָס מיר, געקומענע פון די גרויסע שטעט, וואו מיר האָבן זיך דאָרטן געמאכט אונזער לעבן, זיינען געקומען אַהער, אין אידנברידזש, (צפון־מערב־קאַנאַדע), וואו זינט מיר האָבן דאָ אונזער פוס אוועקגעשטעלט, ביז איצט, איז נאָר איין קייט פון לײדן וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער אידישער קאָלאָניזאַציע אויף דער גאַנצער וועלט. וואָס פאַר א טייוולשע קראַפט האַלט אונז דאָ איין אזוי פיל יאָרן, און מיר זאָלן אפילו ניט טראַכטן פון דער שטאָט? מ'וויל אויך וויסן אין וואָס ס'באַשטייט די אייגנאַרטיקייט פונעם דאָרף בכלל און פון אידנברידזש אַלס א אידישע קאָלאָניע בפרט.

פראַגן, אַזעלכע האַרבע פאר אונז, אויף וואָס מיר האָבן זיך פון פריער ניט געריכט אַז מ'וועט אונז אַזעלכעס פרעגן, איז שווער צו ענטפערן. דערצו האָבן מיר גערדאַרפט האָבן געלערנטע מענטשן, טעאָרעטיקער, וואָס וויסן דעם גאַנג פון דער געשיכטע פון תמיד ביז איצט. אָבער אזוי ווי אַזעלכע האָבן מיר דאָ ניט, וועלן מיר זיך שוין אַליין מוזן מטריח זיין, אָפּלייגן די טעאָריע אָן א זייט און באַנוצן זיך מיט דער פראַקטיק: פון אַלץ וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט דאָ אין ווילדן וואַלד פון אָנהויב ביז איצט. איז אָבער אויך די אייגענע מעשה, אַז אפילו כדי צו נעמען פון דער פראַקטיק דאַרף מען אויך זיין געלערנט, אַז ס'זאָל ארויסקומען גלאַטיק, אַז דער לייענער וואָס אינטערעסירט זיך אין אַזעלכעס זאָל וויסן וואו איז דער אָנהויב און וואו איז דער המשך, א. א. וו. אַזעלכע האָבן מיר דאָ אויך ניט, וועלן שוין

אונז די לייענער מוזן מוחל זיין און לייענען די פּראָסטע, ניט־געהובלטע און ניט געפּוצטע פאַרמער־שפּראַך, אַזוי ווי דאָס שטייט און גייט.

:: :: ::

שרייבט מיר איינער, וועמען איך האָב קיינמאָל ניט געזען, נאָר מיר קענען זיך דורך בריוו: „איר, שרייבט ער מיר, זייט אַ מענטש פון עקס־טרעמען. און אייך איז שווער צו פאַרשטיין: אַרויס פון לאָנדאָנער געווירבל, און אַריין אין אַ טויט־שטילן וואַלד!" און ער וואָלט וועלן וויסן וואָס פאַר אַ טייוולשע קראַפט האָט מיך פון לאָנדאָן געקענט אַרויסשטופּן און וואָס פאַר מאַגנעטישע קראַפט קען מיך אין אידנברידזש איינהאַלטן שוין 33 יאָר.

גערעכט, טייערער פריינט, זייער גערעכט. דאָס זעלבע ווילן וויסן אַ סך אַזעלכע ווי איר. און ניט איינער קנייטשט זיך דעם שטערן צו דערגיין דעם סוד. איך וועל פּרובירן איבערגעבן פאַר אייך און פאַר אַלע פאַראינטע־רעסירטע, אַזויפיל וויפיל איך ווייס, און איר וועט מעגלעך זיין באַפרידיקט.

אָבער איך וויל מיט אייך מאַכן אַן אָפּמאַך: 1) אַז די שטאָט לאָנדאָן מיט אירע גרויסע וואונדער וואָס איך האָבן אַזוי ליב געהאַט, וועל איך פאַר אייך באַשרייבן אַ צווייטן מאָל, ווייל לאָנדאָן קען מען מיט איין שמיר פון דער פּען ניט אוועקמאַכן. לאָנדאָן פאַרדינט אַ ספּעציעלע באַשרייבונג. און, 2) איך וועל זען צו מאַכן עס בקיצור אַזוי ווי איך קען.

:: :: ::

פריינט, ווייסט איר וואָס דאָס באַדייט צו זיין אַ שקלאַף בײַ אַ שקלאַף? ווייסט איר פון דעם? האָט איר כאָטש ווען עס איז געהערט, אַז אַ מענטש זאָל זיין אַזויפיל ווערט וויפיל אַ טויטע מאַשין? האָט איר אַמאָל געהערט, אַז אַ גאַנצער מענטש איז ניט מער ווי איין שרייפל פון אַ מאַשין? האָט איר בכלל ווען געהערט, אַז ברעקלעך קינדער וועמענס מוטערס פּראַצעוועך אין די פאַבריקן, מעגן צעבראָקט ווערן אונטער די רעדער פון אַ מאַשין געטריבן פון אַ שיכור'ן שאָרלאַטאַן?*) האָט איר אַמאָל געזען, אַז מענטשן זאָלן מלחמה האַלטן מיט הינט פאַר שטיקל ברויט אָדער אַ ביינדל אין מיסט־קאַסטן? האָט איר ווען באַגעגנט גוט־האַרציקע מענטשן וואָס פריידיקן עולם־הבא פאַר אַנדערע און פאַר זיך נעמען זיי צו דעם עולם־הזה?

האָט איר ווען באַגעגנט פריידיקער פון מענטשן־ליבע מיט ביקסן אין די הענט? האָט איר זיך אַמאָל גוט צוגעקוקט צו דעם גוואַלדיקן קאָנטראַסט פון די אָרעמע אַרבעטער־מאַסן אינעם פינסטערן, פאַרשמעקטן, בלאָטיקן,

---

*) באַמערקונג:
אַמאָליקע יאָרן, ווען דער טרעפיק אין די גאַסן פון לאָנדאָן איז ניט געווען אַזוי קאָנטראָלירט ווי איצט, איז ווען אַז אויטאָמאָביל האָט געטויט אַ מענטשן איז דער טרייבער פון דער מאַשין געווען פּטור פון שטראָף; ווען ער בלייבט אָבער לעבן און ער בלייבט אַ קאַליקע, איז דער טרייבער פון דער מאַשין אים מחויב צו באַלוינען. (איך ווייס ניט ווי ס'איז איצט.)

טומלדיקן איסט־ענד, צו די לײדיק־גײערס, פּוסט־און־פּאַסניקעס אינעם זויבערן, ליכטיקן, שטילן, וועסט־ענד?

האָט איר ווען, פרײנט, אַ טראַכט געטאָן וועגן דער זאָרגלאָזיקייט פון איין קלאַס מענטשן איבער דעם געזונט פון אַ צווייטן קלאַס? האָט איר ווען באַמערקט ווי שיכור'ע פרויען מיט ברוסט־עופה'לעך אויף די הענט וואַלגערן זיך בײַ די טירן פון די סאַלאָנען?

האָט איר ווען באַגעגנט אַ מאָראַל־פרײדיקער מיט פאַרגלאָצטע אויגן צום הימל ווערנד אַליין איז מען עקספּלואַטאַטאָרס פונעם נידעריקן סאָרט?...
— ווער קען דאָס פאַרנוצן אַזויפיל פּאַפּיר צו אויסרעכענען וואָס איך האָב אין דער גרויסער וועלט־שטאָט, לאָנדאָן, געלערנט? אָבער, פרײנט, האָט נאָך געדולד אביסל און מיר וועלן פאַרטיק ווערן!

באַגעגן איך איינמאָל אַ קליינעם נאָטיץ אין אַ לאָנדאָנער טעגלעכער צייטונג, אַז ווער ס'וויל זיך באַזעצן אויף לאַנד, דאַרף האָבן גלייך מזומן 5 פונט שטערלינג (אַן ערך 25 דאָלער) און נאָך 45 פונט, ווען מען וועט זיך שוין באַזעצן אויפן לאַנד. און קומען צו אַ מיטינג זאָל מען אין 3 טעג אַרום אין דעם און דעם פּלאַץ. עס בליצן מיר דורך אין מוח פאַרשיידענע געדאַנקען. איך ווייז דעם נאָטיץ צו מיין ברודער וואָס איז דאָן אויך געווען אין לאָנדאָן, און מיר האָבן באַלד באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן די געלעגנהייט ניט דורכלאָזן.

באַם מיטינג האָבן מיר זיך באַקענט מיט עטלעכע אידן וואָס זיינען שוין איצט אידנברידזשער פאַרמערס גלייך מיט אונז. און מיר האָבן שוין 25 מיטגלידער. אָבער מיר ווילן ניט ווייניקער פון 50.

און די באַגייסטערונג אויף די מיטינגען האָבן ממש הערצער געצונדן, געדאַנקען, פאַנטאַזיע און פּלענער. אַי וויי, פּלענער! און באַזונדערס אונזער פּרעזידענט, א. ריז, האָט שוין אונז באַזאָרגט מיט כל'ערליי פּלענער.

ער האָט געלייענט, זאָגט ער, אין „דזשואיש קראָניקל", פון איינעם אַ הערמאַן לאַנדוי, וועלכער גיט האָפענונג, אַז ווער ס'וויל זיך באַזעצן אויף לאַנד, וועט די פילאַנטראָפּיע העלפן מיט ראַט און טאַט. ס'איז געווען אַ פּשוט'ער אויפרוף צו די פעדלערס זיי זאָלן אוועקוואַרפן דעם ווינט און רויך־האַנדל און ווערן פּויערים, און זי, די פילאַנטראָפּיע וועט שוין העלפן.
נו, ווער האָט געקענט דעריאָגן אונזער פאַנטאַזיע? שטעלט זיך פּאָר, בײַ אונז אין די קעפּ זיינען דורכגעפלויגן נעמען: ראָטשילדס, גאָלדשטיינס א. א. ווער קען זיך צו אונז גלייכן? ווער?

און דערווייל איז בײַ אונז פאַרטיק געוואָרן אַ קאָנסטיטוציע אין 2 שפּראַכן, אידיש און ענגליש, מיט 23 פּונקטן, מיט אַן עמבלעם, — אַן אַקער און אַ מגן־דוד, מיט אַ נאָמען „דהי ענגליש דזשואיש פאַרמינג קאָלאָני" און בכדי ס'זאָל אריין אין געשיכטע, וויל איך פאַר אייך איבערגעבן די קאָנסטי־

טוציע וואָרט און וואָרט און פּונקט בא פּונקט, אזוי ווי עס איז געדרוקט געוואָרן.

די קאָנסטיטוציע

1) די קאָלאָניע זאָל אנטהאַלטן פון 30 ביז 50 אידישע פאַמיליעס, וועלכע מוזן אלע זיין גוט באקאנט מיט דעם פארמעריי־פאך.

2) יעדע פאַמיליע מוז האָבן 50 פונט מזומן.

3) א באארבעטער פארם זאָל געקויפט ווערן, פריהאָלד, אין ענגלאנד, אזוי נאָענט צו לאָנדאָן ווי מעגלעך, גרויס גענוג צו באזעצן די אלע פאַמיליעס.

4) יעדע פאַמיליע זאָל באקומען 20 אקער לאנד, א פערד און א וואָגן, עופות אויף פלאַד פון איניקע סאָרטן, איין קו, ווי אויך די ערשטע זוימען און געוועקציייג צו דער ארבעט.

5) א בילדינג־קאָנטראַקטאָר זאָל ווערן אָנגענומען, וועלכער וועט זיין אמבעסטן ער זאָל בילדן אלע געביידעס פאר יעדן איינעמס באקוועמלעכקייטן.

6) די סאָסייעטי זאָל מאכן א קאָאָפּעראַטיווע דעירי אין דער זעלבער צאָל פון די מיטגלידער אָדער מער, אויב מעגלעך, וואָס זאָל ווערן אָנגעפירט פון דריי אָדער פיר באצאָלטע ארבעטער.

7) א קאָאָפּעראַטיווע סטאָר זאָל געעפנט ווערן אין דער מיט פון דער קאָלאָניע, אין וועלכער יעדערער זאָל קויפן אלע הויז־באדערפעניש. די דאָזיקע סטאָר זאָל אויסגעהאַלטן ווערן פון דעם דעירי פאָנד.

8) יעדע פאַמיליע זאָל זיין בארעכטיקט צו נוצן דעם דזשענעראַל סטאָר פאר די ערשטע 3 מאָנאטן אויף באָרג.

9) די פּופציק פונט, וועלכע יעדער מיטגליד וועט אריינברענגען, וועט בלויז דעפּאָזיטן די אלע זאכן, וואָס זיינען אויבן דערמאָנט, און די רעשט זאָל ווערן געמאָרטגעידזשט, און וועלכע דער דעירי פאָנד וועט דאָס דורך א לענגערער צייט אפּצאָלן.

10) נאָכדעם ווען דער גאנצער חוב וועט זיין אָפּגעצאָלט, וועט יעדער באקומען א געריכטלעך געזיכערטן דאָקומענט, וועלכער וועט מאכן די אלע זאכן פאר אן אייביק אייגנטום פון דעם פארמער.

11) יעדע געריכטלעכע ווענדונג זאָל דורכגעפירט ווערן דורך א סאָליסיטאָר, וועלכער וועט זיין אָנגעשטעלט פון דער קאָלאָניע.

12) די קאָלאָניע זאָל באקומען א סטענדינג־מאָרטגעידזש פאר די ערשטע 3 יאָר, אום די קאָלאָניע זאָל זיך באנוצן מיט דעם געלט זיך צו אנטוויקלען.

13) די סאָסייעטי זאָל באזאָרגן אלע אינשורענס, נעמלעך: פייער און עקסידענטס, פאר די מענטשן און בהמות.

14) אויסער די דעירי און סטאָר זאָל זיך יעדערער ארבעטן און באנוצן זיין לאנד און זיינע פיזיקעל פּאר זיך זעלבסט, לויט זיין אייגענעם פארשטאנד.

15) קיין מיטגליד זאָל האָבן דאָס רעכט צו עפענען אירגענד וועלכע ביזנעס פון ארטיקלען וואָס זיינען פאראן אין דזשענעראל סטאָר, אין תחום ,ד. ה. 5 מייל ארום דער קאָלאָניע.

16) די סאָסייעטי זאָל באזאָרגן אלע נאציאָנאלע באדערפעניש, נעמ־לעך: א שול אין אידיש און ענגליש פאר די קינדער, אויך אלע אנדערע קהל'שע באדערפעניש, ווי אויך א פּלאץ אין וועלכן אלע זאָלן זיך קענען פארזאמלען אין די אָוונטן און אמוזירן, אָדער אָנפירן אנדערע געזעלשאפט־לעכע טעטיקייטן.

17) די סאָסייעטי זאָל האָבן א קאָנטראקט מיט א האָלסיילער פאר א מארקעט, וועלכער זאָל קויפן דעם גאנצן סטאָק ווי אויך זאָל דער זעלבער אגענט עפענען א פּלאץ אין דער קאָלאָניע זעלבסט, אום יעדערער וואָס וועט האָבן פּארטיקע סחורות זאָל עס קענען גלייך אריינברענגען, און אויך געלט באקומען לויט דעם מארקעט פּרייז.

18) אויב א מיטגליד וועט זיך וועלן צוריקציען פון דער באוועגונג, צוליב וועלכע עס איז אומשטענדן, ווען ער האָט זיך נאָך ניט אריינגעצויגן אויף דער פארם, זאָל ער בלויז פארלירן 10 פּראָצענט און די רעשט וועט ער צוריקקריגן פון דער סאָסייעטי.

19) אויב דער זעלבער האָט אָבער שוין זיין פּלאץ פארנומען, און ארבעט שוין, און דאן וויל ער פארלאָזן דעם פארם, זאָל ער בלויז 5 פּראָצענט פארלירן. ער מוז אָבער אריינברענגען אַן אנדער אידישע פאמיליע אויף זיין פּלאץ, נאָך דער צופרידנהייט פון דער סאָסייעטי.

20) די סאָסייעטי זאָל האָבן דאָס רעכט אויסצושליסן א פאמיליע, וועלכע וועט ווערן ריכטיק אויסגעפונען, נאָך דער מיינונג פון דער מאיאָ־ריטעט פון דער סאָסייעטי, אז זי איז שעדלעך פאר דער קאָלאָניע. די דאָזיקע פאמיליע זאָל קיינע פּראָצענטן פארלירן, נאָר בלויז אויסגעשלאָסן ווערן, און דאָס געלט וועלכעס זי האָט ביז דער צייט אריינגעבראכט, זאָל זי צוריק באקומען פון דער סאָסייעטי.

21) יעדע קאָלאָניע־אָנגעלעגנהייט זאָל באהאנדלט ווערן פון א קאָ־מיטעט, וועלכער דארף געוויילט ווערן יאָרלעך.

22) א קאסירער זאָל געוויילט ווערן, וועלכער זאָל האלטן אלע בענק־ביכער און ווערטפולע פאפירן פון דער סאָסייעטי, און ער מוז געבן א באָנד אויף 500 פונט.

23) אלע צוזאמען, דאָס הייסט, דער קאסירער, די טראָסטים און דער סעקרעטאר זאָל פאסן א גאראנטי אינשורענס.

פארפאסט און איבערזעצט צום דרוק פון א. ריז; בא אָרדער די קאָמיטע, ס. ריז, האָנ. סעקרעטאר. (די זעלבע קאָנסטיטוציע אין ענגליש).

:: :: ::

און דערווייל איז אונזער פאנטאזיע געוואקסן: סטייטש, ראָטשילד, אי, אי, אי, דאָ וועלן געווים פליען צענדליקער טויזנטער, וואָרום לויטן אויפרוף אין „דזשואיש קראָניקל" איז דאָך אויסדריקלעך דערמאָנט: „ווארפט אוועק די בערזשעס, גייט אויף לאנד, ווערט מענטשן מיט מענטשן צוגלייך, געניסט פון דער פרייער נאטור, און מיר וועלן אייך העלפן . . . " — איז פרעגט שוין גאָרנישט, ס'איז געווען ששון ושמחה.

א ליכטיקער חלום ווערט צערונען

און ווער איז עס בכוח צו איבערגעבן אונזער נייגעריקייט, ווען אונזער דעלעגאציע צו הערמאן לאנדוי, מיט אונזער פרעזידענט א. ריז בראש, האָט אונז געדארפט אָפּגעבן א באריכט וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן אין דער אָנגעלעגנהייט. געווען שווערע מינוטן, ווייל מיר זיינען געווען ניט געגאַרט אין חשבון, אז מיר מיט אונזערע מאָגערע קעשענעס, וועלן ניט קענען דורכפירן אונזער פּראָגראם וואָס מיר האָבן זיך אונטערגענומען, ובפרט אין ענגלאנד, וואו לאנד איז אזוי טייער.

אָבער ווען מיר האָבן דערזען די זויערע פּנים'ער פון אונזער דעלעגאציע, האָט אונז יעדן איינעם א טיאָכקע געטאָן אונטערן לעפעלע. נאָט אייך און זעט, וואָס מ'האָט פון אונזער קאָנסטיטוציע געמאכט. — און — אוי וויי, — שטריכן, שטריכן, מיט א רויטן פענסל, אונזער קאָנסטיטוציע איז געווען א צעפליקטע, א צעקאַליעטשעטע אזוי ווי אן אויפגעאקערט פעלד אין פרילינג. ס'איז אונז פינסטער געוואָרן אין די אויגן.

ווי ס'האָט זיך ארויסגעוויזן איז עס פאר דער פילאנטראָפּיע געווען אביסל צו־געוואגט, פאר קאָאָפּעראציע האָט מען זיך נאָך דאן געשראָקן ווי א שד פאר וויירוך. כמעט אנארכיע, ר"ל . . .

און ווער רעדט נאָך, ווען מען דערוויסט זיך פון דעם פּלאן, וואָס איינער א מיטגליד אין אונזער משפחה, א שוחט און א חזן, האָט פאָרגעשלאָגן, אז מיר אין די 50 פאמיליעס וועלן געווים האָבן ארבעטער פון אלע פאכן, זאָלן קיינע קאָנטראַקטאָרס ניט געדונגען ווערן, נאָר אליין אלץ אויפבויען; און נאָך מער: ער האָט נאָך געוואָלט אן אייגענעם מוזיק־כאָר וואָס זאָל אונז אמוזירן. ער האָט פאָרגעשלאָגן צו האָבן אן אייגענע יוניפאָרם, אז וואו מיר וועלן קומען זאָל מען אונז נאָך די קליידער דערקענען, אז מיר זיינען פון דער ענגליש־אידישער פארמינג־קאָלאָניע. ער האָט אויך געהאט בדעה צו פארפאסן ספּעציעלע שירים, פאר יעדער ארבעט באזונדער, אזוי, אז ווען מ'גייט מעלקן די קי זאָל מען האָבן א ספּעציעלן שיר, בא פעלד־ארבעט אן אנדער שיר, א שיר ווען מען פארקויפט די פּראָדוקטן, אפילו א

שיר ווען מען רייניקט די שטאַל. ער איז געווען א מענטש פון כלו געזאַנג. א טייערער יונגערמאַן געווען.

פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך ניט פאַרלאָרן, און ספּעציעל אונזער פּרעזידענט א. ריז. ער האָט ממש ניט גערוט. ער האָט זיך ניט געקענט פאָר־שטעלן, ווי אזוי קומט עס, אז רייכע אידן וואָס ווינטשן אזוי צו זען צווישן זיך ווייניקער פּעדלערס, ווייניקער ווינט־ און רויך־הענדלער, און מער — לאַנד־ארבעטער — אז אזעלכע אידן זאָלן ניט פאַרשטיין, אז דאָס קען ניט דערגרייכט ווערן אָן הילף. „ניין! — האָט זיך אונזער פּרעזידענט געקאָכט — מיר ווילן אונזער אידייע אזוי ניט אויפגעבן. האָבן מיר אַזש אָנגעשפּאַרט מיט אונזער פּראָבלעם צום מענטשן־פריינט און פּאַרפּאַסער פון א סך ביכער, י. זאַנגוויל.

איך זע נאָך פאַר זיך איצט יענע קלוגע אויגן מיט זיין גאַנצן פּאַטרי־ארכאַלן אויסזען. עפּעס איז אין זיין געזיכט געלעגן אזויפיל מילדקייט, ער האָט אין זיך פאַרמאָגט א ים מיט מענטשן־ליבע; עפּעס האָט זיך מיר דאָן אויסגעוויזן, אז ער פילט אונזער צער, און ער ליידט צוזאַמען מיט אונז. גערעדט האָט ער צו אונז מיט זיינע אויגן, און מיר האָבן זיין יעדן קוק פאַרשטאַנען. מיר האָבן דאָן פאַרשטאַנען, אז מיר קענען זיך מער אויף דער פילאַנטראָפּיע ניט פאַרלאָזן. ער האָט, ווייזט אויס, זיין גאַנץ לעבן געזוכט טעריטאָריעס פאַר זיינע ברידער אידן. ער האָט די פילאַנטראָפּן צו־גוט גע־קענט און ער האָט אונז מיט די אויגן דערמאָנט אָן דעם ווערטל, וואָס איז אהער זייער גוט צוגעפּאַסט „אל תבטחו בנדיבים בבן אדם".

ער האָט אונז אויפגעוויזן, אז אָט די אלע הוצאות וואָס מיר האָבן ביז איצט געמאַכט אַרומפּאַרנדיק זוכן לאַנד ארום לאָנדאָן איז ארויסגע־וואָרפן, ווייל — האָט ער אונז אויפגעוויזן, אז אָט די אלע לאָיערס, סאָליסי־טאָרס, מיט די מאַרטגעידזשעס וואָלטן אונזער גאַנצע ארבעט אויפגעגעסן אין הוצאות מיט פּראָצענטן. און מ'וואָלט אונז, — האָט ער געזאָגט, — אזוי לאַנג מעלקן ביז מיר וואָלטן זיך געמוזט אויף זיי פאַרלאָזן און דאָן ערשט וואָלטן מיר געווען ארויסגעוואָרפענע אויף צוויי שפּענדלעך, ווייל מיר וואָלטן פאַר זיי מער קיין נוצן ניט קענען ברענגען.

אָט די גוטע איידעלע נשמה האָט אונז פּשוט די אויגן געעפנט. מיר האָבן זיך אין זיין גוטסקייט טובל געווען, און זיינען ארוים געלייטערטע. ער האָט אונז פאַרהיט פון א זיכערער קאַטאַסטראָפע (איצט פאַרשטייען מיר דאָס נאָך בעסער).

און כאָטש אונזער קאָאָפּעראַטיוו איז צעפאַלן געוואָרן נאָך איידער ער איז געבאָרן געוואָרן, זיינען מיר נאָך אַלץ ניט געבליבן אַנטוישט. עפּעס האָט זיך אונזער פאַנטאַזיע ניט געוואָלט בארואיקן. די ענטוזיאַסטישע מיטינגען, מיט דער ברודער־ליבע וואָס מיר האָבן דאָרטן דערפילט — גאָרניט אזוי ווי מ'איז געוואוינט אין דער גרויסער שטאָט — דאָס האָט אונז

צערייצט, און מיר האָבן זיך ניט געוואָלט באַרואיקן, און אויב מיר האָבן עס ניט געקענט דורכפירן מיט 50 מיטגלידער, וועלן מיר פּרובירן זאַלבעפערט.

האָבן מיר געקויפט א שטיקל לאַנד בא איינעם א סאַלון קיפּער, א מר. דראַזס. עס איז געווען 12 לאָטס אין א פּלאַץ ניט ווייט פון לאָנדאָן, 3 שילינג מיט 2 פּענים אהין און צוריק מיט דער באַן. דאָרטן, האָט מען גערעכנט וועט מען אמאָל בויען א שטעטל. דאָרטן האָבן מיר געוואָלט אויפשטעלן אן עופות־פאַרם.

באַדונגען האָבן מיר זיך מיט אים פאַר די 12 לאָטס 35 פונט (שטערלינג). 4 פונט האָבן מיר אים געגעבן האַנט־געלט, און די איבעריקע 31 פונט, ווען מיר וועלן האָבן די געלט. (און מיר קענען נאָך היינט צונעמען די לאַנד, ווייל ס'איז ניט געזאָגט געוואָרן ווען, נאָר ביז מיר וועלן האָבן די איבעריקע 31 פונט).

און אָט קוק איך אויף דעם פּעקל זכיות, בריוו פון צוויי־ערליי סאָליסיטאָרס, דאַטירט אָקטאָבער 20־טן און 23־טן, 1909. און א פאַרמעלן רעסיט פון א סאָליסיטאָר, אז ער האָט פון אונז: פון מיין ברודער, דייוויד, קויפער און מר. דראַזס, פאַרקויפער, געקראָגן 2 פונט און 10 שילינג פאַר דורכפירן די קניה דורך געזעץ און די איבעריקע סומע ווען ס'וועט שוין אלעס פאַרטיק ווערן.

און ס'האָט שוין אויסגעקוקט אז אָט־אָט און מיר ווערן פאַרמערס אַרום דער גרויסער וועלט־שטאָט לאָנדאָן, און אָט־אָט נעמען מיר שוין בויען א הויז . . . און שטאַלן פאַר עופות. געוואָלט האָבן מיר אַרבעטן אליין. איינער איז געווען א ספּעציאַליסט אין דעם פאַך און נאָך איינער זאָל אים העלפן, און צוויי וועלן נאָך בלייבן אין שטאָט אַרבעטן און אַרויסהעלפן פינאַנציעל. און אין אונזער האַרץ קלאַפּט שוין א פרייד. ענדלעך, ענדלעך און מיר וועלן קומען צו אונזער ציל. איך וויל שוין ניט אויסרעכענען אונזערע חשבונות וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט, איידער מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צום פּלאַץ אַלע זאַלבעפערט אָנהויבן בויען די געביידעס, און ענדלעך ווען מיר האָבן שוין אויסגעפּלאַנט אַלעס און אָט־אָט און מיר . . . — איז סטאָפּ מאַשינאַ! — האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אָן עפּעס וואָס מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן ווידער א סדרה לאַיערס און ד. גל.

און ערשט שפּעטער, ווען איינער פון אונזערע שותפים האָט אונז דערציילט זיין לעבנס־געשיכטע ווי אזוי אים אליין האָט גענומען 8 יאָר צו ווערן א פאַרמער, ביז מ'האָט זיינע ביינער צעמאָלן און ער איז אוועק מיטן שטעקן, און איצט האָט ער גערעכנט, אז אַלס א גרופּע וועלן מיר געוויס דורכפירן אונזער וואונטש, האָבן מיר ערשט פאַרשטאַנען, אז י. זאַנגוויל איז געווען א חכם א איד.

ומעשה שהיה כך היה: דאָ דערביי, האַרט לעבן אונזער פּלאַץ וואו מיר האָבן געזאָלט אויפשטעלן אונזער עופות־פאַרם, האָט געוואוינט אַ רייכער פּאַרמער וואָס האָט זיך מיט דריי יאָר צוריק דאָ באַזעצט און האָט דאָ איינגעפונדעוועט אַן עופות־פאַרם. נו, פאַרשטייט מען שוין אַליין, אַז מען האָט אונז געמאַכט אַזעלכע שוועריקייטן, אַז מיר מיט אונזערע שוואַכע כוחות האָבן זיך ניט געקענט אַנטקעגן שטעלן. מ׳האָט אונז פאַרבאָטן צו האַלטן עופות אויף יענעם פּלאַץ, ווייל דאָס פּלאַץ באַלאַנגט צו דעם שטעטל. אי, פאַרוואָס יענער? נו, גיי קלאָג זיך צום ונתנה תוקף!

אָט קוק איך אויף אונזער שותף, מר. מאַלשאַן, אַ איד אַ גבור, אַ ריז, מיט וויפיל האַרץ ער האָט אונז דערציילט זיין לעבנס־געשיכטע. האָט מיר מיין האַרץ געריסן. די פאַרפלוכטע סיסטעם, קיינער איז ניט פריי אין איר אָרדענונג, דו קענסט ניט זיין דאָס וואָס דו ווילסט. אויב דו ביסט מער צוגעפּאַסט פאַר דער פרייער נאַטור, מוזטו וואַלגערן זיך אין שטאָט. די ציוויליזאַציע לאָזט דיר ניט זיין אַ מענטש מיט זעלבסטווירדע, די ציוויליזאַציע פאָדערט פון דיר, דו מוזט וואוינען דאָרט וואו מ׳הייסט דיר און דו מוזט טאָן וואָס מען פאָדערט פון דיר.

און מיר האָבן דאַן באַשלאָסן אַנטלויפן, אַנטלויפן וואוהין די אויגן וועלן טראָגן, אַנטלויפן ערגעץ אין די ווילדערנישן, העט, העט וויט פון דער ציוויליזאַציע, מעג זיין מיט ווילדע חיות צוזאַמען — אַנטלויפן אויף דער לבנה, נאָר אַנטלויפן. ווייל צו שיין איז נאָך די געשיכטע פון ראָבינזאָן קרוזאָ, וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין זכרון. ווילדע זיינען ניט אַזוי געפערלעך ווי מען שטעלט זיך פאָר.

נו, פריינט, אָט די טיוולשע קראַפט האָט מיך פון מיין ליבלינגס־פּלאַץ, לאָנדאָן — די שטאָט פון וואונדער, ווי איך האָב עס גערופן — אַרויסגע־שטופּט. איז אייך איצט באַקאַנט די אורזאַך, וואָס האָט מיך געבראַכט קיין אידנברידזש. און וועגן דער מאַגנעטישער קראַפט וואָס האַלט מיך אין אידנ־ברידזש שוין 33 יאָר וועלן מיר ריידן שפּעטער.

ווי אזוי מיר האָבן זיך
דערוואוסט פון אידנברידזש

די ערשטע, ארום א מנין אידן, וואָס האָבן געשטעלט זייערע פיס אויף אידנברידזשער באָדן אין יאָר 1906, זיינען אהער געקומען פון אפריקע. זיי, ווייזט אויס, איז די הייסע אפריקאנער לופט ניט געווען געפעלן, זיינען זיי געקומען אהער אין אידנברידזש אָפּקילן זיך — און דאָ האָבן זיי טאַקע געפונען דעם ריכטיקן פּלאַץ אָפּצוקילן זיך. אָבער אריינקומענדיק אין אַזאַ גערדיכטן וואַלד, וואָס קיינער האָט ניט געוואוסט וואו איז זיין אָנהויב און וואו ער ענדיקט זיך, איז זיי דאָ אומעטיק געוואָרן. ס'האָט זיי געצויגן צו דער געזעלשאַפט פון מענטשלעכן מין, אַזאַ וואָס דאָ אין צפון־קאַנאַדע איז דאָס ניט געווען בנמצא. האָט מען זיך צעלאָזט על שבעה ימים, דורך צייטונגען און בריוו, צו פּרובירן כאַפּן אַזעלכע העכט וואָס וועלן איינ־שטימען צו קומען אהער און פארבלייבן דאָ מיט זיי.

מיר, די לאָנדאָנער, האָבן זיך דורך אַן אַרטיקל אין דער „וואַרהייט" אַרויפגעכאַפּט אויפן האַטשיק, און אַראָפּ פון אים האָבן מיר שוין נישט געקענט. און באַלד ווי מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז ערגעץ לעבן „עסקי־מאָסן־לאַנד" האָבן זיך אידן באַזעצט אויף לאַנד, האָבן מיר זיך אוועקגע־לאָזט איבער דעם אידישן ווייטשעפּל אין לאָנדאָן זוכן ווער ס'האָט פריינט אין קאַנאַדע. האָבן מיר טאַקע געפונען איינעם, ווער ס'האָט א שוועסטער מיט איר פאַמיליע טאַקע אין זעלביקן אידנברידזש, וואוהין ס'האָט אונז געצויגן ווי מיט א מאַגנעט, און דער מאַן פון אָט־דער שוועסטער — וואָס איז חוץ פּאַרמער אויך געווען שוחט, מוהל און מלמד, און בכלל דער רעליגיעזער פאָרשטייער פון דער קאָלאָניע — האָט ער, דער פּאַרמער־שוחט, אונז מיט זיינע באַגייסטערטע בריוו טאַקע אריבערגעצויגן אָן אָנשטרענגונג. ס'געדענקט זיך מיר נאָך זיינער א בריוו אין וועלכן ער שרייבט:

„וואַרפט אוועק די לאָנדאָנער פּאָגעם (טומאַנעס), וואָס עסן ארויס א שטיק האַרץ. וואַרפט אוועק יענעם קאָך; קוים גייסטו ארויס אין סטריט ביסטו ניט זיכער, אַז א מחבל אויף 4 רעדער וועט דיך אוועקלייגן אין מיטן

נאָס. וואַרפט אוועק די פינצטערע שעפער, וואו דו ביסט ניט זיכער אוועק צו גיין מיט א פייער. וואַרפט אוועק די באָסעס, וואָס לעבן אויף דיין שווייס און בלוט. וואַרפט אוועק יענע געזעלשאַפט פון צוויי פּנים'ער, וואָס זאָגן ניט וואָס זיי טראַכטן און טראַכטן ניט וואָס זיי זאָגן. קומט צו אונז. די לופט איז דאָ ממש א מחיה. דאָ בא אונז איז אַזוי שטיל און רואיק, אַז איינער מעג זיך ליגן שלאָפן אויפן מיטן וועג וועט אים קיינער נישט איבער־פאָרן, אפילו ניט אויפוועקן. דער וואַלד איז דאָ גרויס און דו קענסט זיך דאָ צעשפּרייטן ווי דיין האַרץ גלוסט. איר לעבט דאָ אויף אייער אייגענעם חשבון, און די געזעלשאַפט אונזערע וועט אייך זיכער אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס. קומט, העלפט אונז באַזיגן אָט־דעם אור־אַלטן וואַלד וואָס איז זיך טויזנטער יאָרן געוואַקסן אָן ווער ס'זאָל עס מיט א האַנט אָנרירן. קומט, פּילט אויס אונזער קאָלאָניע, וואָס נויטיקט זיך אַזוי אין פרישע כוחות. קומט, קומט, איר וועט קיין חרטה ניט האָבן".

נו, אדרבא, זייט א גזלן און הערט זיך ניט צו צו אַזא געבעט.

און געצויגן אויף לאַנד האָט אונז נאָך פון פריער. מיר זיינען שוין געווען האַלבע פּאַרמערס אַרום לאָנדאָן. מיר האָבן מיט אונזער גאַנצער אומשולד געגלויבט אין דער לעגענדע, אַז רייכע אידן ווילן באמונה שלמה קאָלאָניזירן אָרעמע אידן אויף לאַנד מיט זייערע פינאַנסן — פון וואָס ס'האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם מיט א פּאָליצע. ס'איז לא דובים ולא יער. ס'איז די אַלטע קללה, אַז קוים טוט ווען א רייכער נאָר א טראַכט וועגן עפּעס, כאַפּן דאָס אונטער די צייטונגען און מען צעשמירט עס אויף טעלערלעך. מען באַווייזט ממש מיט אותות ומופתים, אַז דער און דער איז א גרויסער בעל צדקה, כאָטש ס'איז ניט געשטויגן און ניט געפלויגן. עס איז טאַקע יאָ געווען איינער א באַראָן הירש, וואָס האָט יאָ געהאָלפן קאָלאָניזירן אידן אויף לאַנד. איז דאָס אָבער טאַקע געווען אפשר אן איין־און־איינציקער אויפן גאַנצן ערד־קוגל.

ס'קען זיין, אַז מ'האָט זיך פאַר אונז געשראָקן. מיר זיינען אפשר פאַר די גבירים אין (לאָנדאָן) געווען צו פריי. מיר האָבן זיך געוואָלט קאָלאָניזירן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, און אַזא זאַך האָט נאָך אין יענע יאָרן גע־שמעקט מיט רעוואָלוציע, רחמנא לצלן. און א דאַנק דעם פאַרשטאַרבענעם י. זאַנגוויל, דער פירער פון די דעמאָלדיקע טעריטאָריאַליסטן, האָבן מיר זיך אויסגעניכטערט פון אונזערע פאַנטאַזיעס, אַז די מיליאָנערן וועלן אונז העלפן מיט זייערע מיליאָנען. האָבן מיר זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם פּלאַן צו פאָרן אין קאַנאַדע.

:: :: ::

די ערשטע עקספּעדיציע פון לאָנדאָן

אין מאַי 1910, האָט זיך אַרויסגעלאָזט די ערשטע עקספּעדיציע פון לאָנדאָן קיין קאַנאַדע. אין יענער גרופּע איז אויך געווען מיין ברודער.

מיר האָבן אזוי אויסגעפּלאַנט, אַז ער זאָל פאָרן פריער און איך זאָל נאָך בלייבן שניידן פעלכלעך (איך בין געווען א פּאָריער) פאָרן באַלעבאָס, ביז איך וועל קענען אָפּשפּאָרן געננג אויף רייזע־הוצאות. אמת, אין יענע יאָרן אין לאָנדאָן האָט מען אין די פוטערוואַרג־פאַך מער ניט געקענט שפּאָרן ווי קישקע־געלט. אַז מען איז פון טיש אַוועק א הונגעריקער, האָט מען איינ־געשפּאָרט א פּאָר פּענים.

פון די בריוו וואָס מיר האָבן געקראָגן פון אונזערע עקספּעדיטאָרס פון קאַנאַדע איז געווען שווער צו וויסן אויב ס׳לוינט זיך אונז אויך צו פאָרן אהין, אָדער מיר זאָלן בלייבן אין לאָנדאָן. מ׳פלעגט אונז שרייבן אַזעלכע מאָדנע בריוו, אַז נאָר אמת׳ע פּאָליטיקער וואָלטן פון דעם עפּעס געקענט אַרויסקריגן און פאַרשטיין וואָס צו טאָן. מ׳האָט זיך, ווייזט אויס, אַביסל אָפּגעבריט און מ׳האָט אליין ניט געוואוסט אויב דאָס איז אַזאַ כראָנישע מגפה, פון וואָס מ׳קען שוין קיינמאָל נישט פּטור ווערן, אָדער דאָס איז ניט מער ווי צייטווייליק; אָט־אָט, נאָך אַ ווײַלע, נאָך א יאָר, און ס׳וועט זיך פאַרבעסערן. מען וועט זיך ביסלעכווייז צום וואַלד צוגעוואוינען און די אומשטענדן, מיט וועלכע מ׳וועט דאָ די ערשטע צייט געבענטשט, וועלן זיך בייטן צום בעסערן. אגב צוויי פון די עקספּעדיטאָרס, אייזיק קאָהען און איזי סיגל, האָבן געלאָזט זייערע פרויען אין לאָנדאָן, און זיי האָבן דאָרטן מער אַליין ניט געוואָלט זיין, און אין אויגוסט זיינען זיי געקומען צו זייערע מענער. האָט זיך די לאָנדאָנער משפּחה אין אידנברידזש אָנגעהויבן פאַרגרעסערן.

איך האָב זיך מיט לאָנדאָן ניט געוואָלט שיידן. א שטאָט — א גאַנצע מדינה, וואו איך האָב גייסטיק גענאָסן זייער פיל. קומענדיק פון אַלטן צאַרישן רוסלאַנד, וואו ס׳איז ניט געווען קיין פרייהייט פאַר קיינעם ניט, ובפרט פאַר אונז אידן — דאָ ניט שטיי, אַהין ניט גיי, דאָס ניט זאָג און אַנדערש ניט טראַכט, דאָס טאָרסטו ניט און דאָס אויך ניט; שמיר, צאָל כאַבאַר, אַז ניט איז דאָס לעבן ניט ניחא — איז פאַר מיר לאָנדאָן געווען אַ קוואַל פון פאַרגעניגן. פריי, ווי דער פויגל אין פעלד.

אָבער א ריי סיבות האָבן מיך פון לאָנדאָן אַרויסגעצויגן. איך האָב די לאָנדאָנער פּאָגעס ניט געקענט פאַרליידן, און דער ברודער האָט מיר דאָרטן געפעלט. איך האָב זיך אין דער גרעסטער וועלט־שטאָט דערפילט איינזאַם און עלנט. אגב, דעם שוחט׳ס בריוולעך, וואָס האָבן דיך געקענט פאַרטראָגן אין די הימלען, האָבן געהאַט זייער ווירקונג. און א קליינעם אויסשניט פון א צייטונג האָט מיין ברודער מיר צוגעשיקט פון אידנברידזש, וואו ס׳האָט זיך געלייענט, אַז זיי האָבן דורכגעפירט „די באָבע מיטן אייניקל" פון גאָלדפאַדען (איך האָב נאָך דעם אויסשניט היינט אויך—פאַר מיר איז דאָס היינט א 33־יאָריקער דאָקומענט), מיט די נעמען פון די שפּילער, מיט אַלע זיבן גליקן. אָט דאָס שטיקל פּאַפּיר האָט מיך איבערצייגט, אַז די אידנ־

ברידזשער פארמערס זיינען ניט פון יענעם מין אידן, ווי עס האָבן געהאט א שם די אמאָליקע ישוב׳ניקעס — א צוריקגעשטאָנענער און פאַרגרעבטער עלעמענט, מיט וועמען מען קען אַפּזיין יאָרן צוזאמען און ניט וויסן אויב אזא זאַך ווי גייסטיקער געגוס עקזיסטירט אין אונזער וועלט—נאָר מענטשן, מיט וועמען מען קען זיך אפילו אין מיטן וואלד ניט פארלירן.

אמת, דער פויגל איז טאַקע מיטן זינגען ניט זאט, אָבער מיר זיינען נאָך דאַן געווען יונג און שטארק, און קיין מוט האָט אונז ניט געפעלט, פאר פיזישע שוועריקייטן האָבן מיר זיך ניט געשראָקן, אדרבא, אונז האָט זיך גערוכט, אז די קאַפּריזן פון א באָס זיינען ערגער ווי די קאַפּריזן פון דער רויער נאַטור, פון וועלכער מיר האָבן נאָך דאַן ווייניק וואָס געוואוסט. און ס׳האָט אונז געצויגן צו אידנברידזש.

איך פאָר־מיט מיט דער צווייטער עקספעדיציע

אין מאַי, 1911־טן יאָר, האָט זיך א צווייטע עקספעדיציע פון 4 ארויסגעלאָזט פון לאָנדאָן, צו אידנברידזש, פון וועלכער איך און עלעק ספרינגמאַן זיינען געווען צוויי.

איך קען ניט פארגעסן יענעם פרייטיק אָוונט אויף דער סטאַנציע פון וואנען מיר זיינען אַפּגעפאָרן פון לאָנדאָן. גראד יענער אָוונט האָט מיך איבערראַשט וויפיל פריינט ס׳זיינען אונז געקומען ארויסבאַגלייטן; און ס׳האָט מיר געמאכט א סך גרינגער אויפן הארצן — אז אויב מיר האָבן אין לאָנדאָן געהאט אזוי פיל פריינט, איז פארוואָס זאָלן מיר דאָרטן, אין דער נייער וועלט, אין קאַנאַדע, אויך ניט האָבן קיין פריינט!

די רייזע אויפן ים איז פאר מיר געווען א פּיקניק. די שיף אונזערע, מיט וועלכער מיר זיינען געפאָרן, דער „טיטאַניק", וואָס האָט לעבן ברעג אויס־געקוקט ווי א ניו־יאָרקער הימל־קראַצער, איז אויפן ים געשוואומען אזוי ווי א שאָלעכץ פון א ניסל אויפן מיטן טייך. מיר, אזויפיל פּאַסאַזשירן מיט אזא מעכטיקער שיף, האָבן אויפן ים גאָר קיין וועלט ניט געהאט. ובפרט אז אנטקעגנאיבער אירלאנד, וואו מיר האָבן מיטן הוילן אויג געזען ווי דאָס לאנד באַוועגט זיך, האָט זיך אונזער שיף אָפּגעשטעלט אויף גאנצע 6 שטונדן און די מאַטראָסן האָבן ווי די רוחות ניט גערוט; מ׳איז געפלויגן ארויף און אראָפּ ביז אין וואַסער אריין; די גאנצע צייט האָט מען געגעבן סיגנאַלן. פילע, איבערהויפּט פרויען, האָבן זיך זייער געשראָקן. אימיצער האָט דערציילט, אז די שיף טרינקט זיך און די ידיעה האָט זיך צעשפרייט צווישן די פּאַסאַזשירן אזוי ווי א וואַלד־פייער. מיר האָבן דאָס ניט געקענט פארשטיין: אין מיטן טאָג, א קלאָרער וועטער, דאָס וואַסער רואיק, גלאַט ווי א שפּיגל; צו וואָס אזויפיל סיגנאַלן? ביז דער סטואַרד, מיט וועמען איך האָב זיך אויפן שיף באַקענט, האָט מיר דערקלערט, אז די שיף „טיטאַניק"

גייט צו קאנאדע דאָס ערשטע מאָל, און דאָס פּרוּוווּט מען די וואַסערן צו ס'איז געווען אַ שיף פּאַר איר, און סיגנאַלן גיט מען אויסצופּילן אַ ים־געזעץ.

און ווי גרויס אונזער שיף איז געווען, האָט זי זיך אין מיטן ים אַזוי צעוויגט, אַזוי ווי אַ פּילקע וואָס מען וואַרפט. ס'האָט אונז אַלעמען פון שלאָף אויפגעוועקט און אַרויסגעטריבן אויפן דעק. אָבער דער מבול, וואָס האָט ממש פאַרגאָסן דעם ים, האָט אונז צוריק געטריבן אין אונזערע קאַיוּטעס פון פערטן קלאַס. פאַרגיטיקט האָט מען אונזער שאָקלדיקע נאַכט, ווען מיר זיינען צוגעקומען נעענטער צו קאַנאַדער ברעגן און מען האָט אונז פון ווייטן געוויזן דורך פאַרגרעסערונגס־גלעזער שווימענדע בערג פון אייז. פון ווייטן קוקט עס אויס ווי טורעמס, געמאַכט פון מענטשלעכע הענט, שטעקן אַרויס פון ים. אַט פאַר די בערג ציטערן עס די קאַפּיטאַנען.

די פּראָצעדורע פון די אימיגראַציע־באַאַמטע אין קוויבעק איז פאַר אונז, וואָס זיינען געפאָרן אַזוי ווייט ווי צפון־מערב קאַנאַדע אויף לאַנד, געווען פון די גרינגסטע. זיי האָבן שוין מן הסתם געוואוסט, אַז האַמסטעדערס וועלן קיין האָניק ניט לעקן און מ'מעג אונז פאַרגינען די רייזע אָן שוועריקייטן.

„סטאַר־סיטי", מיין ערשטע קאַנאַדער סטאַנציע

קומענדיק אויף דער באַן צו דער לעצטער סטאַנציע, וואו דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופן סטאַר סיטי — דאָס מיינט אַז איך דאַרף אַראָפּקריכן — בין איך געבליבן איינער אַליין. עלעק ספּרינגמאַן האָט מען אין קוויבעק פאַרהאַלטן צוליב זיין קינדס אַ שלעכטע פּוס; און די אַנדערע צוויי מיטפאָרער זיינען אַראָפּ פריער מיט אַ סטאַנציע. זיי האָבן געזוכט אַרבעט. האָב איך עפּעס דערפילט אַזאַ מאָדנעם געפיל. פרייד, וואָס איך האָב אַזאַ ווייטן וועג דורכגעמאַכט בשלום, אָן קיינע אינצידענטן; און אָן אומעט — 4 אַזייגער פאַרטאָג, אין מיטן אַ טויט־שטילן וואַלד שטעקט עפּעס אַ שטיבלדאַך, און דאָס איז די סטאַנציע פון סטאַר סיטי. אַ „שטערן־שטאָט", ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט. אַ שטאָט, לאָמיר זאָגן, כאָטש פון עטלעכע טויזנט איינוואוינער. און דאָ איז שטיל ווי אין אַ ברונעם; קיין שטאָט זע איך ניט אין ערגעץ, און איך שטיי אונטערן ברעקל דאַך און ווייס ניט וואו צו גיין.

איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס מיין ברודער, וואָס האָט זיכער געקראָגן מיין בריוו פון לאָנדאָן ווען איך וועל אָנקומען, איז ניט געקומען צו דער סטאַנציע. איך ווייס, אַז מ'שרייבט אַ בריוו מוז דאָך עס אַמאָל אָנקומען. איך האָב אָבער ניט געוואוסט פון אַזאַ סאָרט ציוויליזאַציע, אַז אויב דער וועג איז שלעכט, איז דער וואָס פירט פאַנאַנדער די בריוו צו יעדער פּאָסט מיילן ווייט איינע פון צווייטע, ליגט ער עס אָפּ אויף אַ צווייטער וואָך, — ניט היינט איז איבעראַכטאָג. און מיין ברודער האָט מיין

בריוו געקראָגן מיט איין טאָג פריער איידער איך בין געקומען, און פאר איין טאָג מיט א נאכט האט מען די 20 מייל פון אידנברידזש ביז סטאר סיטי אין ענדע מאי ניט געקענט מאכן.

דערווייל שטייענדיק אזוי אונטער א ברעג דעכל, האָב איך באמערקט אז עפעס א באשעפעניש — כ'וואָלט זאָגן אז דאָס איז א מענטש — באוועגט זיך אין א גראָבן קעגנאיבער מיר. האָב איך זיך דערפרייט: א מענטש אין מיטן וואלד קען זיין א פריינט. איך קוק זיך צו; איז צו ערשט האָב איך באטראכט די צוויי „פליערס", (אָקסן) געשפאנט אין שטריקלעך, און עפעס א לאנגער טאראדורע וואָס איך זע צום ערשטן מאָל אין לעבן. און הערנער! אוי ווייי — ווי קענען זיי דאָס איינהאלטן אויפן קאָפ! ליגן זיי זיך אזוי אין שפאן און קייען און האָבן די גאנצע ציוויליזאציע ערגעץ אנדערש.

פון דעם מענטש האָב איך מער ניט געזען ווי א פּאָר לאנגע פיס אין פארבלאָטיקטע אָוועראָלס, וואָס איז פאר מיר געווען א רעטעניש וואָס פאר א קאָליר דאָס איז געווען נייערהייט. אויפן קאָפּ א פאפאכע אריבער די אויערן, און כ'וואָלט זאָגן, אז אויף די פּליִיצעס איז עפעס געווען אזא בגד וואָס איז שווער צו אורטיילן וואָס דאָס איז. איז דאָס א פעלץ — איז צו וואָס ענדע מאי א פעליץ? איז דאָס א מעקינא — איז פארוואָס שטעקן פון דאָרטן ארויס לאָקן ווי פון א הונט? און קוקנדיק אזוי אויף דעם נפש, ווי ער כראָפּעט עס אזוי געשמאק, האָב איך אים באלד מקנא געווען. איך, אין דעם לאָנדאָנער הילוך, מיט דינינקע שיכלעך, אין א זומערדיקן מאנטל האָט מיר געטרייסלט א צאָן אָן א צאָן פון קעלט.

ווייזט זיך ארויס, אז דער מענטש איז שוין דאָ א פארמער פון 8 יאָר צייט און וואוינט 9 מייל פון דער סטאנציע און ער פירט יעדנס קאנען מיט קרים צו דער באַן. פאָרט ער ארויס פון דער היים 6 אזייגער פארנאכט און פאָרט א גאנצע נאכט ביז ער כאפּט די באַן 4 אזייגער אין דער פרי, און דאָ אין גראָבן איז דאָס זיין האָטעל וואו אָפּצורוען.

אָט דער פארמער איז גראד געווען זייער אָן אָנגעלייענטער, געקענט כמעט אלע רוסישע און אמעריקאנישע קלאסיקער אויף אויסנווייניק; און ער האָט מיך דאָ פארוויילט מיט א לעקציע פון פאָליטישער עקאָנאָמיע. ווען איך האָב אים דערציילט אז איך פיר מיט זיך פון לאָנדאָן א 200 ביכער און זשורנאלן, האָב איך באמערקט אז בא דעם מאן פליען פונקען פון די אויגן; ער וואָלט עס אָט דאָ ליגנדיק איינגעשלונגען.

אָט דער ערשטער ברוך הבא, די באגעגעניש מיטן פארמער, האָט מיר א טיאָכקע געטאָן אונטערן לעפעלע. הייסט עס א מענטש איז שוין דאָ אזוי לאנג ווי 8 יאָר, האָט זיך ארויפגעארבעט אויף אזעלכע צוויי פליערס מיט א שטריקלנעם שפאן, און איז פיר און צוואנציק שטונדן אין וועג פאָר אָנדערהאלבן דאָלער — איז דאָס ווען ער שלאָפט אין גראָבן און די אָקסן אויפן מיטן וועג; ווען ער דארף צאָלן פארן עסן, בלייבט אים גארניטשט.

און מ׳קען זיך שוין פֿאָרשטעלן אַז מ׳פֿאַרקויפֿט די סמעטענע, בלייבט פֿאַר זיך די זויער־מילך. איז ווי קומט עס, אַז פֿאַר די אַכט יאָר זאָל ער נאָך ניט קענען די סמעטענע אַליין עסן? איז אורטיילט אַליין וואָס איך האָב דאָן דורכ־געטראַכט.

:: :: ::

„האַלאָ! האַלאָ!" איינער שטופּט מיר אַ האַנט מיט אַ שלום עליכם. אימיצער פֿאַלט אויף מיר קושן מיך. איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט ווי פֿון טיפֿן שלאָף. איך באַגעגן דאַכט מיר באַקאַנטע פּנים׳ער. דאַכט זיך, אייזיק קאָהען מיט זיינע ברייטע פּלייצעס; דאַכט מיר, מיין ברודער.

אָבער גוואַלד, דער הילוך! די זעלבע פֿאַרבלאָטיקטע אָוועראָלס, ווי בײַ יענעם פֿאַרמער מיט וועמען איך האָב זיך אין גראָבן באַקענט. די זעלבע פּאַפּאַכעס אויפֿן קאָפּ אַריבער די אויערן. פֿעלצלעך? דאַכט זיך — יע. אָבער וואו זיינען אַהינגעקומען די ווייסע ווייכע הענטלעך מיט די גאָלדענע רינגען אויף די פֿינגער, די ציכטיקע אָנצוגן אין וועלכע מ׳איז פֿון לאָנדאָן אַרויסגע־פֿאָרן? אַלץ וואָס עס איז זיי געבליבן אָפּגעשפּאָרט פֿאַר דער צייט וואָס זיי זיינען דאָ, איז פֿון זון־פֿאַרברוינטע פּנים׳ער און האַרטע פֿאַרמאַזאָליעטע הענט, זייער אַ ליבלעכן שמייכל אויף די ליפּן און אַ וואַרעמע האַרץ. און „נעווער מיינד" אָט די אַלע פֿריערדיקע שרעקן. אָט די צוויי אייגנשאַפֿטן האָבן מיך באַלד געפֿאַנגען, און אין פֿינף מינוט אַרום בין איך שוין געווען אויסגעמישט מיט באַקאַנטע און ניט־באַקאַנטע אידן. אַלע איין משפּחה, פֿריינט.

און אַזוי ווי בײַ אידן אַן אַסיפֿה דאַרף מען ניט קויפֿן — גערעדט און געטאָן, איז טאַקע דאָרטן אין סטאָר־סיטי באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל צופֿאָרן נאָך אין אַ שטעטל 14 מייל, וואו ס׳איז דאָ אַ לאַנד־אָפּיס, און איך זאָל אַריינפֿאָרן אין אידנברידזש אַ פֿאַרטיקער באַלעבעסל פֿון 160 אַקער (געדיכטן וואַלד).

די דריי אידן, וואָס זיינען געפֿאָרן צו יענעם שטעטל און וואָס האָבן מיך געדאַרפֿט נעמען אונטער זייער שוץ, האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט: איינער, אַ איד מיט אַ געלן בערדל, אַ איד אַ גבור, מיט קלוגע אויגן, און דער קאָפּ איז אָנגעשטאָפּט מיט פּלענער, יעקב לייב ראַטנער. נאָך איינער, אויך אַ שטאַרקער איד, זיכער אַ שווערער אַרבעטער, חיים עליע קעצעף, און אַ דריי־טער איד, אַ בלייכער, אַ צעקראַכענער, רעדט אַ סך און איז אויך פֿול מיט פּלענער, דייוו שטין.

די רייזע אונזערע — אָן אַ שום סימן פֿון אַ וועג, נאָר אַ געדיכטער וואַלד, און צווישן די זומפּן, וואו די וואַסער האָט אונז פֿאַרשפּריצט פֿון אויבן ביז אַראָפּ. און ווי אין מיטן האָט זיך דער ווינט געגעבן אַ דריי איבער אין אַ שניי־שטורעם דעם 26־טן מאַי. אוי, וויי! און דאָרטן אין שטעטלדיקן האָטעל, וואו מיר זיינען געשטאַנען 2 טעג ווייל ס׳האָט אָנגעדרייט אַזויפֿיל

שניי, אז ס'איז געווען מורא'דיק פֿאַרשאַטן צו ווערן — דאָס האָט מען גע־מעגט פֿאַרשטעלן אין אַ פֿילם־בילד.

נאָך וואָס פֿאָרן אידן אין שטעטל פֿאַר 35 מייל, דאַן ווען דער וועג איז אַזוי שלעכט? יעקב לייב ראַטנער, אָדער ווי מען האָט אים דאָ גערופֿן פּאַרקירצט דזשיי. על., האָט געפֿירט איינעם פֿון זיינע פֿערד צום דאָקטאָר. ער האָט געקויפֿט אַ פּאָר פֿערד פֿאַר 575 דאָלער. האָט איינער באַלד געכאַפּט אַ ציטער און איז געפֿאַלן. יענע יאָרן האָבן נאָך פֿאַרמערס אין אַ נייעם ישוב קיין אייגענע פֿערד ניט געקענט האָבן; פֿלעגט מען אַהער ברענגען פֿערד פֿון דעם מזרח, וואו דער קלימאַט איז ניט אַזוי קאַלט; פֿלעגן זיי דאָ אין קאַלטן צפֿון פֿאַלן ווי די פֿליגן. דערצו זיינען זיי געווען אַזוי טייער. די ווייטע וועג צום ברענגען האָט געקאָסט טייער. אָבער די הויפּט־אורזאַך פֿונעם יקרות איז דאָס וואָס „גרינע", ערשט־אָנגעקומענע, וואָס האָבן ווייניק וואָס געוואוסט וועגן פֿערד, איז געווען זייער גרינג צו נאַרן. ווער ס'זאָל דאָ געבן אַן עצה איז ניט געווען, איז וויפֿיל מען האָט געבעטן האָט מען געצאָלט. אגב, האָט מען פֿאַר פֿערד צוגעבאָרגט געלט. דעם קרן פֿלעגן זיי אַרויסקריגן פֿון ערשטן איינצאָל, האָט זיך זיי שוין געלוינט דאָס איבעריקע צו באָרגן אויף הויכע פּראָצענטן; און ביז מ'האָט די פֿערד געקענט אויסצאָלן מיט די הויכע פּראָצענטן זיינען שוין די מערסטע פֿערד אויף דער וועלט ניט געווען, און מ'האָט נאָך געצאָלט פֿיל יאָרן שפּעטער פֿאַר גע'פּגר'טע פֿערד.

איז אָט דער דזשיי. על. האָט געפֿירט דעם צווייטן פֿערד צום דאָקטאָר פֿאַר 35 מייל (וואָס ס'האָט אים גענומען באַלד אַ גאַנצע וואָך צו דערפֿאָרן) צו זען אויב דער צווייטער פֿערד איז ניט קיין פּאַרקילטער.

די אַנדערע צוויי אידן זיינען געפֿאָרן אין יענעם שטעטל, מעלפֿאָרט, קריגן אַ הלוואה פֿון דער „יק'א".

נאָכדעם ווי מיר זיינען אין מעלפֿאָרט — וואו ס'איז אויך געווען דער לאַנד־אָפֿיס, וואו איך האָב געקראָגן מיין פֿערטל לאַנד — אָפּגעווען באַלד 3 טעג, ווייל ס'איז עפּעס געווען אַן אָפּהאַלט אַרויסצוקריגן דאָס געלט, עפּעס זיינען די פּאַפּירן ניט געווען אין דער ריכטיקער אָרדענונג און אגב האָט אונז אַ שניי־שטורעם ניט געלאָזט אַרויספֿאָרן, זיינען מיר אין אַ אָוונט אַרויסגעפֿאָרן צוריק אַהיים.

אונזער רייזע אַהיים זאָל אונז קיינער ניט מקנא זיין. בלאָטעס אַריבער די רעדער; די פֿערד קוים וואָס זיי האָבן זייערע פֿיס געשלעפּט, און מיר, פֿאַרשפּריצטע, פֿאַרבלאָטיקטע פֿון אויבן ביז אַראָפּ, זיינען געלעגן אין אַ הוילן וואָגן אָן אַ ברעקל שטרוי אונטערן זייט און האָבן געדרעמלט. פֿון צייט צו צייט האָבן מיר זיך אויפֿגעכאַפּט, ווען אַ ראָד פֿלעגט פֿאַרטשעפּען אַ בוים וואָס איז געשטאַנען נאָענט צום וועג, און מען האָט געדאַרפֿט דעם וואָגן אָפּשטופּן אָן אַ זייט.

די פֿערד, ווען ס'איז ניט זייער באַקוועם געווען צו שטיין אין

שטעטל מיטן שפּאָן אויף זיך, האָבן זייער געאײַלט אהיים און דערפאר איז געוועזן אזא קפיצת הדרך. מ׳האָט זיך אויפן וועג אין ערגעץ נישט אָפּגע־שטעלט ביז מיר זיינען געקומען צום ערשטן אידישן פאַרמער, וואָס אויפן וועג אהיים איז ער דער נאָענטסטער צום שטעטל. די פערד איז, ווייזט אויס, שוין דער פּלאַץ געווען באַקאַנט. אגב, זיינען זיי געווען זייער הונגעריק און שטאַרק פאַרמאַטערט. איז מען גלייך צוגעקומען צו דער שטאַל וואו זיי האָבן דערפילט דעם געשמאַקן טעם פון גוטן היי, וואָס איז געלעגן דערביי. האָבן מיר זיך פון פּלוצימדיקן אָפּשטעל אלע אויפגעכאַפּט. און כאָטש אונזערע זייטן האָבן זיך א גאנצע נאַכט געשאָקלט, און ווען ניט אונזערע קליידער וואָלטן זיך מעגלעך אונזערע ביינער ארויסגעשאָטן אין וואָגן, איז אָבער די ערשטע באַגעגעניש מיט אזא פריינטלעכן „האלאָו", מיט אזא הארציקן שלום עליכם, מיט אזא פריידנס אויסגעשריי „אידן קומען!" — האָט זיך אונז געדאכט, אז מיר זיינען גאָר געשלאָפן אויף א פערענע מיט ווייסן פּוך אָנגעפּילט, און מיר פילן זיך אזוי גוט, ניט פאַרמאַטערט. באַזונדערס איז מיין האַנט אריינגעפאַלן אין א האַנט וואָס איז געווען באַלד צוויי מאָל אזוי גרויס, און אזא פאַרמאָזאָליעטע, א הארטע, אָבער אזא ווארעמע, מיט אזא ליבלעכן שמייכל, פון וועלכן ס׳האָבן ארויסגעשיינט אזעלכע ווייסע שטאַרקע ציין.

„אָט דאָס זייט איר עס דייוו אוסישקינס ברודער פון לאָנדאָן? מיר ווארטן שוין אויף אייך לאַנג. און ווער איז מיט אייך צוזאַמען נאָך געקומען? מיר דארפן אהער אידן, אידן, איבערהויפּט מוטיקע, ניט קיין צעקראָכענע, וועמען ס׳שרעקט יעדע קלייניקייט. מיר האָבן דאָ פאר זיך אזא מורא׳דיקע ארבעט. דאָס דארפן מיר ארויסרייסן, די בלאָטעס דארפן מיר פארשיטן, אונזערע וועגן דארפן זיין גוטע, אז מיר זאָלן זיך קענען פריי באַוועגן. מיר מוזן זען צו האָבן הנאה פון אונזער לעבן. פאר דעם זיינען מיר אהער געקומען.

„אָבער ווער זייט איר" — פרעג איך אים . . . „מה שמכם?"

פון גרויס פרייד וואָס אידן קומען האָט ער זיך פארגעסן צו זאָגן זיין נאָמען.

„מיין נאָמען איז דזשאָו פּולמאַן. איך קען זיך מיט אייער ברודער זייער גוט. מיר זיינען זייער גוט באַפריינדעט. איך ארבעט איצט דאָ באַ דעם פארמער, אָבער באַלד ענדיקט זיך דאָ מיין ארבעט און איך וועל זיין אין גיכן אין דערהיים און מיר וועלן זיך אָפּטער זען. און איך בין זיכער, אז אונזער ווינקל וועט איצט ממש אויפלעבן. יונגע מענטשן מיט יונגע בלוטן זיצן ניט מיט קיין פארלייגטע הענט".

מיד האָט אָבער געוואונדערט: איך זע די מענער, קינדער און א פרוי, וואָס האָט אונז זייער פריינטלעך איינגעלאַדן אריינצוקומען אין הויז נעמען עפּעס אין מויל אריין. אָבער גוואַלד, וואו איז די הויז און וואו איז דאָ א

מיר אריינצוגיין? אז איך זע פאר זיך ניט מער ווי א גרויסן קאסטן, אין וועלכן מ׳קען אין בעסטן פאל האלטן צוויי טוצן גענז. און איך האב אלץ געוואַרט ווער ס׳איז פון די מענער זאל גיין פריער און ווייזן מיר ווי אזוי מען קען אריין אין א הויז, וואָס איך זע דאָ ניט ארום מיר, און וואוהין מען לאדט אונז איין אזוי פריינטלעך און וואוהין ס׳האט מיך געצויגן אריינ־צוגיין.

און אָט אין דעם קאסטן האט געוואוינט א פאמיליע מיט קינדער, און אידן וואס פלעגן פאָרן צום שטעטל פלעגן זיך דאָ אָפּשטעלן רוען, און ניט איינמאָל האָט מען געקענט הערן ווען אידן פלעגן צופאָרן אין מיטן נאכט:

„ראשיע, קריך ארויס פון בעט, לאָמיר לאָזן אידן פארמאטערטע פון וועג אָפּרוען, מיר וועלן זיך שוין מאָרגן אויסרוען״.

און זי פלעגט ענטפערן:

„קאדעש, דו גיי העלף אויסשפאַנען און זאל מען גיכער אריין אין הויז, אָט האב איך שוין פארטיק טיי און עפּעס צובייסן״.

און אידן זיינען דאָרט אין דרויסן ניט געבליבן שלאָפן און קיין הונגעריקע קיינמאל ניט אוועקגעפאָרן.

און אָט דער יונגער ברייט־פלייציקער און פון זון־פארברענטער דזשאָו פולמאַן האָט מיך געוואָלט צופרידנשטעלן מיט וואָס ניט איז, האָט ער פאַר מיר דערציילט וואָס פאר א הויז מיין ברודער האָט עס אויסגעבויט אויף זיין האָמסטעד, אהין וואו איך דארף אריינפאָרן. די שענסטע הויז פון אלע אנדערע בעטשלאָרס. און ער האָט עס מיר איבערגעגעבן מיט אלע קליפּער־לעך — די גרויס, די ארכיטעקטור און די מאטעריאלן פון וואָס ס׳איז געבויט, ווי אזוי מען האָט עס אין יענער צייט אָן א סימן פון וועג געקראָגן, און וויפיל דאָס האָט געקאָסט. ער איז אין יענעם מאָמענט ממש געווען אין זיבעטן הימל. מ׳האָט געקענט פילן, אז דער מענטש האָט פון דעם אליין מורא׳דיק הנאה. און לויט זיין דערציילן האָב איך זיך דערוואוסט, אז די גרויס פון דעם פאַלאַץ איז 18 פוס לאנג און 14 פוס ברייט. די ווענט — איין אינטש גראָב מיט א דינעם פאפיר אינווייניק: דאָס האָט געזאָלט אָפּהאַלטן דעם ווינט. דער דיל — דריי פערטל באַדעקט מיט קרומע פראָסטע ברעטלעך, און פון די זעלבע ברעטלעך איז אויך צוגעדעקט דער דאך, מיט א דינעם פאפיר אריבערגעדעקט פון אויבן, און דאָס האָט געדאַרפט אָפּהאַלטן דעם רעגן, אז עס זאל ניט רינען אין הויז. האָט עס געקאָסט $21.10. און גלאָז פאר די פענסטער, טשוועקעס און א קליאמקע צום טיר, מיט זאוויעסקעס — א סומע פון $2.29, איז צוזאמען אזויפיל ווי $23.39. און דאָס אלעס האָט ער נאָך מיטאמאל ניט געקענט איינקויפן, האָט ער נאָך פאר דעם אביסל צו־געארבעט. און פון די מאטעריאלן איז נאָך געבליבן פאר א בענקל מיט א טיש.

יענעם טיש האָב איך נאָך איצט. און פון די מאַטעריאַלן פון וואָס דאָס איז געמאַכט געוואָרן קען מען זיך פאָרשטעלן די זעג־מילן אַמאָליקע, ווי זיי זיינען געווען צוזאַמענגעשעלט אַזוי, אַז ווען א ברעטל איז פון איין זייט איין אינטש גראָב און 6 אינטשעס ברייט איז עס פון צווייטן זייט 1½ אינטשעס גראָב און 2 אינטשעס ברייטער. און פון די מאַטעריאַלן האָט זיך אידנברידזש געבויט, און איבערהויפּט טאַקע אונזער ווינקל, וואו ס'האָבן זיך באַזעצט די לאָנדאָנער.

מײַן ערשטער שפּאַציר צו דער פּאָסט

דאָס איז געווען באַלד ווי איך בין געקומען אין אידנברידזש, ווען איך בין נאָך מיט דער ווילדערניש ניט געווען באַקאַנט. האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו גיין נאָך פּאָסט. עפּעס איז מיר אויסגעקומען אומעטיק צו זיצן אַזוי אָן אַ צײַטונג, און אפשר וועט אַ בריוו זײַן. אמת, דער וואַלד איז פול מיט לעבן. די פייגעלעך זינגען צו דער זון, וואָס איז אַ גאַנץ ווינטער געלעגן ערגעץ אַ פאַרפרוירענע און איז איצט אין פרילינג אַרויסגעקומען אָנוואַרעמען זיך. אויך די חיות זײַנען רירעוודיק. מ'לויפט, מ'שטיפט; ס'דוכט זיך, אַז זיי זײַנען ניט בעסער פון די מענטשן אין דער גרויסער שטאָט. די זשאַבעס אין די בלאָטעס פאַרטומלען דעם קאָפּ. נאָר די בלאָטעס אַליין זײַנען שטיל און ליגן צעשפּרייט איבערן גאַנצן וואַלד. ס'איז זייער צײַט. און טאַקע דערפאַר ווערט עס פון יעדן מייל — דרײַ מייל. עס איז ווײַט אַרומצוגיין זיי.

מײַן ברודער האָט מיך גראָד געוואָרנט, אַז איך זאָל ניט גיין. איינס, האָט ער גע'טענה'ט, ווי קענסטו גיין זעקס מייל צו דער פּאָסט אָן שום אָנדײַטונג פון עפּעס אַ וועג? דו קענסט דאָך פאַרקריכן העט־העט אין יעהופּעץ און מיר וועלן דיך דאַרפן גיין זוכן, ווי מיר האָבן עס געהאַט מיט דזשעק בראָידי, וואָס איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין וואַלד אויף צוויי טעג — און סך הכל איז ער געווען אַ מייל פון דער היים, אָבער ער האָט ניט געקענט טרעפן וואו צו גיין. צווייטנס, זאָגט ער, קענסטו נאָך אַרײַנפאַלן אין אַ בלאָטע, וואו דו וועסט כאַפּן אַן אומזיסטע מקוה און דו וועסט זיך גוט צוקילן און עס וועט דיך קאָסטן טײַער. און דריטנס, האָט ער גע'טענה'ט, וועסטו דאָך די זעקס מייל דורכן וואַלד פאַר איין טאָג ניט דורכקריכן, און אַזוי ווי דו קענסט דאָ נאָך קיינעם ניט, וועסטו ניט האָבן וואו איבערצונעכטיקן אין וועג.

און בכלל, ווי קען דאָס אַ מענטש אָוועקלאָזן זיך אין אַזאַ מהלך אין לאָנדאָנער שיכלעך, וואָס טויגן נאָר פאַר אַ טראָטואַר.

איך האָב געֿ׳טענה׳עט, אַז איך בין געקומען אהער ניט אויף רבנות און אַז איך האָב ניט מורא פאַר צונעצן די שיך און איך שרעק זיך ניט פאַר אַזעלכע קליינינקייטן.

און מיין ברודער, וואָס איז געקומען אהער מיט אַ יאָר פריער און האָט שוין אַביסל געקענט דעם געגנט, האָט מיר געגעבן פאַרשיידענע סימנים כדי איך זאָל בעסער טרעפן ווי צו גיין.

„אָט־דאָ״ ווייזט ער מיר מיטן פינגער, „וועסטו גיין מיטן שטיקל פעלד צו דער וועסט ביז דו וועסט קומען צו אַן איבערגעבראָכענעם פּלאָקן, וואָס שטייט לעבן פּענס. פון דאָרטן זאָלסטו גיין לינקס ביז דו וועסט קומען צו אַ גרויסער בלאָטע. דערנאָך זאָלסטו גיין רעכטס ביז דו וועסט צוקומען צו אַ גראָבן, וואָס די נאַטור אליין האָט געמאַכט; זאָלסטו ארומגיין דעם גראָבן ביז דו וועסט צוקומען צו אַ ריזיקן בוים, וואָס איז פון אַ שטורעם איינגעפאַלן און איז געבליבן הענגען אויף אַן אַנדערן ניט קיין קלענערן בוים. און נאָך עטלעכע שריט ווייטער וועסטו צוקומען צו אַ צווייטער, נאָך אַ גרעסערער בלאָטע, מיט היבשע עטלעכע קופּעס פון אַזעלכע גראָבע גראָזן מיט ריטלעך. דאָס זיינען די וואוינונגען פון די וואַסער־ראַצן, וואָס זיינען דאָ פאַראַן געננוג. דאָרטן טו זיך אַ קער לינקס און דו וועסט קומען צו אַזאַ געדיכטעניש פון ווילדע בוימער, וואָס וואַקסן ארום נידעריקע פּלעצער, און וואָס נאָר אַ טויזנט־יאָריקער וואַלד קען זיך פאַרגינען אַזעלכע צו האָבן. גיי דאָ ארום צו רעכטס און דאָרטן איז — אָדער דו וועסט הערן קרייען אַ האָן אָדער דו וועסט הערן אייזיק קאָהענס אַ חזנות־דריידל, מיט וועלכן דער וואַלד איז פול. און אַז דו וועסט קומען ביז אייזיקן האָסטו שוין דורכ־געמאַכט דריי פערטל מייל. ווייטער וועט דיר שוין אייזיק אויסמאָלן אַ לאַנד־קאַרטע ביז אַ צווייטן שכן, צו רייזינגען, און אַזוי וועסטו גיין פון איין שכן ביזן צווייטן, ביז דו וועסט קומען צו דער פּאָסט. נאָר פאַרלאָז זיך ניט אויפן בילן פון אַ הונט. דאָס קען אַמאָל נאָכלויפן אַ העזל און פאַרפירן דיך אין בויבעריק. די מערסטע שכנים לאָזן פון זיך הערן מיט געזאַנג, אָדער סתם הוקען, און דאָס דינט פאַר פאַרבייגייער, אַז זיי זאָלן ניט פאַרבלאָנדזשעט ווערן.

„זאָלסט זיך ניט שרעקן פאַר קיין חיות״, האָט מיר מיין ברודער ווייטער אָנגעזאָגט. „קיינער וועט דיך דאָ ניט טשעפּען, אויב דו וועסט זיי ניט אָנ־רירן. דו וועסט דאָ באַגעגענען ריזיקע חיות מיט מורא׳דיקע הערנער. דאָס זיינען אַזעלכע הירשן, וואָס לויפן ארום די מערסטע צייט פּאָרוויז. אָבער דו גיי זיך דיין וועג און קוק זיך אויף זיי ניט אום, וועלן זיי זיך אויף דיר אויך ניט אומקוקן. פאַר זיי ביסטו אויך אַ וואַלד־חיה און דו האָסט אַ רעכט אויפן וואַלד. די וואַסער־ראַצן, וואָס דו וועסט באַגעגענען זיינען אַזעלכע מיאוס׳ע חיות, מיט אַ הויל שוואַרצן עק אָן האָר. זאָלסטו אויך זיי

לאָזן צו רו און טשעפּע זיי ניט, ווייל ווען מען גרייפט זיי אָן און עס האָט ניט וואו צו אַנטלויפן, שפּרינגט עס גלייך אין פּנים אריין.

„און נאָך פּאר אַ חיה׳לע, אַ שוואַרצם מיט אַ ווייסן רוקן, זאָלסטו זיך היטן און ניט פאַרטשעפּען זי. דאָס בייסט זיך ניט, נאָר זי ווערט זיך קעגן איר אָנגרייפער מיט אַזאַ פליסיקייט, וואָס זי שפּריצט פון זיך אַרוים, און דאָס האָט אַ געפערלעכן ריח וואָס נעמט פון דריי ביז פיר מאָנאַטן ביז עס וועפּט זיך אוים.

„דו וועסט אויך באַגעגענען קליינע הירשלעך, האָזן, גאָפערס, בעדזשערס, קאָיאָטן, און אַלערליי אַנדערע חיות" — און מיין ברודער האָט מיר דאָ געגעבן אַ גאַנצע לעקציע אין זאָאָלאָגיע.

:: :: ::

איך האָב זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין מאָנטיק אין דער פרי, אָן אָנגעלאָדענער מיט וויסן. דער גאַנצער וואַלד איז באַ מיר געווען אויף די פינגער און איך האָב שוין געקענט די גאַנצע געאָגראַפישע לאַגע פונעם אידנברידזשער וואַלד אויף אויסנווייניק. און אָט די וויסנשאַפט איז מיר טאַקע גוט צונוץ געקומען.

איך בין אַזוי געגאַנגען פון איין שבן צום צווייטן; פון איין שטיק וואַלד אַרוים, אין אַ צווייטן אַריין; פון איין בלאָטע אַרוים, אין אַ צווייטער אַריין — ביז איך האָב דערפילט, אַז איך בענק נאָך אַן עלעקטרישער סטריטקאַר, וואָס זאָל כאָטש זיין געשפּאַנט מיט אָקסן. פון מיינע שטאָטישע שיך זיינען שוין געוואָרן פלעצלעך, אָבער אַזוי ווי איינגאַנצן אַוועקוואַרפן זיי האָב איך ניט געקענט, האָב איך צעריסן אַ נאָז־טיכל אין שמאָלע פאַסן און האָב צוגעבונדן די פלעצלעך צו די פיס.

ענדלעך האָב איך דערפילט, אַז איך קען זיך שוין מער ניט רירן. מיינע פיס האָבן געפאָדערט אַ זיץ־סטרייק אונטער אַלע אומשטענדן. האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ברייטן וואָרצל פון אַ בוים און האָב גענומען וואַרטן ביז אימיצער וועט דורכפאָרן. זיצנדיק אַזוי האָב איך איינגעדרעמלט און דער גרעסטער גביר נאָך דער בעסטער וועטשערע וואָלט נישט געקענט אַזוי געשמאַק שלאָפן, ווי איך בין געשלאָפן אויפן וואָרצל פון אַ בוים אין מיטן וואַלד, אַ הונגעריקער.

ווי לאַנג איך האָב אַזוי געדרימלט ווייס איך ניט. איך האָב אָבער דערפילט, אַז אימיצער שאָקלט און וועקט מיך און איך קען זיך ניט דערמאָנען וואו איך בין און ווי איך קום אַהער. איך זע אַ פרוי מיט צוויי קליינע קינדער און זי וועקט מיך פאַרצווייפלט. זי רעדט אַ צעבראָכענעם ענגליש, אַ צעברעקלטן רוסיש און אַ גאַנץ פיינעם אידיש, און הפּנים אָט דאָס אידיש האָט מיך אויפגעוועקט.

איך קוק אָן אָט די קאָמפּאַניע און פרעג זיי, ווי קומען זיי אַהער אין

אזא טיפן וואלד. און זי צעלאכט זיך. „אין א טיפן וואלד? אט צוויי טריט פון דאנען, הינטער אט דער גרויסער ווילא־בוים, איז אונזער הויז".

עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז די פרוי, וואס האט מיך „געפונען" אין וואלד, איז מיין לאנדספרוי און קומט פון איין שטאט מיט מיר. זי קען מיין גאנצע משפחה.

קיין מאן זע איך ניט אין הויז. איך זע נאך דעם קופע האלץ לעבן טיר, אז דאס איז די ארבעט פון דער פרוי, אדער פון די ברעקלעך קינדער. דאס האלץ איז גיכער איבערגעבראכן, ווי צעהאקט. אויך איז דאס האלץ געקליבן פון דער ערד, ניט אפגעהאקט פון א בוים.

איך האב זיך טאקע באלד דערוואוסט, אז דער מאן אירער, אויך מיינער א לאנדסמאן, איז אוועק ארבעטן שוין די זעקסטע וואך, ארום 30 מייל פון דער היים. מען מוז דאך פון עפעס מאכן א לעבן. ער איז געווען אין לאנדאן אן ארבעטער און קיין געלט האט ער פון דארט ניט מיטגע־בראכט, איז טאקע ניטא קיין סענט בא דער נשמה.

„איר זעט דאס הויז", זאגט זי, „ס'איז שוין בא אונז דאס צווייטע. איינע איז פארברענט געווארן פון א וואלד־פייער. קיין שטיקל פעלד, וואס זאל אפהאלטן דאס פייער איז ניטא. נאך א נס, וואס מיר אליין זיינען געבליבן גאנץ. און ווען מיין מאן איז אוועק פארדינען א סענט, איז די גאנצע ארבעט געבליבן אויף מיר מיט מיינע פיצלעך קינדער. זיי טראגן צוזאמען שטיקלעך האלץ פון וואלד און איך דארף עס צעהאקן".

און זי ווייזט מיר די האק, וואס איז זעקס וואכן ניט געשארפט געווארן און עס איז אוממעגלעך איבערצוהאקן מיט איר א שטיקל האלץ.

זי דערציילט מיר ווייטער וועגן די דריי בהמות, וואס זיי האבן, און וועלכע בראדיען ארום דעם גאנצן טאג איבערן וואלד און זי בלייבט אן א הארץ ביז זי קלייבט זיי צוזאמען אויף דער נאכט. יעדעס מאל, ווען זי גייט אוועק פון הויז האט זי מורא, אז דאס הויז ברענט שוין ווידער, צוזאמען מיט די קינדער. איידער זי גייט אוועק פארלעשט זי דעם אויוון און באהאלט די שוועבעלעך פון די קינדער.

„איך זאג אייך, אז ווען מיין מאן זאל נאר שטיין אין דער היים, וואלט מיך שוין נישט געארט, אז איך זאל עסן ברויט מיט וואסער. איך בין א שוואכע פרוי און קען עס שוין מער נישט אויסהאלטן".

איך גיב אן עצה, אז זי זאל אים שרייבן ער זאל קומען אהיים.

„וואוהין זאל איך שרייבן?" זאגט זי, — „איך וויים דען וואו ער איז? בא וואסער פארמער ער ארבעט? קיין טעלעפאן איז ניטא, בא וועמען צו פרעגן וויים איך ניט. איז מיר טאקע זייער ביטער".

„און פונדעסטוועגן וועל איך זיך מודה זיין", זאגט זי ווייטער, „אז ווען איך דערמאן זיך ווי מיין מאן פלעגט קומען פון דער פעקטארי אין לאנדאן א פארמאטערט און דערצארנטער פון דעם הינטישן פארמאן, שווידערט

עס מיך אזש אויף און איך בין שוין צופרידן מיט אונזער איצטיקן לעבן. דאָ דאַרפן מיר כאָטש די באַלעבאַטים און די פּאַרלייט אין די אויגן ניט אַנקוקן. אמת, מיר האָבן דערוואַרטעט בעסערס, אָבער ווי ס'זעט אויס קען דער קבצן פון זיין הויקער ניט אַנטלויפן".

און דער „קבצן" האָט זיך טאַקע אַנגעזעצן באַ איר אין שטוב, אין די הויז־זאַכן, אין די קליידער און אויך אין טעפּל.

אָבער פון דעם ברויט מיטן הייסן טיי, וואָס זי האָט מיר דערלאַנגט מיט אַזויפיל פריינטלעכקייט און אויפריכטיקייט, האָב איך נאָך מער הנאה געהאַט, ווי פון די בעסטע מאכלים באַ אַ רייכן טיש, וואו מען וואָלט עס מיר געגעבן אויס רחמנות.

די פרוי האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל זיך נאָכפרעגן אויף אַ בריוו פאַר איר און מיטברענגען עס אויפן וועג צוריק. זי האָט מיך אויך צוגערעדט, אַז איך זאָל אָנטאָן איר מאַנס פּאַר שטיוול, אַנשטאָט מיינע שיכעלעך. וואָס „טויגן נאָר צום טאַנצן". זיי זיינען געווען גרויס אויף מיר און צעדרייט. ס'איז אַ שאָד, וואָס טשאַרלי טשאַפּלין איז דערביי ניט געווען, ער וואָלט זיי זיכער באַ מיר געוועזן צוגענומען.

אָבער דאָ האָב איך דורכן פענצטער דערזען, ווי צוויי בהמות מיט מוראַ'דיקע הערנער, און אַרומגעדרייט מיט שטריקלעך און שטעקנס, זיינען צוגעקומען צום הויז און האָבן זיך אָפּגעשטעלט האַרט באַ דער וואַנט. אַ נס וואָס ס'איז געווען אַ שטאַרקע וואַנט, אַניט וואָלטן זיי די וואַנט אַוועק־געשטופּט.

די פרוי האָט זיך זייער דערפרייט מיטן אָנקומענדיקן פאַרמער. דאָס איז געווען מר. בראַידי, וועלכער האָט געוואוינט אַ מייל ווייט פון איר פאַרם, טאַקע איבערן וועג פון דער פּאָסט, און יעדעס מאָל ווען ער פאָרט פאַרביי, העלפט ער איבערהאַקן אַביסל האָלץ. ער איז אַ גוטער מענטש, דער מר. בראַידי. אַזעלכע מענטשן דאַרף מען זוכן ביז מען געפינט זיי. דאָ האָט מיר שוין אָפּגעגליקט ביז גאָר, ווייל מר. בראַידי איז אויך געפאָרן צו דער פּאָסט און איך האָב געקענט מיט אים מיטפאָרן און אויסמיידן די דריי שווערע בלאָטעס, וועלכע זיינען מיר נאָך געלעגן אין וועג.

„קריכט אַרויף אויפן וואָגן און האַלט זיך גוט צו, איר זאָלט חלילה ניט אַראָפּפאַלן און צעקאַליעטשען זיך", זאָגט צו מיר מר. בראַידי.

וואו איז דאָ דער וואָגן, ווייס איך ניט. איך זע טאַקע אונטן, רעדער, אָבער אויף די רעדער זע איך ווי עפּעס אַן אַרומגעצוימטן גאָרטן.

„שעמט זיך ניט", זאָגט ער צו מיר. „קריכט אַרויף אויפן „רעק". דאָס איז אַזאַ וואָגן, אויף וועלכן מען פירט דאָ היי. אויף דעם וואָגן דאַרף מען ניט קיין שטריק איינצובינדן די היי. זי וועט פון אַט די ווענטלעך ניט אַרויספאַלן".

מיר פאָרן שטייענדיק און האַלטן זיך אָן פאַר דער פאָדערשטער וואַנט

פונעם „רעק” און שמועסן. ער וויל וויסן, צי ס'וועלן נאָך קומען לאַנדאַנער אהער אין אידנברידזש. די לאַנדאַנער זיינען אים דוקא געפעלן. לוסטיקע חברה, ניט קיין קלאָגערס, און רירעוודיקע. זינט די לאַנדאַנער זיינען גע־קומען האָט דער וואַלד אויפגעלעבט, מען זינגט, מען פאַרברענגט, ס'איז ניט אומעטיק.

איך וויל אים פרעגן וועגן, א שטייגער, וועלן אונזערע „שעוורעלעטקעס” אָנקומען צו דער פּאָסט. לויט מיין רעכענונג זיינען זיי געפלויגן אַ האַלבע מייל א שטונדע. דער פאַרמער שטויסט זיך אָן וואָס איך וויל אים פרעגן.

„וואָס האָט איר קיין צייט ניט?” פאַרלויפט ער מיר דעם וועג מיט א פראַגע. „איר וועט דאָך היינט סיי ווי צוריק אהיים ניט גיין. ביז מיר וועלן אָנקומען וועט שוין די זון זיין זייער נידעריק, און באַנאַכט וועט איר דאָך אהיים ניט טרעפן. און צווייטנס, איר זיינט דען זיכער, אז די פּאָסט איז שוין אָנגעקומען? ס'קען זיין, אז ער וועט היינטיקע וואָך איינגאַנצן ניט זיין, ווייל דער וועג איז זייער שלעכט און ער קען אמאָל בּרענגען די פּאָסט פאַר צוויי וואָכן מיטאַמאָל. ס'זאָל אזוי ניט טרעפן, ווי ס'טרעפט. עס קען זיין, אז איר זאָלט דאָ אין אונזער זייט, אין דער סאַוט, דאַרפן פאַברענגען עטלעכע טעג.

„אָבער מיין ברודער אין דער היים וועט דאָך זיין אומרואיק. ער וועט דאָך ניט וויסן וואָס איבערצוטראַכטן, וואו איך בין פאַרלאָרן געגאַנגען.

„נעווער מאַינד, אייער ברודער ווייסט שוין אליין, אז מ'קען זיך ניט פאַרלאָזן אויף אונזערע וועגן, און אויך ער אליין האָט שוין דאָ אין אונזער ווינקל פאַרזוכט דעם טעם פון פאַרברענגען עטלעכע טעג וואַרטנדיק אויף דער פּאָסט. אָבער אויב איר ווילט אומבאַדינגט לאָזן וויסן אייער ברודער, אז איר זיינט דאָ א גרינגער אין אונזער וואַלד, וועט דאָ באַלד פאַרבייגיין פון דער אַרבעט בּאַ מיינעם א שכן א יונגערמאַן, וואָס וואוינט א האַלבע מייל פון אייער ברודער, און ער גייט אַלע טאָג אהיים, וועט שוין אייער ברודער וויסן”.

מיטאַמאָל אזוי שמועסנדיק — באַץ! — אַן אָקס איז געפאַלן אין שפּאַן. איך האָב זיך זייער דערשראָקן. אַן אָקס באַ אַן אָרעמען פאַרמער איז דאָך א גאַנצער פאַרמעגן. אָן אַן אָקס איז ער דאָך אוים קאַפּעליוש־מאַכער. אוי ווי!

איך האָב געוואָלט אראָפּשפּרינגען זען — טאָמער לעבט ער נאָך. אָבער מר. בראַידי איז געווען רואיק און קאַלט. ער רירט זיך ניט פון פּלאַץ ביז ער וועט ניט ענדיקן דעם געשפּרעך. איך טראַכט זיך, אז מסתמא האָט ער פון פריער געוואוסט, אז דער אָקס איז א קראַנקער און ער וועט פאַלן. איז מילא, מוזן מיר ווייטער גיין צופוס. אָבער וואָס וועט ער טאָן מיטן וואָגן? דער „היי־רעק” האָט דאָך פאַרשטעלט דאָס שטיקל שמאָלע וועג, וועט דאָך קיינער ניט קענען פאַרבייפאָרן.

מיין טרייבער לאָזט זיך אראָפּ פון וואָגן גאַנץ געלאַסן; ער טשעפּעט אָפּ די „טאָגס" און פון פאָרנט דעם „נעק־יאָק", רייסט ארויס א גוטן רוט און חכמה'ט זיך:

„יעמוד החתן אָקס ברב אָקס!"

און ער האָט גענומען ציילן דעם אָקס שמיץ, וויפיל ס'איז נאָר אריין. איך זע — דער אָקס הויבט זיך אויף און שטעלט זיך אריין אין שפּאַן — און מיר „פליען" ווייטער.

„דער ערשטער טרייבער", זאָגט בראָידי, „האָט אים זייער שלעכט אויסגעלערנט, און איך דאַרף איצט ליידן פון זיינע קאַפּריזן".

ווען מיר זיינען שוין „דורכגעפלויגן" די דריטע בלאָטע איז שוין די זון געלעגן אויף די שפּיצן פון די בוימער.

„איר מעגט שוין בענטשן גומל", זאָגט צו מיר בראָידי. „מיר וועלן שוין אם ירצה השם אָנקומען אהין".

אידנברידזשער אידן ריידן וועגן פּאָליטיק

די פּאָסט איז געווען די גרויס ווי, אַן ערך, א שלאָף־צימער אין א גע־וויינלעך הויז. איך האָב באַלד אויסגערעכנט, אַז ווען מען נעמט די דאָזיקע פּאָסט און מען זעצט זי ארויף אויף א שליטן, וואָלטן אויפן שליטן געקענט מיטפאָרן נאָר עטלעכע מענטשן. דערצו איז נאָך די פּאָסט געווען צעטיילט אויף דריי צימערן; איין צימערל פאר די זעק מיט דער קאָרעספּאָנדענץ; איין "גרויסער" צימער פארן עולם, וואָס קומט זיך צוזאַמען וואַרטן ביז מען ברענגט די פּאָסט. אינמיטן פון דעם צימער איז נאָך געשטאַנען אַן אייזערנער קעסטל, וואָס האָט אין א קאַלטן טאָג געהאַט אין זיך א גוואַלטיקע גראַוויטאַציע. ער האָט אַלעמען צוגעצויגן צו זיך און מען האָט זיך געוואַרעמט ארום דעם. קיין מעבל איז ניט געווען. קיין שטולן צו זיצן האָט מען ניט געדאַרפט; דערצו זיינען גוט געווען די שטיקלעך האָלץ, און ווען עס איז ניט געווען זייער קאַלט, האָט מען זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד, ווי די גענז. פרויען פלעגט מען אין יענער צייט פון יאָר זייער זעלטן טרעפן אין דער פּאָסט. די פרויען האָבן ניט אזוי גרינג געקענט דורכשפּאַנען די טיפע בלאָטעס.

נאָך איין צימער איז געווען אָפּגעצאַמט, וואו עס האָט געוואוינט דער פּאָסטמייסטער, אויך א פּארמער. און די גאַנצע געביידע וואָלט זיך אויפן פרייען פעלד איבערגעקערט פון א ליאַדע ווינטל. עס איז אָבער דעמלט געווען דאָרט געגנג וואַלד צו פארשטעלן דעם ווינט אזוי, אַז אפילו א פּאַפּירענע הויז וואָלט זיך אויך ניט איבערגעקערט.

אין אָט דעם וואַרט־צימער האָב איך געטראָפן עטלעכע אידן, וועלכע איך האָב אויפן ערשטן קוק ניט געקענט צוגלייכן צו קיינע מענטשן פון די פארשיידענע געגנטן אויף דעם אייראָפּייאישן קאָנטינענט. עס איז געווען

א מישמאַש און אַן אויסמישעכץ פון אייראָפּע, אַפריקע און פון אונזער אַמעריקע. מען האָט אין יעדן איינעם פון זיי געקענט אָנצייכן עטלעכע קאָנטינענטן: פון אַפריקע — א לייכטע העמדל, פון דער ליטע — לאַנגע שטיוול, פון אַמעריקע — א לעדערנער רעקל, פון קאַנאַדע — א גרויסע קוטשמע אויפן קאָפּ, אריבערגערוקט איבער די אויערן, און אָוועראָלס — עכטע אידנברידזשער, אַן אמת׳ע שאַך־ברעטל פון לאַטעס. און פאַרוואַקסן זיינען זיי געווען מיט בערדלעך, קורצע און לענגערע.

רויכיק איז געווען אין צימער, ווי אין א דאָרפישער באָד. דאָס האָלץ, וואָס מען האָט געשטאָפּט אין בלעכערנעם קאַסטן, איז געווען צו־לאַנג און האָט ארויסגעשטעקט פון אויוועלע. צו האַקן דאָס האָלץ איז געווען האַנט־ארבעט; האָט מען ניט מקפיד געווען צי עס איז אביסל לענגער, אָדער קירצער. ס׳איז דאָך ניט קיין פּאַריזער מאָדע, וואָס מען דאַרף זיין נעט און פּינקטלעך. א חוץ דעם האָט נאָך יעדער איינער צוגעהאָלפן מיט זיינע סיגאַרעטלעך, וואָס מען האָט פון מויל ניט ארויסגעלאָזט. דאָס איז דאָך די איינציקע טרייסט, וואָס פאַרטרייבט דעם אומעט אין דער ווילדערניש (אַזוי זאָגן די רויכערער).

פון די עטלעכע אידן, וואָס איך האָב דאָ געפונען, האָב איך אָנגעצייכנט פיר גרופּן, וואָס האָבן געפירט באַזונדערע שמועסן. ווייל ווי איך האָב אויפגעכאַפּט ווערטער, האָב איך געהערט בערדיטשעווער דייטש, אידנ־ברידזשער צע׳הרג׳עטן ענגליש, רוסיש, ליטוויש און פּויליש. די צוויי פרויען, וואָס זיינען דאָרט געווען, זיינען געווען נאָענטע שכינות צו דער פּאָסט און זיי האָבן געפירט א באַזונדערן שמועס.

איינער א איד וואָס האָט געהאַט א בלייפעדער פאַרשטעקט צווישן אויער און היטל, האָט געמאַכט מיט די הענט און האָט זיך געקאָכט מער פון אַלעמען. דאָס רעדל אַרום אים איז געוואָרן אַלץ גרעסער.

„די רעוואָלוציע וואָלט ניט געווען פאַרלאָרן”, שרייט דער איד מיטן גאַנצן כוח, „ווען די פירער וואָלטן זיך געקענט צוזאַמענריידן און אַלע וואָלטן געווען ווי איינס. ווען גאַנץ רוסלאַנד זאָל זיך אויפהויבן אין איין טאָג — טע־טע־טע! — איר וואָלט שוין געזען, וואָס ס׳וואָלט איצט אין רוסלאַנד געווען. ס׳וואָלט שוין געווען אַרונטער מיט ניקאָלאַיען דעם לעצטן, און דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, אידן בתוכם, וואָלט זיך געלעבט ווי ברידער . . . ”

אָבער דאָ האָט זיך ארויסגעכאַפּט א יונגע פרוי:

„וואָס עפּעס ווי ברידער? און וואו זיינען מיר, פרויען? זיינען מיר שוין גאָר קיין מענטשן ניט? ברידער! (סאַרקאַסטיש אַזוי) זיי, די מענער, אָט ווי איר קוקט זיי אָן, זיינען גאַנצע העלדן דאָ אין אידנברידזש הינטערן אויוון. זיי וואַרפן זיך מיט קיסרים, ווי מיט שפּענדלעך; און זיי אַליין ציט צו ציון, צום הייליקן לאַנד, וואו יעדער איד וועט קענען זיין א קיסר און

יעדע אידענע — זיין אונטערטאַן. ניין מיסטער, איך וואָלט אין יענעם לאַנד ניט געוואָלט זיין קיין אונטערטאַן, וואו איר וועט זיין אַ קיסר".

„נעווער מאַינד", ברומט אויס אַ איד פון הינטערן אויוון, „איך וואָלט שוין וועלן זיין אין אונזער הייליקן לאַנד און זאָל אין אנדערער זיין אַ קיסר — מעג דאָס אַפילו זיין מיסטער וו. (דער איד וואָס האָט פריער גערעדט) אָבער . . .

ער האָט נישט געענדיקט, אָבער אַלע האָבן געפילט זיין צווייפל צי עס וועט אַמאָל קומען צו דעם.

דאָ האָט אָנגעהויבן ריידן אַ קליינער אידל, אַ דאַרער, אַ בלאָנדער און אַ רירעוודיקער.

„וואָס טויג אייך קריגן זיך איבער הייליקע לענדער, ווען איר ווייסט ניט וואָס פון דעם וועט ארויסקומען. מעגלעך, אַז יענע אידן וואָס זיינען שוין דאָרט וועלן פון דאָרט אויך אַנטלויפן . . ."

„און קומען קיין אידנברידזש", כאַפּט אונטער אַ צווייטער.

„נו, יאָ, קיין אידנברידזש", איז ער מסכים. „לאָמיר טאָקע ריידן וועגן אונזער אייגן לאַנד, וועגן אידנברידזש. ביז ווי לאַנג, וואָלט איך וועלן וויסן, וועלן מיר דאָ דאַרפן ארומבראָדיען ווי די וועלף אין וואַלד און קיינמאָל ניט וויסן צי מען וועט קומען אהין וואוהין מען גייט. ביז ווי לאַנג וועט עס נעמען, אַז מענטשן זאָלן ניט דאַרפן אויסקוקן די אויגן פאַר אַ שטיקל צייטונג? ביז ווי לאַנג? וואָס זיינען מיר מחויב צו ליידן פאַר יענעמס זינד? וואָס איז — צוויי פּאָליטישנס האָבן זיך צעקריגט איבער דער הייליקער שיסל, דאַרפן מיר ליידן דערפון? איך פאָדער אייך טאָקע אויף צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם, און זאָל עס טאָקע פאַלן אויף שטיינער און אויפן וואַלד".

אָט די ווערטער פון דעם קליינעם בלאָנדן אידן האָבן אויפגעהויבן אַ שטורעם, אַ טאָרנאַדאָ. אַלע האָבן זיך אויפגעכאַפּט ווי פון טיפן שלאָף מיט זיסע חלומות. איך, אַ נייער נאָז, האָב ניט געקענט פאַרשטיין ווער אויף וועמען עס פאַלט אָן (מיט ווערטער) און ווער וועמען עס פאַרטיידיקט (אויך מיט ווערטער) — קאַסרילעווקער גזלנים. איך האָב ניט געוואוסט וועגן וואָס עס האנדלט זיך; ווער עס איז דאָ דער שולדיקער — און ווער דער גערעכטער.

די רעדע פון דעם איד מיט די בלאָנדע וואָנצעס

ווער ווייסט ווי לאַנג מען וואָלט זיך אזוי גע'פּלפּול'ט און געלערנט הלכות־פּאָליטיק, מיט און אָן אַ גמרא ניגון, ווען עס וואָלט זיך נישט אויפגעשטעלט אַ ברייט־פּלייציקער איד, מיט בלאָנדע וואָנצעס און וואָס רעדט מיטן פּוילישן דיאַלעקט. ווען ער האָט אויפגעהויבן זיין האנט זיינען אַלע אנטשוויגן געוואָרן. אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער האָט עפּעס צו זאָגן, וואָס ס'איז ווערט צו הערן. אַ חוץ דעם האָט מען געוואוסט, אַז ווען ער וועט ריידן

וועט ער אַלצאיינס אַלעמען איבערשרייען און מען וועט אַלצאיינס קיין אַנדערן ניט הערן אַ חוץ אים.

„טייערע ברידער", האָט ער אָנגעהויבן, „איך שטיי דאָ און קוק, ווי מענטשן קאָכן זיך. ס'ברויזט ממש דער ים. און אין הארצן דאָ בײַ מיר — טיאָך־טיאָך — ס'טוט מיר פּשוט ווי דאָס הארץ, וואָס מענטשן — דאַכט זיך בײַוואוסטזיניקע, מענטשן וואָס קומען פון גרויסע שטעט, מענטשן וואָס זיינען שוין דורכגעגאַנגען שבעה מדורי גיהנום, — און דאָך ווייסן זיי ניט וואָס זיי ווילן, און ווייסן ניט אין וואָס זייער הילף באַשטייט. ס'איז, ברידער, אַרויסגעוואָרפן אייער ארבעט צו פּאָדערן פון אַ פּאָר פּאָליטישנס, אַז זיי זאָלן אייך אַרויסהעלפן. ניט זיי ווילן און ניט זיי קענען אייך העלפן. ברידער, די גאַנצע איצטיקע קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם טויג אויף צען טויזנט כפּרות, און דאָס וואָס יעדער פּאָליטישן זוכט זיך צורוקן נעענטער צו דער קהל'שער שיסל. דאָס איז אַ לאַנד וואו כאַפּ־לאַפּ איז די בעסטע מעטאָדע צו קענען געניסן פון לעבן. ס'איז ניט נאָר אַ כשר'ע זאַך. דער וואָס קען זיך צורוקן צום שיסל און געניסן, דער רעכנט זיך פאר א פיינעם מאַן, פאר א קלוגן מאַן, פאר א גרויס־שטאַטישן מענטשן, אויף וועמען מען קען זיך פאר־לאָזן און מען קען אים אָנפארטרויען צו פירן די צאָן קדשים אין שטאַל אריין. אָבער אָט די ערלעכע, וואָס רעכענען, אַז יענעמס צו פארנעמען איז אַ זינד, אַן אומרעכט, און אָט יענע וואָס רעכענען, אַז לעבן אויפן צווייטנס חשבון איז אַ פארברעכן קעגן דער מענטשלעכער מאָראַל, און אַז דער וואָס לעבט אַזוי איז אַן עקספּלואַטאַטאָר, אַ פּאַראַזיט — אָט די רעכענען זיך אין אונזער וועלטל פאר צעקראַכענע, לאָ־יוצלח'ס, שלי'מזלים, וואָס זיינען ניט ווערט וואָס די ערד טראָגט זיי . . . "

„אָבער, ברידער, דאָס איז אַלץ גאָרנישט", — האָט דער איד מיט די בלאָנדע וואָנצעס צונישט געמאַכט מיט איין מאַך מיט דער האַנט די גאַנצע מאָראַל פון אונזער איצטיקער וועלטל — „וואָס מיר טוט ווי דאָס הארץ איז — אייער צעריסנקייט, אייער חושד זיין איינער דעם אַנדערן, אין דער צייט, ווען אייער אַלעמענס אינטערעסן זיינען איינע און די זעלבע, און אייער הילף איז פאר אַלעמען די זעלבע. נאָר איר פארשטייט ניט, אַז אָט די צעריסנקייט אייערע איז אויך ניט אייער שולד. איר זיינט פארפירט. עס זיינען דאָ פארשוינען, וואָס פארקויפן זיך פאר געלט און זיי דערלאָזן ניט צו קיין אייניקייט צווישן אייך. יענע, פאר וועמען אייניקייט צווישן דעם פאָלק איז אַ שרעק־וואָרט, זען שוין, אַז ס'זאָל צו קיין אייניקייט ניט קומען. און צי ווייסט איר, ברידער, אַז אונזערע שונאים'ס שטאַרקייט איז ניט מער, ווי אונזער שוואַכקייט? און פארקערט — ווען מיר זיינען אייניק, אַלע אינאיינעם ווי איין שטיק — זיינען מיר אַ ריז און זיי אַ פליג".

דער איד מיט די בלאָנדע וואָנצעס האָט זיך ערשט פאַנאַנדערגעוואָרעמט און האָט ערשט גענומען אָנהויבן אויסקלייַגן אַ רעדע, ווען אַלע האָבן פּלוצים

אָפּגעוועגדעט זייער אויפמערקזאמקייט פון אים און האָבן גענומען ארויסקו־קען דורך דער אָפּענער טיר אין דרויסן. דאָרט האָט א איד, פון מיטעלן וואוקס, מיט א קליין בערדל, מיט קינדערשע, שטענדיק־צופרידענע אויגן, געטאנצט אין מיטן דרויסן. ער האָט געטאַנצט און געזונגען צו זיך אליין:

„אידל מיט דעם פידל,
יאַנקל מיט דעם באָס.
זינג איך מיר א לידל
דאָ אינמיטן גאַס".

דער דאָזיקער איד איז שוין איצט מער ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. ער איז אָבער געווען א זעלטענער עקזעמפּליאַר פון א שטענדיק־צופרידענעם אידן, און דאָ אין דער ווילדערניש איז זיין שטענדיקער גוטער מוט אונז זייער צונוץ געקומען. אידן האָבן זיך געשעמט אראָפּצולאָזן דעם נאָז, ווייל נאָ, זע — א איד, שוין נאָענט צו די זעכציקער, און איז נאָך אזוי גרינג אויפן פוס.

עס זיינען דאָרט געווען נאָך אַנדערע פּאָליטיקער, וואָס האָבן זיך נאָך געקליבן צו האלטן זייערע דרשות, און זיי האָבן געדענקט, אז זיי האָבן נאָך עפּעס צוצולייגן צו דעם, וואָס דער איד מיט די בלאָנדע וואָנצעס האָט געזאָגט. אָבער מזל טוב ! . . . . ס'האָט זיך עפּעס באַוויזן מיטן וועג, נאָר ס'איז געווען שווער צו זאָגן וואָס אַקוראַט עס איז געווען. דערנאָך האָט מען שוין געקענט זען, אז דאָס איז א שטאַרק פארבלאָטיקטער וואָגן, אויף וועלכן עס ליגן פארבלאָטיקטע זעק, אָבער צי עס ליגט דאָרט אין דער בלאָטע א מענטש אויך, — דאָס האָט מען נאָך ניט געקענט זען. עס איז געווען איין שטיק בלאָטע — פערד, וואָגן, זעק און מענטש — כולה בלאָטע.

אַלע טומלער זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. יעדער וואָס האָט געקראָגן זיין פּעקל קאָרעספּאָנדענץ, און די וואָס האָבן נאָך געוואַרט צו קריגן עס, זיינען שטיל געשטאַנען אויף זייערע פּלעצער, אָדער האָבן זיך אויסגעזעצט אָדער אויסגעצויגן זיך אויפן דיל, ווי אויף דער לאַנקע. מען האָט בלויז געקענט הערן דעם שאָרך פון פּאַפּיר און ווען איינער האָט געהאט וויניקער לייען־שטאָף ווי זיין שכן, וואָס איז לעבן אים געזעסן אָדער געלעגן, האָט ער זיך געמאכט היימיש און גענומען פאנאנדערנעמען יענעמס פּעקל.

אזוי איז מען אין שטיל־שווייגן אָפּגעלעגן ארום צוויי שטונדן, ביז מ'איז דורכגעקראָכן דאָס נייטיקסטע. מען האָט פארגעסן, אז מען דאַרף גיין אהיים און עס האָט זיך ערשט פאנאנדערגעפּלאַקערט א הייסע דיסקוסיע איבער די נייעס, וואָס די ציימונגען האָבן געבראַכט.

מיין רייזע צוריק אַהיים

עס קומען צו מיר צו צוויי אידן. איינער פון זיי איז א ברייט־פּלייציקער. קענטיק א שווערער ארבעטער. דער צווייטער — א מאָגערער, א בלאָנדער,

מיט אויגן, וואָס עסן אויף מיין פּעקל ציטונגען, וואָס איך האָב געקראָגן מיט דער פּאָסט. ווייל נאָך איידער איך האָב פאַרלאָזן לאָנדאָן האָב איך זיך פאַרזאָרגט מיט לייען־מאַטעריאַל פאַר אידנבּרידזשער ווילדערניש. מיין לייען־מאַטעריאַל איז געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקער. דער צעטל איז געווען דער פאָלגנדיקער:

טעגלעכע ציטונגען — „דער אידישער זשורנאַל", פון לאָנדאָן; „דער פריינד" פון רוסלאַנד; „דער אַפריקאַנער", פון יאָהאַנעסבורג (דאָס פלעגט מיר אַ פריינט צושיקן). וועכנטלעכע — „דער אַרבעטער פריינד", „די פרייע אַרבעטער שטימע", „דער אַמעריקאַנער", „דער קאַנטשיק", „דער קונדס", און „אונזער געזונט" פון דר. ליבער.

די צוויי אידן האָבן מיר געזאָגט:

„מיר וועלן אייך העלפן פאַרנעמען די פּעק ציטונגען. מיר זיינען דאָ רייטנדיק אויף אונזערע פערד און ווען איר וועט זיך האַלטן מיט ביידע הענט אָן אונז, וועט אייך זיין גרינגער צו גיין. אגב, ווייסט איר דאָך ניט דעם וועג אהיים אליין, וועט איר גיין מיט אונז און באַ אונז נעכטיקן, און מאָרגן אינדערפרי וועלן מיר אייך ווייזן ווי דורכצוגליטשן זיך דאָ דורכן וואַלד — אַ פּאָר מייל, ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

מיט דער רעכטער האַנט האָב איך זיך געהאַלטן פאַר דעם פערדס לאַנגע האָר פון האַלז, און דער פערד האָט מיך ממש געטראָגן אין דער לופטן, ווייל דער צווייטער פערד איז געווען אַ קריכער און איז אַלעמאָל אָפּגעשטאַנען און איך האָב אים געמוזט אָפּלאָזן. אָבער דער פערד מיט די לאַנגע האָר, אָן וועלכן איך האָב זיך אָנגעהאַלטן, איז הפּנים געווען אומצו־פרידן מיטן נייעם פּאַסאַזשיר און ער האָט זיך אַלץ געצילט מיך אַ קלאַפּ צו טאָן מיט זיין הינטערשטן פוס. און טאַקע דערפאַר האָב איך מורא געהאַט אים אָפּצולאָזן און בין אים נאָכגעלאָפן מיט די לעצטע כוחות.

אויפן וועג זיינען אָבער געלעגן בוימער, וועלכע מען האָט געדאַרפט אַריבערשפּאַנען. זיינען מיינע פיס ניט געווען אַזוי בויגעוודיק, ווי באַם פערד און איך האָב זיך פאַרטשעפּעט פאַר אַ צווייג און בין אַנידערגעפאַלן פונקט אין וועג, וואו דער צווייטער פערד איז געגאַנגען. האָט ער מיר טאַקע אַזוי צוגעדריקט מיין פאַנטאָפּל מיטן פוס אינווייניק, אַז איך בין שוין באַלד געוואָרן אַ פאַרטיקע קאַליקע. איך האָב זיך שוין מער פון אָרט ניט געקענט רירן.

מיט דער הילף פון די צוויי רייטער, וואָס האָבן שוין זייערע פערד געפירט פאַר די שטריקלעך, זיינען מיר אָנגעקומען צו מיין לאַנדספרוי, און באַ איר אין הויז איז באַלד געוואָרן אַ גאַנצע טרעוואָגע. דער פוס איז גע־וואָרן ווי אַ פאַס. קיינער ווייסט ניט, וואָס צו טאָן און איבערהויפּט מיט וואָס. בין איך שוין דאָרט געבליבן, און מיינע רייטער זיינען אוועק אהיים מיטנע־

מענדיק מיין גאנצן פּאַק ליטעראַטור, מיט וועלכן זיי האָבן זיך ניט געוואָלט שיידן.

מיין לאַנדספרוי, די פאַרמערקע, דערציילט

—איך האָב פון מיין מאַן געקראָגן צוויי בריוו מיט אַמאָל און עטלעכע דאָלער דערצו. נאָר הערט זיך צו, ווי אַזוי עס איז געווען. מיין מאַן האָט באַלד געקראָגן אַרבעט בײַ אַ פאַרמער אַזוי ווייט, ווי 8 מייל פון דער פּאָסט. און ווי נאָר ער איז אַהין אָנגעקומען האָט ער מיר באַלד געשיקט אַ בריוו. דעם בריוו האָט ער אָפּגעשיקט מיט אַן אַנדער פאַרמער, וועלכער האָט געזאָלט אין אַ וואָך אַרום פאָרן צו דער פּאָסט. פאָרנדיק מיט זיינע „פליערס" מיט די גרויסע הערנער, איז ער אַריין אין אַ טיפער בלאָטע, וואָס איז געווען פונקט אין וועג. איין אָקס האָט זיך אויסגעגליטשט און איז געפאַלן. פאַלנדיק האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט אין שפּאַן און דער סוף איז, אַז ער איז שוין פאַרבליבן אין דער בלאָטע אויף אייביק. אָבער וועלנדיק ראַטעווען דעם צווייטן אָקס האָט זיך דער פאַרמער דורכגענעצט אויף דורך און דורך און אַזוי ווי דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער, איז ער בײַ דער בלאָטע פאַרגליווערט געוואָרן. אַ צווייטער פאַרמער, וועלכער איז פאַרבייגעפאָרן, האָט אים געפונען ליגנדיק אויף דער נאַסער ערד און האָבן אים אויפגעהויבן און אוועקגעפירט אין שפּיטאָל. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז דער שלעכטער וועג צום שפּיטאָל האָט אים גערא‍טעוועט דאָס לעבן. דער פאַרמער, וואָס האָט אים געפונען, האָט געטריבן זיינע פערד אַזוי שנעל ווי מעגלעך, און דאָס וואַרפן און טרייסלען איבערן שלעכטן וועג האָט אים צעוואַרעמט און ער איז לעבן געבליבן. דער צווייטער פאַרמער האָט בײַ אים צוגענומען די בריוו — אַלע פאַרנעצטע — און האָט זיי געמוזט צוריק אָפּגעבן צו די, וואָס האָבן זיי אַרויסגעשיקט.

— און ביז זיין בריוו צו מיר איז צוריקגעקומען צו מיין מאַן האָט ער שוין אַביסל פאַרדינט. האָט ער מיר שוין געשיקט געלט מיט אַ בריוו, און אויך דעם פאַרנעצטן בריוו האָט ער מיר געשיקט. אוי ווײ, ביז מען דערוואַרט זיך דאָ אַ שטיקל נחמה, קען דערווייל אַרויס די נשמה. מיין מאַן ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איך האָב זיין בריוו ניט געקראָגן און אַז איך בין דאָ אַזוי לאַנג אָן אַ בריוו און אָן אַן אַדרעס, און אַז איך ווייס געווים ניט וואו ער איז אַהינגעקומען, איז דאָרט שיר פון זינען ניט אַראָפּ. ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט מיך דאָ געלאָזט אינמיטן וואַלד מיט די פּיצלעך קינדער, אָן האָלץ און אָן אַ שטאַל פאַר די בהמות, און מיט ניט קיין זייער גרויסן זאַפּאַס פאַר זיך אַליין.

—אָבער — דערציילט ווייטער מיין לאַנדספרוי — איך בין דאָ ניט די איינציקע אויף צרות, און ס'ווערט גרינגער, ווען מען רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן. עס האָט פּאַסירט אַמאָל אַזעלכעס מיט אונזערן אַ שכן אַ פאַרמער:

ער איז געווען דאָ אין אידנבערידזש, און זיין פאַמיליע איז געווען אין ווי־ניפּעג. האָט ער פון זיי ניט געקראָגן קיין בריוו פאַר אַ גאַנץ לאַנגער צייט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטן, און האָט גענומען דערלאַנגען זיי מיט בריוו, איינע נאָך די אַנדערע — פאַרוואָס זיי שרייבן ניט, און קיין ענטפער האָט ער אַלץ ניט געקראָגן. גייט ער אַזוי יעדע וואָך צו דער פּאָסט — און ס'איז געווען אַ היבשער מהלך — און קריגט ניט קיין שום סימן פון אַ בריוו. ביז ער האָט ערגעץ געקראָגן גענוג אויף אַ טעלעגראַמע, אין וועלכער ער האָט זיי געהייסן באַלד קומען קיין אידנבערידזש. ווען די פאַמיליע איז אָנגעקומען אויף דער סטאַנציע, האָט ער שוין דאָרט געוואַרט אַ פּאָר טעג און געשלאָפן אין אַ שטאַל, ווייל צו באַצאָלן אין אַ האָטעל האָט ער ניט געהאַט. און צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע האָט ער באַקומען אויף דער פּאָסט 14 בריוו, וואָס זיין פרוי האָט אים יעדע וואָך געשיקט און וועלכע זיינען זיך ערגעץ פאַרלעגן. פאַרשטייט איר שוין, אַז איך בין דאָ ניט פון די ערשטע, און מיין שכן איז אויך ניט דער לעצטער.

— ווען איך וויל קען איך אייך זאָגן, אַז איך האָב דאָ מער מזל ווי אַנדערע — דערציילט מיר ווייטער די פאַרמערקע. — אָט האָט מיינע אַ שכנה ניט קיין מעל, פון וואָס צו באַקן ברויט. איר מאַן איז אַוועק אַרבעטן — ווער ווייסט וואוהין, ווייל ס'איז שווער צו געפינען אַ פאַרמער, וועלכער קען באַצאָלן זיינע אַרבעטער. און דאָ זיינען דערווייל די קינדער בײַ איר הונגעריק. האָט איר אַ צווייטע פאַרמערקע, עטלעכע מייל ווייט, צוגעזאָגט, אַז זי וועט איר לייען אַביסל מעל אויף ברויט, און זי האָט געדאַרפט צוגיין צו איר. קריכט זי 3 מיט אַ האַלבן מייל, אָן אַ וועג, איבערן וואַלד און דורך אַזויפיל בלאָטעס. ס'איז שווער, איבער די כוחות, אָבער די קינדער בעטן ברויט און אַ מאַמע איז אַ מאַמע . . . ווען זי איז געקומען צו איר שכנה, האָט זיך יענע געכאַפּט, אַז זי האָט גאָר אַליין פאַר זיך ניט קיין גענוג מעל. האָט זי איר געגעבן אַביסל „טשאַפּ", גריביגנע האָבער מיט גערשטן, וואָס מען גיט די פערד. האָט די מאַמע פון די הונגעריקע קינדער עס געבראַכט אַהיים און האָט עס פאַרקנאָטן אויף אירע אייגענע טרערן. אָבער די הונגערי־קע קינדער האָבן געהאַט אַ שמחת־תורה מאַלצייט.

מיר איז שוין געווען שווער צו הערן אָט די „פרייליכע" מעשיות, אָבער מיין לאַנדספרוי איז נאָך ניט געווען פאַרטיק מיט מיר.

— זיצט נאָך אַ ווײַלע — זאָגט זי — וואָס איילט איר זיך אַזוי? צי זיינט איר אפשר צו סענטימענטאַל צו הערן די אידנבערידזשער גליקן? איך האָב אייך נאָך גענוג צו דערציילן פון די צרות, וואָס די היגע פרויען ליידן זיך אָן צוליב דעם, וואָס זייערע מענער מוזן אַוועק פון דער היים צו פאַרדינען אויפן שטיקל ברויט. און מיר, פרויען, מוזן דאָ בלייבן ציוויליזירן דעם וואַלד. קיין סימן פון אַ וועג פון איין פאַרמער צום צווייטן איז ניטאָ. ס'איז אויך ניטאָ קיין געשעפט וואו צו קויפן כאָטש אַביסל קעראָסין. אַ באַן־סטאַנציע

איז זייער ווייט און מען איז אָפּגעריסן פון דער גאנצער וועלט. אין סקול דאַרפן די קינדער גיין פיר מייל און מער, דורכן וואַלד און אָן שיכלעך. דער מאַמען גייט די נשמה ארויס ביז זי דערוואַרט זיך, אַז די קינדער זאָלן שוין אהיים קומען, שפּעט אין דער נאַכט. און וויפיל מאָל טרעפט, אַז אַ מאַמע האָט ניט מיט וואָס אָנצופילן דאָס קענדעלע פארן קינד, אַז עס זאָל כאָטש האָבן אַ טרוקן עסן פארן טאָג.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מיר מיין לאַנדספרוי געהאַלטן אין דערציילן פון דעם שווערן לעבן אין דער וויסטעניש צווישן די בוימער אין וואַלד. מיין צע'מזיק'טע פּוס האָט זיך דערווייל אביסל אויסגעהיילט און איך האָב אויף מאָרגן אין דער פרי שוין געוואָלט זיך לאָזן אין וועג אריין.

עס איז מיר אָבער געווען באַשערט מזל. צום הויז פון מיין לאַנדספרוי איז ווידער אָנגעפלויגן אַן עקספּרעס מיט צוויי „פליערס" — אַזעלכע מוראדיקע ברואים מיט אַזעלכע משונה'דיקע הערנער, אַז איך האָב נאָך אַזעלכע קיינמאָל ניט געזען. איך האָב טאַקע געמיינט, אַז זיי שטאַמען פון דעם שור־הבר'ס משפחה, ווייל די דאָזיקע צוויי אָקסן זיינען אין שפּאַן געווען ברייטער, ווי דער גאַנצער וואָגן מיט די רעדער.

דער אָנגעקומענער פאַרמער גיט מיר אָפּ אַ ברייטן „האַו דו יו דו", אויפן עכטן קאַנאַדישן לשון, און איך דערקען אין אים מיינעם אַ לאַנדסמאַן. ער האָט מיך איינגעלאַדן אַז איך זאָל פאָרן מיט אים און פאַרברענגען באַ אים אַ פּאָר טעג, אָדער ער וועט מיך אַראָפּלאָזן באַ אַ צווייטן פאַרמער, אויך אַ לאַנדסמאַן, פון וואַנען עס וועט זיין גאָר נאָענט, עפּעס איבער אַ מייל צו מיין היים.

אַ צווייטע פאַרמערקע דערציילט וועגן איר בידנעם מזל

איך האָב אויסגעקליבן זיין צווייטן פאָרשלאָג. ווייל איך האָב שוין געוואָלט אַמאָל אָנקומען צוריק אהיים נאָך מיין לאַנגער נסיעה צו דער פּאָסט.

דער פאַרמער, צו וועלכן ער האָט מיך צוגעבראַכט, איז אויך ניט געווען אין דער היים. ער איז אוועק אויף אַרבעט — צו פאַרדינגען זיך אויפן שטיקל ברויט. אין דער היים איז אָבער געווען זיין פרוי, די פאַרמערקע, מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט. די הייזקע איז געווען די גרוים פון אַ קאַסטן, געמאַכט פון דינע פּלעקלעך און אַרומגעשמירט מיט ליים — אַ סימן אַז ס'איז געמאַכט אין גרויס איילעניש, ווייל דער מאַן האָט געדאַרפט גיין אַרבעטן און פאַרדינען.

ווען איך האָב געפרעגט באַ דער פרוי, ווי אַזוי זיי האָבן זיך איינגעלעבט אויפן נייעם פּלאַץ אין דער ווילדערניש, האָט זי מיר געענטפערט בלויז מיט אַ זיפץ, און אין אָט דעם זיפץ אָן ווערטער האָט מען געקענט געפינען דעם גאַנצן ענטפער.

דערנאָך, ווען מיר האָבן זיך צערעדט, האָט זי מיר גענוג דערציילט, און איין זאַך האָט זי באַזונדערס אונטערגעשטראָכן — ווי נויטיק עס איז פאַר

די פרויען פון די נייַ־אָנגעקומענע פאַרמער צו האַלטן זיך מוטיק, ניט פאַרלירן זיך און ניט אַרויסווייזן קיין אומצופרידנהייט, כדי צו דערמוטיקן זייערע מענער, אַז זיי זאָלן ניט אָפּלאָזן די הענט אין דעם שווערן קאַמף פאַר עקזיסטענץ אין דער נייער אומגעבונג. זי האָט דערציילט וועגן די יונגע פאַרמערקעס, וועלכע טוען די שווערסטע אַרבעט צוגלייך מיט די מענער, און דאָך געפינען זיי נאָך כוח, מוט און צייט צו גיין אויף מיטינגען, צו שפּילן אין דראַמאַטישע קרייזן, און נאָך אַזעלכע זאַכן.

זי האָט מיר אויך דערציילט וועגן „אומזיסטע דאָקטוירים", וואָס גיבן זיי אַמאָל פרייע עצות ווי אַזוי צו ווערן פאַרמעגלעכע פאַרמער.

— וואָס זיינען דאָס פאַר אַ דאָקטוירים און וואָס זיינען די עצות? — ווער איך שוין גאָר נייגעריק.

דערציילט זי מיר:

— מיין מאַן האָט געאַרבעט באַם דרעשן. האָט ער פון די שכנות־דיקע פאַרמער געהערט, אַז די קאַנאַדער רעגירונג זאָרגט זיך פאַר אירע בירגער און האָט באַשטעלט אַ קאָמפּאַני אַזאַ, וואָס זאָל באָרגן צו די פאַרמער אַלע נויטיקע מאַשינעריע און אַלץ אין וואָס די פאַרמער נויטיקן זיך, און מיט דער צייט צאָלט עס יעדערער אויס. אַזוי אַרום קען יעדער איינער ווערן אַ פאָלנער פאַרמער. און ווען דער מאַן איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט האָט ער מיטגעבראַכט אַ פאַרטיקן פּלאַן. דער פּלאַן איז באַשטאַנען אין דעם: ער וועט באָרגן מאַשינעריע פון דער קאָמפּאַני, וועט אויסרייניקן אַ גרעסער שטיק לאַנד פון די בוימער און וועט פרייער פון אַלץ פאַרזעצן אַ גרויסן גאָרטן, אַזוי אַז ס'זאָל זיין גענוג צו עסן און אויך צו פאַרקויפן. און אַזוי ווי ער וועט שוין גיין גרויס, וועט אים די לאָמבער קאָמפּאַני זיכער אויס־באָרגן געהילץ און ער וועט אויסבויען אַ לייטישע הויז און אַ שטאָל פאַר בהמות און אָקסן, אָן וועלכע מען קען דאָך ניט אויסוואַקסן אויף אַ פאַרם און וועלכע ער וועט דאָך זיכער אויך מוזן קריגן אויף קרעדיט. אַזוי צוביס־לעך וועט די פאַרם וואַקסן, ער וועט זיך צוביסלעך אויסצאָלן פון די חובות און זיי וועלן סוף־כל־סוף אָנהויבן לעבן ווי מענטשן.

—נו, איז דאָך גוט — זאָג איך.—ווער זשע שטערט אייך צו טאָן אַזוי?

— יאָ, עס וואָלט געווען גוט, — ענטפערט מיין פאַרמערקע, — ווען ניט יענער יונגערמאַן. מיר האָבן דאָ אַ גאַסט אין אונזער דאָרף. זיין נאָמען איז . . . איך וואָלט שווערן אַז עס איז שאַפּיראָ, און אפשר איז עס גורעוויטש. ער קומט ערגעץ פון אַ שטאָט און איז אַ גאַסט דאָ באַ אונזערן אַ שכן. און אַ יונגערמאַן איז עס, וואָס אינטערעסירט זיך צו וויסן און צו זען, ווי אַזוי אידן לעבן דאָ אין דער ווילדערניש. קומט ער צו גיין צו יעדערן און רעדט און פאַרברענגט און פרעגט זיך אויס וועגן אַלץ און אַלעמען. איינמאָל זיצט ער אַזוי באַ אונז און מיר דערציילן אים די גאַנצע מעשה און אונזער גאַנצן פּלאַן. און דער יונגערמאַן פאַרגייט זיך אין אַ געלעכטער,

אז מיר האָבן געמיינט אז ער איז באַפאַלן געוואָרן פון אזא לאַכנדיקער קראַנקהייט. און ווען ער האָט אָפּגעלאַכט האָט ער זיך ערשט גענומען דערקלערן אונז ווי אזוי אונזער פלאַן טויג אויף צען כפרות.

—ערשטנס, זאָגט ער, גלויבט ער ניט אז אין אַ קאַפּיטאַליסטישער מדינה זאָל זיך אַ רעגירונג זאָרגן פאַר אירע בירגער. פון דער רעגירונגס וועגן קענט איר זיך מאַטערן אייער גאַנצן לעבן און זי וועט זיך ווייניק אָפּעס; דאָס האַרץ דערפון. צווייטנס, ווען די רעגירונג וואָלט זיך יאָ געזאָרגט פאַר אייך, וואָלט זי דעם עסק ניט איבערגעגעבן צו אַ קאָמפּאַני. די קאָמפּאַני וועט אייך פאַר דער טובה פון אויסבאָרגן מאַשינעריע אַרויפשטעלן אַ סך אַ העכערן פּרייז, ווי ווען איר קויפט עס פאַר מזומן, און דערצו נאָך פאַר זייער אַ הויכן פּראָצענט, פון וועלכן איר וועט זיך פאַר יאָרן לאַנג ניט קענען אויסצאָלן. און פון וואָס וועט איר צאָלן? אז אין וואַלד וואַקסט ניט קיין ווייץ, און קיין פעלד האָט איר ניט, וועט איר דאַרפן צאָלן פּראָצענט אויף פּראָצענט. אַ חוץ דעם גייט עס באַ זיי אַלץ דורך לאָיערס, וועלכע הייסן זיך געגנוג באַצאָלן און איר וועט עס דאַרפן צאָלן, ניט די קאָמפּאַני.

— דערצו — רעכנט ווייטער דער יונגערמאַן — מוזט איר האָבן אַמווייניקסטן פיר אָקסן, אויב שוין ניט קיין פערד, וועלכע קאָסטן צוויי מאָל אזוי טייער. און צו די אָקסן מוזט איר האָבן אַן אייזערנע האַרץ. אָבער לאָמיר זאָגן, אז דאָס האָט איר נאָך אייער אייגנס און איר וועט עס ניט דאַרפן קויפן. איר דאַרפט אָבער האָבן אַ פלוג, אַ בראָנע, אַ דיסק פאַרן ווילדן לאַנד, אַ דריל מיט וועלכן צו זייען, אַ ביינדער אויף צו שניידן די תבואה, אַ מאַשין פאַר שניידן און שאַרן היי, אַ וואָגן און אַ שליטן. דאָס איז דאָס נויטיקסטע, וואָס איר מוזט האָבן און עס וועט אייך קאָסטן אַמווייניקסטן 15 הונדערט דאָלער און וועלכע איר וועט די ערשטע יאָרן געווים ניט קענען צאָלן. זיינט איר שוין פאַרזיכערט מיט 200 דאָלער אַ יאָר מער נישט ווי פּראָצענט. היינט שטעלט זיך פאַר, אז איר דאַרפט אַרויפרעכענען 200 דאָלער אויף אייער בודזשעט, פון וואָס אייער חוב ווערט ניט קלענער. היינט פּרוּווט באַרעכענען פון וואָס איר וועט קענען אויסצאָלן. אַנו, נעמט אַ בלייפען און פּרוּווט עס אויסצאָלן כאָטש אויף פּאַפּיר, וואָס דאָס איז פיל גרינגער ווי צאָלן פון קעשענע.

אַ סכסוך צווישן מאַן און פרוי

גייענדיק אַהיים האָט מיך דאָס בילן פון אַ הונט געבראַכט נאָך צו אַ פאַרמער, וואו ס'איז אָנגעגאַנגען אַ הייסער ויכוח צווישן מאַן און ווייב, אויך טאַקע צוליב אָט דעם שאַפּירע. איר טענה איז, אז אין דער שטאָט וואו דער אַרבעטער איז אָרגאַניזירט, אַרבעט ער רעגולערע שטונדן און קריגט גוט באַצאָלט; און נאָך דער אַרבעט איז ער מיט מענטשן גלייך. מ'טוט זיך איבער און מען געניסט פון לעבן אין אַ טעאַטער, אָדער מ'גייט צו גאַסט.

און דאָ זיינען קיין שטונדן ניטאָ. פון פאַרטאָג ביז אַ שטיק אין דער נאַכט איז מען נאָר „ביזי". און אַז מ'דאַרף אַמאָל דאָס סאַמע נויטיקסטע, איז אויך נישטאָ.

ער, אַ איד — אַ שווערער אַרבעטער, זאָגט:

— די קעלבלעך אַרט ניט אין וואָסערע קליידער מיר גייען דאָ אַרום, און די שטאָט מיט די שטויביקע און רויכיקע פאַבריקן זאָלסטו מיר ניט דערמאָנען. ס'ליגט מיר נאָך גוט אין זינען דער באָס, דער פאָרמאַן, און די סעק, סלעק און קלעק און נאָך אַזעלכע שווארץ־יאָר. מיט אַרבעט זיינען מיר דאָ פאַרזאָרגט, און אַז מ'אַרבעט פאַר זיך בלייבט עס באַ זיך. און דיין טענה „מיט מענטשן גלייך" איז, אַדרבא, געפין נאָך אַזאַ ווינקל אין דער וועלט, וואו מ'איז אַזוי גלייך ווי מיר זיינען דאָ. מיר גייען דאָ אַרום אַלע אין אָוועראָלס מיט לאַטעס. אַלע רויכערן מיר דאָ דעם פּראָסטן טאַבאַק, אַלע זיינען מיר דאָ איין משפחה, אָן יחוס. קיין גבירים, וועמען פיינט צו האָבן, איז נאָך דאָ דערוויילע נישטאָ. און וואָס ס'וועט זיין שפּעטער, זאָל גאָט זאָרגן. און אפשר וועלן מיר מיט דער צייט אַליין ווערן גבירים און מ'וועט אונז פיינט האָבן; ווי זאָגסטו, מיין ווייבל? און דערווייל איז באַ מיר דער שענסטער טעאַטער ווען די קעלבלעך צעטאַנצן זיך. איך האָב פון דעם גרויס הנאה.

ווער ווייסט ווי לאַנג דער שמועס וואָלט זיך געצויגן ווען ניט אַ קעלבל, וואָס האָט זיך צעמעקעט, און ער, דער באַלעבאָס, איז אַוועק אין שטאַל.

שפּעטער, ווען איר מאַן איז ניט געווען אין הויז, האָט זיך פאַר מיר די פאַרמערקע מודה געווען, אַז עס פאַרדריסט זי וואָס זי האָט זיך געקריגט מיט איר מאַן, ווייל נאָך אַלעמען איז ער דאָך פאָרט גערעכט און זי אַליין וואָלט, נאָך די אַלע חשבונות ניט אַוועקגעוואָרפן די פאַרם, אין וועלכער זיי האָבן אַזוי פיל אַרבעט אריינגעלייגט פאַר די יאָרן וואָס זיי וואוינען דאָ.

זי האָט מיר אויך דערציילט, וואָס פאַר אַ גרויסער בריה דער מאַן אירער איז.

— אָט ווי איר קוקט אים אָן, איז ער אַליין אַ שוסטער און פאַריכט אונזערע שיך. ער איז אַליין אַ גלעזער און שטעלט אריין די שויבן אין די פענצטער. ער איז אַ שמיד, אַ האַרנעס־מאַכער. אָט די מעבל אין הויז האָט ער אַליין געמאַכט; די הויז אַליין געבויט און אַליין 6 אַקער וואַלד אויסגעריסן; האָלץ אַליין אָנגעפירט און צעשניידט עס מיט אַ האַנט־זעגל. מיט איין וואָרט — אַלץ קען ער און קיין זאַך איז פאַר אים ניט צו שווער.

ווען עס איז געקומען די צייט פאַר מיר צו גיין אהיים, האָבן מיר מיינע שכנים געראַטן, אַז איך זאָל גיין ניט מיטן גלייכן וועג, ווייל דאָרט וועל איך האָבן אָן אַ שיר בלאָטעס, וועלכע איך וועל גאָר ניט קענען דורכ־קריכן. זיי האָבן מיר אָנגעוויזן אַ וועג, וועלכער איז מיט דריי פערטל מייל

לענגער, אָבער וועלכער איז שוין אביסל אויסגעפּאָרן און וואו ס'וועט זיין גרינגער דורכצוגיין.

האָב איך זיך געלאָזן אין וועג אריין פול אָנגעלאָדן מיט פּזמונות וואָס איך האָב זיך אונטערוועגס אָנגעהערט. און ס'איז מיר אריין אין קאָפּ: „אָט האָסטו דיר, אַנטלאָפן פון איין ציוויליזאַציע און אריין אין א צווייטער. ס'איז די זעלבע יענטע נאָר אנדערש געשלייערט". האָב איך שוין געוואָלט וואָס גיכער קומען אהיים. אפשר וועט מיר געלינגען איבערבייטן די שטימונג.

אָבער מיר איז געווען באַשערט צו האָבן נאָך אמאָל א סטאַנציע און נאָך אמאָל צו הערן וועגן דעם יונגנמאַן מיט די חשבונות. דאָס ערשטע האָב איך דערהערט די שטימע פון א האָן; א יוסטער באַלעבאַטישער האָן איז עס געווען. נו, מוז דאָך דאָ ערגעץ זיין א הויז פון א פּארמער. נאָך א פּאָר טריט און איך באַגעגן א קליין מיידעלע מיט שיינע, פריילעכע אויגן און מיט צוויי לאַנגע פּארפלאָכטענע צעפּעלעך. זי האָט זיך געשפּילט מיט א הינטל מיט סאַמעט־גלאַטע שווארצע האָר.

— האַלאָו, האַלאָו! — באַגעגענט זי מיך.

—האַלאָו, האַלאָו!—ענטפער איך איר—ווי רופט מען דיך מיידעלע?— פרעג איך איר. ס'האָט זיך מיר זייער געוואָלט וויסן אויב זי קען ריידן אידיש.

— מיין נאָמען איז גאָלדע רייזין.

רייזין? איז מיר דורכגעפלויגן אין קאָפּ, רייזין? טאָמער עפּעס משפּחה. דאָ אין דער ווילדערניש רייזינס משפּחה, וואָלט דאָך עס זיין ווי געוואונטשן. און אין איין ווײַלע האָב איך זיך פון איר דערוואוסט וויפיל ברידערלעך זי האָט, וויפיל הינער, בהמות, פערד, און אז איר טאַטע האָט געדונגען נאָך א פּארם צו באַארבעטן און זי לאַדט מיך איין אין הויז. דערהערט אַזאַ זיס קינדער־שטימעלע מיט אַזאַ זאַפטיקן אידיש, איז מיר שוין פריילעכער געוואָרן.

גיי איך שוין אריין אין הויז. ווייזט זיך אַרויס, אז די פּארמערקע האָט שוין געהערט פון מיר.

— האַלאָו! דאָס זיינט איר אוסישקין? איך האָב געהערט פון אייך, אז איר גייט זיך דאָ אויך באַזעצן ניט ווייט פון אונז. איז טאַקע זייער גוט.

און שפּעטער פרעגט זי מיך.

—האָט איר געהערט פון יענעם יונגנמאַן, וואָס האָט דאָ אָנגעמאַכט א גאַנצן גערודער מיט זיינע חשבונות? איך זאָג אייך, אז איך בין מיט אים ניט איינשטימיק. אמת, מיר מאַטערן זיך שוין דאָ אביסל צופיל אויף אונזער שטיקל ברויט. אָבער דאָך האָבן מיר א האָפענונג, אז מיר וועלן נאָך האָבן ברייטע פעלדער מיט ווייץ, אז אַלץ וועט געראָטן און אז מיר וועלן האָבן אַלץ אין וואָס מיר נויטיקן זיך. אָבער דאָך האָט אונז יענער יונגערמאַן שווער געמאַכט דאָס געמיט מיט זיינע שווארצע נביאות.

און איך בין אוועק אהיים, איבער די נאסע בלאָטעס, פארזונקען אין שווערע מחשבות וועגן אונזער לעבן דאָ אין נייעם לאַנד, אין אידנבידזש, וואו מיר האָבן געהאָפט צו געפינען אונזער נייע היים.

:: :: ::

אין דער היים האָב איך ממש רוען ניט געקענט, וואָרום לויט דעם גאַסט שאַפּיראָס חשבון האָבן מיר מיט אונזער קומען אין אידנבידזש געמאַכט א טעות. עפּעס, האָב איך געטראַכט, קומט עס אונז אָן אזוי שווער איינצו־אָרדענען זיך אויף לאַנד. אויף יעדן טראָט א דאָרן אין וועג. אמת, די לײַדן דאָ אין אידנבידזש זיינען אומדערטרעגלעכע. די נאַטור איז נאָך זייער רוי, א טויזנט־יאָריקער געדיכטער וואַלד וואָס לאָזט ניט דורך קיין שטראַל ליכט. די ערד איז באַדעקט מיט בלאָטעס, דאָס לעבן אזוי איינזאָם. מיר זיינען צעשפּרייט על שבע ימים. צו א שכן צוקומען איז ממש מיט מסירת־נפש, די הייזער זיינען קעסטלעך, אָן ליכט און אָן וואַסער, באַלד ווי בײַ די ווילדע אינדיאַנער. אָבער — איז מיר ניט ארוים פון זינען — מיר זיינען דאָך נאָך אזוי יונג און שטאַרק און קיין מוט פעלט אונז אויך ניט.

און ס'איז מיר נאָר געלעגן אין זינען „קאָאָפּעראַציע". עפּעס האָב איך נאָר געטראַכט פון א געזונט אזאַ, אז וואו איין מענטש אליין קען אויפ־הויבן אזויפיל, — קענען צוויי מענטשן צוזאַמען אויפהויבן פיל מאָל מער.

אגב, איז דאָך פאַר אונז ביז איצט אויך דער וועג ניט מיט רויזן גע־שפּרייט. און דאָ נאָך קיין צייט ניט געהאַט די פיס אָנצעוואַרעמען אויף דער אידנבידזשער ערד, איז נעם זיך ווידער פאָרן וואַנדער־שטעקן, און וואוהין? און, האָב איך געטראַכט, מיר זיינען דאָך ניט אליין. ס'זיינען דאָך דאָ נאָך אידן. חוץ לזה, ווען האָבן מיר דאָס אפילו געקענט חלום'ען פון אזאַ שטיק לאַנד. עפּעס א שפּאַס, הונדערט און זעכציק אַקער! אין דער אַלטער היים, אין רוסלאַנד, אז א פּויער האָט געהאַט פופציק אַקער לאַנד איז אים דאָך געווען גענוג ברויט אויף גאַנצע זעקס מאָנאַטן אין יאָר, און דאָ פיר מאָל אזויפיל. ניין, מיר וועלן אונזער אידייע צו ווערן פאַרמערס דאָ אין אידנבידזש אזוי לייכט ניט אויפגעבן. מיר וועלן זיך נאָך מיט מענטשן דורכשמועסן, אפשר וועלן מיר צו דער מכה דאָך געפינען א רפואה. און אָט מיט דער האָפענונג און מיט א גאַנצן ים זיסע טרוימען בין איך מיר אוועק צום מיטינג, וואָס מיר האָבן גערופן צוליב דעם „ענין שאַפּיראָ".

אויף אַ מיטינג
פון אידישע פאַרמער

דער מיטינג איז פאָרגעקומען אין הויז פון מיין לאַנדסמאַן, אייזיק, וועלכער איז צוזאַמען מיט מיין ברודער געקומען קיין אידנברידזש. ווען איך בין אריינגעקומען אין הויז איז אייזיק געשטאַנען און פאַנאַנדער־געבלאָזן דעם פייער אין אויוון. אויף זיין פּנים איז געווען אויסגעגאָסן א שמייכל. קענטיק, ער איז געווען אויפן זיבעטן הימל צוליב דעם, וואָס ער האָט אזויפיל געסט אין הויז.

דער רויך פון סיגאַרעטן האָט פארשטעלט דאָס איין־און־איינציק פענצ־טערל אין הויז און עס איז געווען שווער צו דערקענען ווער איז ווער. פון דעם טומל און די באַוועגונגען מיט די הענט האָט מען געקענט זען, אַז דאָ גייט שוין אָן א הייסער ויכוח.

איינער, א הויכער יונגערמאַן מיט ברייטע פּלייצעס, האָט גע׳טענהט:

— וואָס ווייסט איר פון פּאַרמערישע חשבונות? איר האָט דען אמאָל געאַרבעט אויף אַ פאַרם, ווי איך? איך האָב זיך שוין דאָ גענוג אָנגעאַרבעט און איך ווייס מער פון אייך.

אַ צווייטער, פון נידעריקן וואוקס, מיט א פּיפּקע אין מויל — ער איז איצט ערגעץ אין דרום־אפריקע — שרייט הויך און וויל אים איבערשרייען:

— זאָל ער דערווייזן שוואַרץ אויף ווייס דעם גאַנצן חשבון. לאָמיר זען, צי עס לוינט זיך אונז בלייבן דאָ און מאַטערן זיך, אָדער ניט.

אַ בחור מיט אָנגעשטרענגטע אויגן — ער איז איצט אין וויניפּעג, און ווען ער וועט לייענען די שורות וועט ער זיך דערמאָנען אין יענעם הייסן מיטינג — שטייט אַזוי און שמייכלט:

— וואָס קאָכט איר זיך אַזוי? — פרעגט ער — צוויי גענעראַלן גייען זיך שלאָגן איינער קעגן דעם צווייטן.ביידע רעכענען אויס פון פאַראויס אויף אַ זיג, אַניט וואָלטן זיי זיך ניט אָנגעהויבן — און דאָך מוז איינער

פארלירן. איז דאָס אַ סימן אַז ער איז געווען אַ שלעכטער בעל־חשבון. אויך אונזער גענעראַל, מיסטער שאַפּיראָ, קען דאָ פאַרלירן מיט אַ קנאַק.

אַ הויכער איד, מיט אַ קלוגן, גוטמוטיקן שמייכל — ער איז שוין איצט מער ניט צווישן די לעבעדיקע — הויבט אויף די האַנט, אַז עס זאָל ווערן שטיל. דער איד איז אויך געווען אַ גוטער זינגער. האָט ער פאַר אונז פריער אויסגעזונגען דאָס לידל, „אַליין דער באַלעבאָס און אַליין דער משרת", וואָס איז דעמאָלט געווען זייער פּאָפּולער בא די אידנברידזשער. דערנאָך האָט ער געזאָגט, מיטן ניגון פון „מאי קאָ משמע לן":

— לאָמיר אַלע זיין שטיל און אויסהערן אונזער גאַסט דעם יונגנמאַן, וואָס ער האָט אונז צו זאָגן.

דער יונגערמאַן מיט די חשבונות האָט דאָס וואָרט

אַלע זיינען שטיל געוואָרן און שאַפּיראָ האָט אָנגעהויבן מעשה בעל־דרשן, דרייענדיק מיטן גראָבן פינגער:

— הערט מיך אויס, מיינע פריינט. איך בין פולקאָם איינשטימיק מיט דער אידייע פון באַזעצן זיך אויף לאַנד. עס איז טאַקע צייט, אַז דער איד זאָל אוועקלייגן זיין וואַנדער־שטעקן. עס איז צייט פאַר אונז אויפצובויען אַ היים, וואו מיר זאָלן קענען שטיין מיטביידע פיס אויף דער ערד. איך וואָלט אַליין נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל פון אייך, אידישע פאַרמער, און וואָלט זיך אַליין דאָ באַזעצט מיט אייך, ווען איך זאָל זען אַ וועלכע עס איז מעג־לעכקייט, אַז דאָס זאָל קענען אויסהאַלטן.

און שאַפּיראָ רעדט ווייטער:

— דער אָנהויב איז טאַקע שיין און פיין. אָבער דערנאָך . . . איך וויל ניט זיין קיין שוואַרץ־זעער און פאָראויסזאָגן אַ טרויעריקן סוף, אָבער אַ פּשוט׳ן חשבון קען מען ניט פאַרדרייען.

— טוט נאָר אַ טראַכט מיט אַ קלאָרן קאָפּ. מען האָט אייך יעדן נעגעבן צו 160 אַקער לאַנד. טוט אַ רעכן, איר וואָס זיינט שוין דאָ אין אידנ־ברידזש אַריבער פינף יאָר — וויפיל אַקער וואַלד האָט איר מיט אייערע אייגענע מעגלעכקייטן אַרויסגעריסן? צו צוויי אַקער אַ יאָר. איז ווי לאַנג דאַרף דאָס אייך נעמען אַרויסצוררייסן 160 אַקער? אמת, שפּעטער וועט איר אויסבויען וועגן, וואו עס וועלן קענען אַריין גרויסע מאַשינען און די זאַך וועט גיין שנעלער. אָבער צו אַלץ פאָדערט זיך קאַפּיטאַל, אַ זאַך וואָס איר האָט ניט. מוזט איר אָנקומען צו די קאָמפּאַניס, וואָס וועלן אייך לייען געלט און וועלן אייך באָרגן מאַשינעריע. מיינט איר, אַז דאָ וועט איר שוין ווערן גרויסע פאַרמער? ניין. איר וועט ווערן גרויסע בעל־חובות נאָך איידער איר האָט אַרויסגעריסן דעם וואַלד און געמאַכט אַ פעלד פון אים. איר וועט שוין באַלד ניט וויסן פון וואַנען אָנצוהויבן צאָלן כאָטש די פּראָצענטן.

— די קאָמפּאַניס וועלן אייך אַליין צוריידן, אַז איר זאָלט באָרגן און

לייען אַלץ וואָס איר דאַרפט אויפן פאַרם. זיי וועלן אייך אויפווייזן, ווי אַזוי איר וועט אַלץ קענען אויסצאָלן. זיי וועלן צו אייך זיין ווייך ווי פּוטער, כאָטש לייג זיי צו צו אַ מכה. זיי וועלן אייך דערציילן, אַז זיי מיינען דורכ־אויס אייער טובה, ווייל איר זיינט דאָ גרינע און איר ווייסט גאָרנישט. אָבער דערנאָך — דער חוב וואַקסט ווי אויף הייוון און איידער איר קוקט זיך אַרום דערקענט איר שוין ניט די ציפערן פון אייער חוב. אייך דוכט זיך, אַז דער מאָנער האָט דאָ געמאַכט אַ טעות. איר ווייסט אפילו ניט, אַז דער חוב וואַקסט אַלע 24 שטונדן אין מעסלעס. און ווי נאָר זיי דערפילן, אַז זיי קענען שוין עפּעס קריגן פון אייך, וועלן זיי אַרויסרייסן ביז דעם לעצטן ביסן. זיי זיינען שוין מער ניט קיין גוטהאַרציקע מענטשן. זייער כאַראַקטער בייט זיך, ווי אַ שלאַנג בייט איר פעל.

— און וויסן דאַרפט איר, אַז דער געזעץ פון לאַנד איז אַלעמאָל אויף דער זייט פון די רייכע. זיי זיינען אַלעמאָל באַשיצט און דער אָרעמער פאַרמער איז אַלעמאָל אויף הפקר. קיינער קוקט זיך אויף אים ניט אום.

— און נאָך אַ זאַך, וואָס איר דאַרפט וויסן. ווען איר קריגט אויף באָרג אַ מאַשין, לאָמיר זאָגן, פאַר 300 דאָלער — ווערט פון דעם מיט די פּראָצענטן אויף פּראָצענטן פאַר עטלעכע יאָר, פינף הונדערט דאָלער; און ווען איר האָט שוין אויף דער 300־דאָלערדיקער מאַשין איינגעצאָלט 490 — איז נאָך די מאַשין אַלץ ניט אייערע. זיי האָבן אַ רעכט צונעמען בא אייך די מאַשין, וועלכע איר האָט שוין לויט אייער מיינונג לאַנג אויסגע־צאָלט און איבערגעצאָלט, און פאַרקויפן זי — און די הוצאות פאַרן פאַר־קויפן אייער מאַשין דאַרפט איר ווידער צאָלן; און אויב די מאַשין ברענגט ניט אַריין די רעשט פון דעם חוב און די הוצאות, בלייבט איר ווידער שולדיק — און די מאַשין האָט איר שוין ניט.

— עס זיינען אויך ניט ריכטיק אייערע טענות, אַז איר קענט זיך העלפן מיט דעם, וואָס איר וועט קריגן געבאָרגט די געלט בא מאָרטגעדזש קאָמפּאַניס און וועט אויסצאָלן די מאַשין־קאָמפּאַניס. גוט, וועט איר פּטור ווערן פון די מאַשין־קאָמפּאַניס מיט זייערע ליבע־בריוולעך, מיט וועלכער זיי נעמען אייך דעם לעבער עטלעכע מאָל אין יאָר און דערמאָנען אייך ווער עס זיינען די ריכטיקע באַלעבאַטים אויף די מאַשינען, מיט וועלכע איר אַרבעט. וואָס זשע וועט איר אָבער דאָ אויספירן? איר וועט בלויז אַריינפאַלן אין די הענט פון די מאָרטגעדזש קאָמפּאַניס, וועלכע זיינען די זעלבע וואַלד־רויבער. וואָס איז אייך דער אונטערשייד מיט וואָס מען שלאָגט אייך — מיט אַ שטעקן צי מיט אַ פלאָקן?

— און מיט דער מאָרטגעדזש קאָמפּאַני איז עס נאָך פיל ערגער, ווי מיט דער מאַשין־קאָמפּאַני. די מאַשין־קאָמפּאַני נעמט בא אייך צו ניט מער ווי די מאַשין, אָבער די מאָרטגעדזש קאָמפּאַני קען בא אייך פאַרן לעצטן ניט־דערצאָלטן דאָלער צונעמען אייער גאַנצע פאַרם ווי עס שטייט און גייט

און איר וועט ווערן אוים באַלעבאַטים מיט איין קנאַק. און זיי דאַרפן גאָר ניט וואַרטן ביזן לעצטן דאָלער. זיי קענען באַ אייך צונעמען די פאַרם ווען זיי ווילן. מיט איין שמיר מיט דער פען פליט איר אראָפּ פון פּלאַץ, אין וועלכן איר האָט אריינגעלייגט אַ האַלבן לעבן מיט אַרבעט. אַזוי איז דער געזעץ אין די קאַפּיטאַליסטישע מדינות, און מיט דער הילף פון די לאַיערשע דריידלעך גייען זיי נאָך ווייט אפילו אריבער די קאַפּיטאַליסטישע געזעצן.

— אַ חוץ דעם אַלעמען האָט איר נאָך אַ פּראָבלעם. איר זיינט קיינמאָל ניט זיכער, אַז אייער אַרבעט וועט ניט גיין לאיבוד. איר זיינט ניט זיכער מיט אייערע פּראָדוקטן, וואָס איר פּראָדוצירט אויפן פאַרם. איר אַליין זיינט ניט באַקאַנט מיט די פאַרשיידענע סאָרטן תבואות און אַנדערע פּראָדוקטן און איר מוזט זיך פאַרלאָזן אויפן קויפער. וויפיל ער גיט מוזט איר נעמען און איר קענט זיין זיכער, אַז מ'וועט אייך אָפּנאַרן.

— אָט אַזוי ווי איר זעט, איז עס גאָר ניט פון די לייכטע זאַכן פאַר אַ שעפעלע איינצואָרדענען זיך, ווען אַרום זיינען דאָ אַזויפיל וועלף, ווען יעדער וואָלף באַזונדער קוקט מיט זשעדנע אויגן אויף דער שעפעלע צו פאַרצוקן זי.

דער יונגערמאַן, שאַפּיראָ, האָט אונז אויך געמאָלן אַ טונקל בילד פון דעם שווערן לעבן אויף דער פאַרם, אָפּגעריסן פון דער ציוויליזאַציע און וואו עס איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט צו געבן די קינדער אַ ריכטיקע דערציאונג.

מיר ווערן ניט פאַרצווייפלט

בשעת שאַפּיראָ האָט גערעדט האָט זיך מיר זייער שטאַרק געוואָלט אריינקריכן יעדן איינעם פון מיינע שכנים אין האַרצן און זען וואָס דאָרט טוט זיך. האָב איך דאָס פאַרשטייט זיך געקענט טאָן. אָבער אין די אויגן און אויף זייערע פּנים'ער איז באַ יעדן באַזונדער געווען עפּעס אָנגע־שריבן, וואָס איך האָב דייטלעך געקענט אראָפּלייענען.

אָט זיצט אַ יונגער מענטש, וואָס האָט אין לאָנדאָן זייער גוט פאַרדינט. ווען ער איז געקומען קיין קאַנאַדע, קיין מאָנטרעאַל, האָט ער געאַרבעט עטלעכע מאָנאַטן און האָט פאַרדינט 40 דאָלער אַ וואָך באַ נייען שיך. איז אָבער אידנברידזש אַ צוויבער־וואָרט. און דאָ — נאַ דיר אַזאַ געשיכטע! אָבער איך זע אויף זיין פּנים ניט קיין פאַרצווייפלונג.

און אָט איז דער פריילעכער אייזיק. ער איז געפאָרן אהער פון לאָנדאָן צוזאַמען מיט מיין ברודער. דאָרטן האָבן זיי גוט פאַרדינט און געמאַכט אַ פיינעם לעבן. זייערע באַלעבאַטים האָבן זיי זייער ניט געוואָלט אַוועקלאָזן פון זייערע שטעלעס. מען האָט זיי געוואָרנט, אַז אין יענעם קאַלטן צפון־לאַנד וועלן זיי קיין האָניק ניט לעקן. איז מען דאָך יונג און שטאַרק און פול מיט מוט; איז — הײדאַ קיין קאַנאַדע. זיי האָבן זיך געווען אָפּגעשטעלט אין האַמילטאָן, וואו מען האָט זיי אָנגעבאָטן אַ פּאַרטיקע גוטע פאַרם פאַר שפּאָט ביליק. מען דאַרף נאָר האָבן כוחות צו באַרבעטן און געניסן פון

לעבן. איז ניין — עס ציט זיי צום צוויבער־לאַנד אידנברידזש, אַ פּלאַץ וואָס האָט פאַר זיי געהאַט אַלע זיבן חנ'ען און האָט געצויגן ווי אַ מאַגנעט. און פון אייזיקס אויגן האָב איך געקענט אַרויסלייענען אַ חרטה, אָבער ניט קיין פאַרצווייפלונג. ס'איז טאַקע געווען אַ נאַרישקייט אַוועקצוּוואַרפן ברויט און זוכן ברעקלעך, אָבער — ס'איז נאָך ניט אַלץ פאַרלאָרן.

איינער אַ יונגער מענטש, פעסט געבויט, מיט אַ היציקן טעמפּעראַמענט האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף און אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש. ער האָט געוואָלט עפּעס אַרויסזאָגן אַ האַרב וואָרט; ס'האָט זיך אים אָבער געשטעלט דאָס וואָרט אין האַלז, און איך האָב ניט געקענט גענוי וויסן וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען. צי האָט ער געוואָלט פאַרדאַמען די אָרדענונג וואָס פּאַרטייר־דיקט די שטאַרקע, די רייכע — און די שוואַכע, די אָרעמע זיינען באַ איר אויף הפקר; צי איז ער אפשר ניט געווען צופרידן פון דער גאַנצער מעשה, וואָס האָט אים אין איין ווייַלע אַוועקגערויבט זיין זיסן טרוים און אַלע זיינע האָפענונגען צו ווערן דאָ אַ פאַרמער און אויפבויען זיך אַהיים, פון וואַנען, אויף דער עלטער, ווען ער וועט שוין זיין שוואַכער, זאָל אים קיינער ניט קענען אַראָפּטרייבן. און אפשר האָט ער געוואָלט געבן עפּעס אַ רפואה צו דער מכה, עפּעס אַ וועג ווי אַזוי זיך אַרויסצוהעלפן. בין איך אָבער ניט קיין קינסטלער צו קענען טרעפן וואָס יענער האָט געוואָלט זאָגן און עס איז נאָך ביז היינטיקן טאָג געבליבן פאַר מיר אַ סוד.

ניט אַלע זיינען אָבער געווען אַזעלכע היציקע און איבערגעאיילטע. ס'איז אויך דאָרט געווען איינער אַ יונגער מענטש, געקומען נאָר וואָס פון ניו יאָרק. פון דער גרויסער מעטראָפּאָליע איז ער אַריינגעפאַלן גלייך אויף אַ האָמסטעד ערגעץ אין אַ זייטיקער ווילדערניש (היינט געפינט ער זיך אין דער זוניקער קאַליפאָרניע). ער האָט אָבער גערעדט גאַנץ לאָגיש.

— פריינט — זאָגט ער — מיר טאָרן ניט זיין איבעראיילט אין יעדער זאַך וואָס מיר טוען. יעדער טראָט אונזערער אין דער איצטיקער אָרדענונג איז ניט מיט רויזן אויסגעבעט, נאָר מיט דערנער, און דערפאַר דאַרפן מיר היטן וואו אונזער פוס צו שטעלן.

— מיר זיינען אַלע אַהער געקומען פון גרויסע שטעט און יעדערער פון אונז האָט דאָרטן אויך קיין האָניק ניט געלעקט, און ס'קען זיין, אַז דערפאַר האָבן מיר פאַרלאָזט די שטאָט. מיר האָבן גערעכנט, אַז דאָ אין דער ווילדערניש, וואו מען איז ניט אַזוי פאַריאָגט און מיר וועלן ניט דאַרפן אָנהאַלטן יענע משוגעת'ן וואָס רופן זיך מאָדעס, וועלן מיר קענען גרינגער מאַכן אונזער לעבן.

— קומענדיק אַהער — רעדט ווייטער דער יונגער פאַרמער — האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אין אַזעלכע שוועריקייטן, וועגן וועלכע מיר האָבן אפילו ניט געטראַכט זייענדיק אין שטאָט. נעמט, למשל, אַזאַ מעשה, ווי עס האָט אונז דערציילט אונזער פריינט ר. א. וועגן זיין ברודער, וועלכער האָט

א פרוי מיט א קינד. זיי וואוינען אין א הויז פון 4 שפאן די לענג און דריי — די ברייט. דאס הויז איז צוזאמענגעלייגט פון דינע פלעקלעך און ארומגע־שמירט מיט ליים. עס איז בא זיי אויסגעקומען, אז אדער די בעט איז געשטאנען אין קיך לעבן אויוון, אדער דער אויוון איז געשטאנען אין שלאף־צימער. עסן איז שוין אויסגעקומען איןביידע צימערן מיטאמאל. איינער איז געזעסן אויף א בענקל אין קיך און דעם צווייטן איז שוין אויסגעקומען צו זיצן אין בעט. און ווען א קו האט זיך געקעלבט און פארן קעלבל איז אין שטאל געווען קאלט, האט מען אויף דעם רחמנות געהאט און מ'האט עס אריינגענומען אין הויז. און טאמער איז דאס ווייניק געווען און דאס קעלבל האט זיך נאך אלץ געטרייסלט, האט מען אראפגענומען דעם צודעק פון בעט און מען האט איינגעדעקט דאס קעלבל, און ווען דאס קעלבל איז אין הויז אויך אויסגעגאנגען, האט מען עס באוויינט און מ'האט געמיינט, אז די גאנצע וועלט גייט אונטער.

— אדער נעמט טאקע אונז אליין. מיר זיינען דא אלע צוזאמען א היבשע פאמיליע און אונזער הויז איז ניט קיין גרויסע, אזוי אז אלע נאכט, ווען מיר דארפן שלאפן, ווערט פון אונזער הויז איין גרויסער שלאף־צימער. עס איז שוין ניטא קיין איין בענקל א ליידיקער; פון אלץ איז געווארן געלעגערס. פונדעסטוועגן האבן מיר אונזערע הינער אויך געהאלטן אין הויז און דעם גאנצן ווינטער האט אונז דער האן אנגעזאגט, ווען ס'איז 12 אזייגער. איז ווער האט זיך געריכט, אז מיר וועלן דארפן וואוינען מיט הינער און מיט קעלבלעך?

— און איך ווייס נאך א פאל פון א פארמער, ועמענס לאשיקל איז קראנק געווארן, ווייל אין שטאל איז געווען קאלט. האט מען עס אריינגע־נומען אין הויז, וואו ס'איז שוין פאר זיך ניט געבליבן וואו א פוס אוועק־צושטעלן.

— איז ווער האט זיך געריכט, אז מיר וועלן אין אזא ווילדן וואלד דארפן קוועטשן זיך אין אזעלכע ענגע הייזער? פונדעסטוועגן וואלט איך געזאגט אז דער טייוול איז נאך אלץ ניט אזוי שווארץ, ווי מען מאלט אים. צו אלץ איז דא א הילף. צו אלץ איז דא א וועג פאר אויסבעסערונג אין אלע אויסבעסערונגען ליגן אין אונזערע אייגענע הענט. מיר קענען דאס אלעמאל אליין אויסבעסערן.

אלעמענס אויגן זיינען געווען אנגעווענדט צו דעם יונגנמאן, וועמענס רעדע עס האט אנגענומען אזא אפטימיסטישן טאן. אלע האבן זייער געוואלט אוועקגיין פון דעם מיטינג מיט די זעלבע טרוימען, מיט די זעלבע האפע־נונגען, מיט וועלכע זיי זיינען געקומען אהער.

— מיינע פריינט — האט ער ווידער אנגעהויבן, שוין מיט א פעסטערער שטימע — עס איז אמת, אז מיר זיינען דא ארעם און מיר קענען זיך אליין מיט אונזערע כוחות ניט שטעלן אויף די פיס. אבער לאמיר

איין מאָל פאַר אַלעמאָל פעסטשטעלן, אז דאָס איז אונזער היים. אָט־דאָ דארפן מיר זיך איינאָרדנען. אָט־דאָ דארפן מיר אויפברענגען נייע דורות. גענוג שוין צו וואַנדערן. גענוג געאַרבעט אין פארשיידענע פאַבריקן מיט אַזוי פיל פארשיידענע באַלעבאָטים, מיט מענעדזשערס, מיט פאָרלייט, מיט פארשיידענע אנדערע אָנשיקעניש.

— און אויב איר זעט דאָ אויך ניט קיין האָפענונג — איז וואוהין דענקט איר קענען מיר איצט גיין? אויף דער לבנה? איז דאָך אויך דאָרטן פאַר אונז גאָרנישט אָנגעגרייט געוואָרן. מיר זען, אז עס איז איבעראַל דאָס זעלבע וועלטל, מיט די זעלבע פּאַראַנדקעס. איבעראַל זיינען דאָ שטאַרקע מיט די פעטע בייכלעך, וואָס דריקן און שטיקן יעדן איינעם, וועלכער לאָזט זיך נאָר. איז וואוהין זשע וועלן מיר אַנטלויפן?

דאָ האָט זיך אויפגעהויבן איינער א יונגערמאַן, מיט א פּיפּקע אין מויל. ער איז געווען א פּראָסטער בחור און האָט אפשר אין זיין לעבן קיינמאָל קיין בוך נישט איבערגעלייענט; ער איז אָבער קיינמאָל נישט אָפּגעשטאַנען, ווען מען האָט באַדאַרפט עמיצן א העלף טאָן.

— פריינט, — האָט ער געזאָגט — אָט, ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך שוין אויסגעוועזן א האַלבע וועלט. געבאָרן בין איך אין דער ליטע, געאַרבעט אין פּאַריז, געווען אין אַפריקע, אַרגענטינע, בראַזיל און אהער בין איך געקומען פון שפּאַניע. און איבעראַל האָב איך געזען רייכע, וואָס טוען ניט א קלאַפּ א פינגער אָן א פינגער. זיי איז גוט ווי די וועלט. זיי לעבן אין שיינע הייזער. ווען ס'איז קאַלט, איז בא זיי וואַרעם, און ווען עס ברענט די זון, ליגן זיי אין שאָטן. און זיי עסן פון דאָס בעסטע.

— איך האָב אויך געזען מענטשן, וואָס אַרבעטן ווי די פערד, וואוינען אין לעכער און גריבער, פּעגירן פון הונגער, פרירן ווי די הינט און ווערן פאַרברענט פון דער הייסער זון. איז אַז אויף דער גאַנצער וועלט איז אַזוי, טאָ ווי אַזוי קענען מיר טאַקע דאָס איבערמאַכן?

אין דער צייט, ווען ער האָט גערעדט האָב איך זיך צוגעקוקט צו אָן אַנדער יונגן פאַרמער ווי אַזוי ער האָט רעאַגירט אויף די רייד. אויף אים האָט געקענט גילטן דאָס ווערטל, „אַז מ'לייגט אין די ציינער, געפינט מען אין די ביינער". ער איז געווען פעסט געבויט און האָט זיך געהאַט זיין אייגענע פילאָסאָפיע, אַז ווען מ'עסט האָט מען כוח צו אַרבעטן און אַז מ'אַרבעט האָט מען וואָס צו עסן. דערפאַר טאַקע האָט ער פונעם עסן גע־האַט א היבשן קאַרק און פון דער אַרבעט — פיינע מוסקולן. אָבער מיטן געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט ער זיך ניט אינטערעסירט. אויף אַלע אַזעלכע פראַגן האָט ער געהאַט איין ענטפער — ער פלעגט א מאַך טאָן מיט דער האַנט און זאָגן: „ניט מיר האָבן באַשאַפן די וועלט און ניט מיר קענען מיט איר אָנפירן. ווער עס האָט זי באַשאַפן, יענער זאָל זיך וועגן איר זאָרגן". איצט האָט ער מיט די אויגן טריאומפירט, ווען דער יונגערמאַן

מיט דער פּיפּקע אין מויל האָט אוועקגעשטעלט די הארבע פראגע: „ווי אזוי קענען מיר איבערמאַכן די וועלט?"

דער יונגערמאַן, דער אָפּטימיסט, האָט ווייטער גערעדט:

— איך בין ניט קיין געלערנטער מאַרקסיסט, אז איך זאָל זיך קענען פּאַנאַנדערקלייבן אין פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראגן. אָבער איך וועל אייך פּרוּוון דערקלערן עס אויף פּראָסטן מאַמע־לשון. איך ווילט וויסן, ווי אזוי מיר קענען פאַרבעסערן אונזער לעבן עקאָנאָמיש? ווי אזוי מיר קענען אויספירן, אז מ׳זאָל אונז ניט עקספּלואַטירן? ווי אזוי מיר קענען אפילו פאַרמיידן מלחמות און אנדערע אזעלכע אומגליקן?

—וועל איך אייך צוריק פרעגן א פראגע: פאַרוואָס קען איין באַזונדערע האַנט אפילו קיין סיגאַרעטל ניט צוזאַמענדרייען, און צוויי הענט צוזאַמען קענען א מויער אויפשטעלן? פאַרוואָס קען איין פוס אפילו צום שכן ניט צוגיין, און צוויי פיס צוזאַמען קענען די גאַנצע וועלט אַריבערשפּרייזן?

— ווען איינער וויל ווערן א פאַרמער פאַר זיך אליין, מוז ער פריער פון אַלץ ווערן א בעל־חוב, ווייל קיין אייגענע געלט האָט קיינער ניט פון אונז. צען פאַרמער, לאָמיר זאָגן, וועלכע האָבן אלע צוזאַמען קוים 150 אַקער לאַנד, וועלכע זיינען שוין גרייט צו באַאַרבעטן, מוזן אַריינקריכן אין צען טויזנט דאָלער חובות. און קיין איינער פון זיי וועט ניט האָבן גענוג וואָס ער דאַרף, און יעדער איינער מיט זיין פאַמיליע וועט זיך דאַרפן מאַטערן אויסצואַרבעטן צו צאָלן דעם חוב, אָבער ער וועט עס ניט קענען טאָן. עס וועט אים אַלעמאָל עפּעס פעלן. און אויב א באַלמעלאָכע פעלט אוים געצייג, קען ער קיין גוט שטיקל אַרבעט ניט אַרויסגעבן און קען קיין גוטן פּרייז ניט קריגן פאַר זיינע פּראָדוקטן. אגב, וועלן אויף 150 אַקער לאַנד דאַרפן אַרבעטן צען מאָל צו פיר אָקסן, אָדער פערד און צען באַזונדערע פאַמיליעס וועלן זיך קענען אָפּגעבן ניט מער ווי מיט איין זאַך, לאָמיר זאָגן, מיט תבואה. און אויב עס איז איין יאָר נישטאָ קיין גערע־טעניש — ס׳פעלט רעגן, אָדער ס׳קומט א האָגל, פּראָסט אָדער טריקעניש — בלייבט מען באַ גאָרנישט, אפילו ניט קיין קאָרמע פאַר די בהמות.

— אָבער אלע צוזאַמען קענען האָבן די בעסטע מאַשינעריע, וואָס ס׳פאָדערט זיך אויפן פאַרם. דעמאָלט וועט מען קענען אויספירן פאַרזייען גוט און אין צייט, וועט מען האָבן גוטע און גראָטענע פעלדער תבואה, פאַר וועלכע מען וועט קענען קריגן א גוטן פּרייז. אגב, וועט מען ניט זיין אָנגעוויזן אויף בלויז איין סאָרט תבואה. מען וועט זיך אויך קענען אָפּגעבן מיט מילכיקס, מיט עופות, מיט האָניק, מיט פאַרשיידענע יאַגעדעס און גרינסן, א. א. ווען עס געראָט ניט איין זאַך, זיינען פינף אנדערע גוט. עס וועט אוועק דער שרעק פאַר חובות, ווייל עס וועט אלע מאָל זיין פון וואַנען צו צאָלן.

— אמת, מיר זיינען צעשפּרייט איינער פון דעם אנדערן און מיר קענען

ניט ארבעטן קאָלעקטיוו. פאַר דעם האָט מען שוין פריער פאַרזאָרגט, אַז מיר זאָלן ניט קענען ארבעטן אויף א קאָלעקטיוון אופן, כדי עס זאָל זיין גרינגער צו עקספּלואַטירן אונז. קענען מיר זיך אָבער פאַראייניקן אויף אַנדערע געביטן. מיר קענען קויפן אונזערע פּראָדוקטן, וואָס מיר פאַרברויכן פאַר זיך, אויף א קאָאָפּעראַטיוון אופן, און מיר וועלן עס קריגן פאַר פיל ביליקער. מיר קענען בויען א קאָאָפּעראַטיווע סטאָר. מיר קענען אויך אונזערע פּראָדוקטן פאַרקויפן אין קאָאָפּעראַציע און מיר וועלן קריגן א העכערן פּרייז, ווייל דער מיטל-סוחר וועט שוין ארויספאַלן.

— און איר פרעגט ווי אזוי מיר קענען זיך פאַרהיטן, אז מען זאָל בא אונז פאַרן לעצטן דאָלער ניט צונעמען א מאַשין? גאַנץ פּשוט. מיר דאַרפן אַלע זיין פאַראייניקט, און ווען עס קומט דער שעריף צונעמען די מאַשין און ער שטעלט זי ארויס צו פאַרקויפן, קענען מיר דאָס אָפּקויפן פאַר א קלייניקייט און קיינער זאָל מער ניט געבן, און דערנאָך גיבן מיר עס אוועק צוריק דעם פאַרמער. בלייבט בא אים די מאַשין און ער איז שוין אויף איר גאָרנישט שולדיק.

אָט די ווערטער האָבן געלייגט דעם גרונט פאַר אונזערע ווייטערדיקע פּלענער און די גאַנצע פאַרזאַמלונג איז מיטאַמאָל אריינגעפאַלן אין ענטוזיאַזם. די הויז איז פאַרהילכט געוואָרן מיט אַפּלאָדיסמענטן.

מיט פרישן מוט און נייע פּלענער

די קאָנסטרוקטיווע ווענדונג, וואָס אונזער פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען האָט אונז געקרעפּטיקט און מיר האָבן באַלד אָנגעהויבן אויסאַרבעטן פּלענער פאַר אונזער אידנברידזשער צוקונפט. די פּלענער זיינען געווען ניט נאָר פאַר אונזערע עקאָנאָמישע נויטן, נאָר אויך פאַר די קולטורעלע. נאָכמער, די פּלענער פאַר קולטור-ארבעט זיינען בא אונז פאַרצייכנט געוואָרן די ערשטע אויפן צעטל. פונעם גאַנצן באַרג פאַרגעשלאָגענע פּלענער האָבן מיר זיך דערווייל אָפּגעשטעלט אויף די פאָלגנדיקע:

1. מיר זאָלן אויפבויען א פּלאַץ, וואו מיר זאָלן זיך קענען צוזאַמענקומען פאַר מיטינגען, קאָנצערטן, כאַפּן אַמאָל א טענצל, א. א. וו.

2. מיר זאָלן גרינדן א פרייע ביבליאָטעק, אין צוויי שפּראַכן — אידיש און ענגליש. בא דער ביבליאָטעק זאָל אויך זיין א לייען-צימער. און ביז מיר וועלן האָבן א גענוגנדיקן פאָנד פאַר ביכער, זאָלן מיר דערווייל —

א) זיך ווענדן צו די ציַיטונגען אין קאַנאַדע און די פאַראייניקטע שטאַטן, אז מען זאָל אונז פּשוט שענקען ביכער, מעגן זיי זיין אַלטע.

ב) אַז יעדער פון אונז, וואָס האָט אייגענע ביכער, זאָל זיי ארויסגעבן פריי צו יעדן איינעם, וואָס וויל נאָר לייענען. (מיט דעם לעצטן פּונקט האָבן מיר זיך ניט גענאַרט, ווייל עס האָט זיך טאַקע אזוי צונויפגעקליבן א זייער גרויסע צאָל ביכער).

3. מיר זאָלן גרינדן אַ דראַמאַטישן קלוב און אָפּגעבן ספּעציעלע צייט פֿאַר רעפּעטיציעס. ווען מען וועט פּאַרטיס ווערן מיט אַ שפּיל, זאָל מען דאָס ניט איינזאַלצן ביז עפּעס אַ יום־טוב, נאָר מאַכן אין מיטן מיטוואָך אַ ספּעציעלן יום־טוב און שפּילן (דערווײַל זײַנען מיר דאָך אַליין דער באַלע־באָס און אַליין דער משרת).

4. אַזוי ווי אין יענער צייט זײַנען אַזוינע פּערציק פּראָצענט פֿון פֿאַר־מער ניט געווען פֿאַרהייראַט און אָן פֿאַמיליעס, און געוואוינט האָבן מיר ווייט איינער פֿונעם אַנדערן, און קיין וועגן האָבן מיר אויך ניט געהאַט, און אַ דאָקטאָר איז אויך געווען זייער ווייט — זאָלן מיר זיך איינטיילן אין גרופּן. יעדע גרופּע זאָל האָבן איר דיסטריקט און מיר זאָלן כאָטש איינמאָל אין טאָג קומען אין קאָנטאַקט איינער מיטן אַנדערן, טאָמער איז ווער קראַנק און נויטיקט זיך אין הילף (אַזוי ווי די אינדיאַנער אין צייט פֿון קריג).

5. מען זאָל אָנהויבן זאַמלען מאַטעריאַלן ווי אַזוי צו מאַכן דעם ערשטן שריט פֿאַר קאָאָפּעראַציע. די פּראָדוקטן, וואָס מיר דאַרפֿן קויפֿן פֿאַרן געברויך זאָלן מיר קויפֿן אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון אופֿן; און שפּעטער, ווען מיר וועלן אָנהויבן אַליין פּראָדוצירן פֿאַרם־פּראָדוקטן, זאָלן מיר עס אויך פֿאַרקויפֿן קאָאָפּעראַטיוו.

6. מיר זאָלן זיך אַרײַנוואַרפֿן אין דער אַרבעט אויסצובעסערן און פֿאַרגרעסערן די קרעדיט־יוניאָן (ליי־קאַסע), וואָס האָט שוין עקזיסטירט בײַ אונדז אַ יאָר צייט, און אין וועלכער מיר האָבן זיך זייער שטאַרק געניטיקט.

אמת, עס איז נאָך פֿאַרבליבן אַ גאַנצער באַרג מיט פּלענער, און טאַקע נויטיקע אויך. מיר האָבן אָבער אויך געוואוסט פֿונעם כּלל, אַז אַ צו־גרויסער ביסן מיטאַמאָל קען זיך אַמאָל שטעלן אין האַלדז. פֿאַר צופֿיל צווייגן און צופֿיל קאָמיטעטן קען אונדז נאָך אַמאָל אויספּעלן פּרעזידענטן . . . מיר האָבן אויך געוואוסט, אַז מיר וועלן דאַרפֿן פּטר׳ן אַ היבשע צייט אויף אַזויפֿיל קאָנסטיטוציעס, מיט געזעצן און ביי־געזעצן, בײַ וועלכע דער אידישער מוח קען זיך אַביסל אַ שאַרף טאָן.

דאָ, אין צפֿון־מערב קאַנאַדע, איז דער זומער זייער קורץ. אָט קומט־אָן דער לאַנגער ווינטער מיט זײַנע נאָך לענגערע נעכט (שוין באַלד ווי אויפֿן נאָרד־פּאָל). דאָן האָבן מיר דאָך געניג צייט. אַ חוץ דעם האָט יעדער איינער פֿון אונדז אַריבערגעבראַכט פֿון די גרויסע שטעט, פֿון וואַנען יעדער איז געקומען, די געוואוינהייט, אַז צען אַזייגער אין אָוונט, ווען דער פֿאַרמער וואָס אַרבעט שווער באַטאָג דאַרף שוין ליגן אין בעט און רוען, הויבט זיך בײַ אונדז ערשט אָן דער אָוונט.

דערפֿאַר טאַקע איז אונדז אין אַ צייט אַרום אויסגעקומען צוצוגעבן נאָך אַ פּונקט צו אונזערע קאָנסטיטוציעס, אַז מיר זאָלן אַביסל שאַנעווען דאָס געזונט — אַז אַ מיטינג זאָל זײַן אָט אַזוי שפּעט און ניט שפּעטער.

און מיטינגען האָבן מיר געהאַט דריי און פֿיר מאָל אַ וואָך.

אין אַט דעם מאָמענט, ווען מיר האָבן געלייגט דעם גרונט פאַר אונזער קאָנסטיטוציע, האָבן מיר דערפילט, אַז מיר האָבן אַזויפיל דערגרייכט, אַזויפיל אויפגעטאָן! איבערהויפּט האָבן מיר זיך געפילט געהויבן, ווען מיר האָבן זיך דערמאָנט, אַז אַט ערשט, מיט אַ ווײַלע צוריק, זיינען מיר נאָך דאָ געווען גרים, ווי אַ פויגל אויפן שפּיץ פלאָקן, וואָס יעדער שאָרך טרייבט זי אַראָפּ. אַט נאָר וואָס איז אונזער הימל געווען מיט אַ געדיכטער כמאַרע פאַרצויגן, און אַט האָט זיך מיטאַמאָל דער הימל פאַר אונז אויסגעלייטערט. דער האָריזאָנט איז ליכטיק ביז אויף יענער זייט וואַלד, און מיר אַליין האָבן זיך דערפילט דערהויבן. עפּעס האָבן מיר דערפילט, אַז קיין שום קראַפט אין דער וועלט וועט אונז שוין פון דאַנען ניט פאַרטרייבן. מיר האָבן זיך אין דעם מאָמענט געפילט, אַז מיר זיינען דאָ צוזאַמען מיט די ביימער פון דער ערד אַרויסגעוואַקסן, און קיינער האָט קיין רעכט ניט אונז פון אָרט צו רירן. מיר זיינען אַליין דאָ תושבים נאָך פון אָדם־הראשונ׳ס צייטן און מיר האָבן אויף דעם פּלאַץ די פולע רעכט.

און אַט אין דעם מאָמענט איז דער שטענדיק פריילעכער, שטענדיק גוטמוטיקער אייזיק אַרוים מיט אַ פאָרשלאַג, אַז מיר זאָלן זיך היינט אַביסל משמח זיין, אַז דער טאָג זאָל אונז בלייבן לזכרון. ער האָט גלייך וועגן דעם געזאָגט זיין פרוי, דאָרען, און פרענט שוין גאָרנישט! ס׳איז באַלד פול געווען דער טיש מיט די בעסטע פאַרמערישע מאַכלים — געבאַקטע בולבעס מיט אַ געקוילעטן הערינג. און שאַמפּאַניער (הייסע טיי) האָט זיך געגאָסן אַריבער די ברעגעס.

מיין ערשטע דערפאַרונג
ווי צו האַקן דעם וואַלד

געוועזן איז דאָס אין מיטן פון חודש יוני, אין יאָר 1911. ערשט דריי וואָכן ווי איך בין געקומען אין אידנברידזש. איך האָב דאַן געוואוינט צוזאַמען מיט מיין ברודער אין זיין „פּאַלאַץ". און ס'איז געווען אין דער פרי, אַרום האַלב נאָך פיר, ווען צו אונז איז אַריינגעקומען אונזער שכן פון איבערן וועג — וואָס בא אונז האָט דעמלט געמיינט „איבערן וועג". דאָס איז גיכער געווען אויף יענער זייט וואַלד, אַן ערך דריי בלאָק ווייט. ווען עס קומט אַ מענטש פון שטאָט און מען וואָלט אים געהייסן גיין „צום שכן איבערן וועג", וואָלט ער זיכער פאַרבלאָנדזשעט. סיידן ער וואָלט זיך דורך אַ צופאַל אָנגעשטויסן אָן זיין הויז. אָבער מיר זיינען שוין דעמלט געווען היימיש אין וואַלד, אַזוי ווי די וועלף.

זאָגט צו מיר מיין שכן אַזוי:

—מאַכט זיך אויף גיך פאַרטיק. שאַרפט אָן אייער האַק און מיר וועלן גיין אַרבעטן באַם וועג. מען גיט אונז אָפּאַרבעטן אַ העלפט טעקסעס און מען צאָלט צוויי דאָלער אַ טאָג.

און איידער ער גייט אַוועק זאָגט ער מיר נאָך אָן, אַז צו דעם פּלאַץ וואו מען אַרבעט איז אַ היבשער מהלך, און אַז ער וויל מיר זאָלן קומען פרי, נאָך פאַר 7 אַזייגער, כדי די גוים זאָלן ניט זאָגן, אַז אידן קומען שפּעט צו דער אַרבעט.

איך בין פון זיין לעצטן אויסדרוק „למה יאמרו הגוים" ניט געווען זייער צופרידן. נאָר איך בין דאַן געווען דער גרינער, האָב איך דאָס פאַרשוויגן.

ווען מיר האָבן צוגעבראָדזשעט צום פּלאַץ, נאָסע ווי די רוחות פון די טיפע בלאָטעס, האָבן מיר שוין דאָרט געפונען דריי פאַרמער: צוויי אידן און אַ קריסט. אָבער פּונקט 7 אַזייגער זיינען שוין געווען אַלע אויפן פּלאַץ און מען האָט אונז צעטיילט אין גרופּן. דער וועג האָט באַדאַרפט זיין 66 פוס די ברייט. האָט מען געדאַרפט צו 16 מיט אַ האַלבן פוס פון ביידע זייטן אַראָפּהאַקן די ביימער פון אויבן און 33 פוס אינמיטן האָט מען באַדאַרפט

אויסקאַרטשעווען די בוימער מיט די וואָרצלען. איז אויסגעקומען צו צוויי אַרבעטער פון ביידע זייטן האַקן די בוימער פון אויבן און זעקס אַרבעטער זאָלן קאַרטשעווען אינמיטן, ווייל קאַרטשעווען איז שווערער, ווי האַקן די בוימער פון אויבן.

מיין זיידע איז קיין האָלצהעקער נישט געווען

מיך האָט מען אוועקגעשטעלט באַם זייט האַקן פון אויבן, ווייל מען האָט דערזען דעם „העלדישן" אַרבעטער, נאָך אין לאָנדאָנער הולץ. איך האָב זיך נאָך דערמאַנט ניט אַרויפגעאַרבעט אויף אַן אידנברידזשער גאַרניטור מיט גרויסע אָדער קליינע לאַטעס, אָדער מיט לעבער (קיין גאַנצע אָוועראָלס האָט מען דאָ ניט געזען). דעריבער האָט מען פאַרשטאַנען, אַז קאַרטשעווען וועל איך ניט קענען. צו מיר האָט מען צוגעשטעלט איינעם אַ קריסט, וועלכער איז געווען פינף מאָל אַזוי שטאַרק ווי איך. מיין האַק איז געווען נאָר פון איין זייט שאַרף און האָט געוועגט דריי פונט. זיין האַק איז געווען פון ביידע זייטן שאַרף און האָט געוועגט זעקס פונט. הײַנט שטעלט זיך פאָר, אַז זיין עלטער־זיידע האָט נאָך געקענט האַלטן אַ האַק אין דער האַנט און האָט עס איבערגעגעבן בירושה צו זיין אור־אייניקל. ווי עס פליען באַ אים די בוימער, וואָס ער האַקט מיט זיין שווערער האַק! איך — וואָס איך האָב קיינמאָל מיט קיין האַק ניט געאַרבעט און האָב בלויז געזען, ווי אַנדערע אַרבעטן — ווי פויל די בוימער פלעגן זיך אוועקלייגן אונטער מיין האַק!

מיין שכן, רייפל אַבראַמסקי, זאָל געזונט און שטאַרק זיין, האָט גראָדע געאַרבעט אין מיטן וועג באַם קאַרטשעווען, כאָטש איין גאָט ווייסט פון וואַנען ער האָט געקענט די אַרבעט. ער איז דאָך געקומען קיין אידנברידזש סך־הכל מיט אַ האַלב יאָר פריער פון מיר, און אין לאָנדאָן האָט ער דאָך געאַרבעט באַ שיך, און ניט מיט אַ האַק. האָט רייפל אויף קיין איין מינוט די אויגן ניט אַראָפּגענומען פון מיר, און אויך ניט פון מיין שותף, וועלכער איז געווען אַ שנעלער און זייער אַ שווערער אַרבעטער, און באַ דער אַרבעט איז ער געווען אַ שווייגער. האָט מען עס אויסגעטייטשט, אַז ער וויל מיט אַ אידן ניט ריידן. אַנדערש האָבן עס די אַמאָליקע אידן, די געקומענע פון צאַרישן פּאָגראָמען־לאַנד, ניט געקענט אויסטייטשן.

איך האָב אָבער ניט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן זיך אויף אים. צו די גראָבע בוימער האָט ער מיך ניט צוגעלאָזן. זיי האָט ער גענומען פאַר זיך. איידער איך טו אַ קוק אויפן בוים, ליגט ער שוין באַ אים אַן אַראָפּגעהאַקטער. און אויך די דינע בוימער, וועלכע איך האָב געשראָקן מיט מיין האַק, פלעגט ער אוועקלייגן אונטער זיין שאַרפער האַק. ער האָט מיר גאָר ניט געגעבן קיין געלעגנהייט אָפּצוהאַקן אַ בוים, אַ חוץ די דינע ריטלעך.

אמת, דאָס האָט מיך נאָך מער געמאַטערט, ווייל איך האָב זיך אויך

געוואָלט רעכענען פאַר אַן ארבעטער. האָב איך זיך געאיילט און געוואָלט וואָס מער אויפטאָן; אָבער וואָס מער איך האָב זיך געאיילט, אַלץ ווייניקער האָב איך אויפגעטאָן און זיך אַלץ מער אויסגעמאַטערט. מיר האָבן זיך אָבער געהאַלטן גלייך צו די אנדערע צוויי פונעם צווייטן זייט.

ארום דריי אזייגער נאָכמיטאָג האָב איך זיך שוין געפילט אזוי אויסגע־מאַטערט, אז איך האָב געמיינט, אז אָט פאַל איך אַנידער. אמת, איך בין געווען געוואוינט צו ארבעט. איך האָב אין לאָנדאָן אויך קיין האָניק נישט געלעקט. אָבער שטיין בא אַ טיש און שניידן פעלכלעך מיט א שאַרפן מעסער איז דאָך פאָרט גרינגער ווי ארבעטן מיט אַ האַק אין וואלד, און נאָך ווען אַנהאַלטן מיט אַזאַ שותף. איך האָב שוין געטראַכט עפּעס אָפּצוטאָן אַ שפּיצל, ווי אַ שטייגער, מאַכן זיך קראַנק און אויפהערן אַרבעטן. איז אָבער באַם מענטשן דאָ אַזאַ זאַך, ווי שטאָלץ. איך וועל זיך אונטערגעבן? ניין!

און מיט אמאָל איז געשען א וואונדער: מיין שכן, דער שווייגער, וועמען מ׳האָט געהאַלטן פאַר אַן אַנטיסעמיט און א שלעכטן מענטשן, האָט פּלוצים געעפנט דאָס מויל און האָט גענומען ריידן. ער זאָגט צו מיר אַזוי:

— האַלט די האַק אַביסל אזוי, אין דער קרום, און האַק דעם בוים פון אויבן אראָפּ, און לאָז די האַק אראָפּ אין בוים מיט דער גאַנצער קראַפט, וואָס דו פארמאָגסט — וועסטו זען ממש וואונדער. די בוימער וועלן זיך לייגן און דיר וועט זיין א סך גרינגער און דו וועסט זיך ניט דאַרפן איילן. און — זאָגט ער — גיי האַרט באַם ברעג און פאַרנעם זייער א שמאָלן פּאַס, און א גראָבן בוים זאָלסטו דורכלאָזן. זאָלסט זיך ניט זאָרגן, מיר וועלן ניט בלייבן הינטערשטעליק. און טאָמער פילסטו זיך פארמאַטערט — זאָגט ער מיר ווייטער — איז האַלט די האַק אין האַנט און מאַך זיך ווי דו האַקסט. און זאָלסט זיך ניט זאָרגן, מיר וועלן אַנהאַלטן מיט די אנדערע.

מיך האָבן זיינע פאָטערלעכע ווייכע ווערטער ממש גערירט. און אויף דעם מענטשן האָט מען געזאָגט, אז ער איז אַן אנטיסעמיט און א שלעכטער! און פארוואָס זאָל ער מיך טאַקע פיינט האָבן? מיר ארבעטן דאָך ביידע און ביידע האָבן מיר גאָרנישט; עמיצער אנדערש נעמט צו די פרוכט פון אונזערביידנס ארבעט. קיין אנטיסעמיטיזם קומט ניט פונעם ארבעטער; עס קומט פון ערגעץ אנדערש.

אָט די קליינע לעקציע ווי אזוי צו האַלטן די האַק אין האַנט, און די אמת׳ע אויפריכטיקייט פון דעם מענטשן מיט וועלכן איך האָב געאַרבעט, האָט מיר אריינגעגעבן אַן א שיר כוח. די האַק האָט געשניטן די בוימער און איך האָב זיך דערפילט ווי א מענטש מיט לייטן גלייך. וואו מידקייט! ווען שוואַכקייט! דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעטאָן פון מיר. און מיין שותף, זעענדיק אז איך פיל אזוי, האָט פּשוט געשטראַלט פון נחת. איך האָב שוין באַמערקט, אז ער בייט זיין פּאָזיציע. פריער פלעגט ער מיך מיט זיין גוף פארשטעלן, אז קיינער זאָל ניט זען, ווי איך קען ניט האַקן; איצט אָבער

האָט ער זיך שוין בכיון אָפּגערוקט, אַז אַלע זאָלן זען ווי איך אַרבעט.

צום סוף פון טאָג האָט זיך געמאַכט אַ זאַך, וואָס האָט מיך אַביסל אָנגעשראָקן. ס'איז שוין 20 מינוט צו זעקס, באַלד גייט מען שוין אַהיים, און מיר זיינען צוגעקומען צו אַ קאַליוזשע — אַ נידעריקער פּלאַץ, פול מיט וואַסער. דאָרט זיינען געוואַקסן זייער געדיכטע אָבער דינע ביימעלעך און אַלע האָבן זיך געאיילט דורכצוגיין ביז דער אָפענער קאַליוזשע, ווייל דאָס וועט מיינען, אַז מיר האָבן פאַרן טאָג אָפּגערייניקט אַ היבש שטיקל לאַנד.

אָבער דערביי, אויף אַ העכערן פּלאַץ, איז געשטאַנען אַ גרויסער בוים, ממש אַ ריז, און מען האָט אים געמוזט אַרויסנעמען. קיינער האָט אָבער נית געפילט, ווי צו נעמען זיך צו אַזאַ ריז נאָך אַזאַ טאָג שווערער אַרבעט. מען קוקט אויפן זייגער — ס'איז נאָך דאָ 15 מינוט צו זעקס. איז איינעם איינגעפאַלן צו וואַרפן גורל, און וועמען עס וועט אָנקומען, זאָל יענער דעם בוים אַליין אַראָפּנעמען.

אַלע זיינען געווען צופרידן מיט דעם פּלאַן, אַ חוץ מיר: איך האָב מורא געהאַט, אַז דער גורל וועט פאַלן אויף מיר, וועל איך אַזאַ ריז ניט קענען אַרויסנעמען און וועל דערמיט קאַליע מאַכן מיין רעפּוטאַציע אַלס אַ גוטער אַרבעטער. איך האָב אַפילו געוואוסט, אַז מיין שותף וואָלט זיך נישט איינגעהאַלטן און געגומען מיר העלפן; אָבער דאָס האָט מיך נאָך מער געשראָקן, ווייל דאָס וואָלט מיין רעפּוטאַציע זיכער נישט געהאָלפן.

איך האָב אָבער אומזיסט מורא געהאַט. דער גורל איז גאָר געפאַלן אויף רובין. רובי איז אויך געווען אַ אידישער בחור, אויך געקומען פון לאָנדאָן, און זיין זיידע האָט אויך קיין האַק אין האַנט נישט געהאַלטן. ער האָט אָבער געהאַט אַ באַזונדערן „אידישן שטאָלץ" אין זיך און ער האָט געוואָלט ווייזן וואָס ער קען. אויך אים האָט עמיצער פון די אַלטע פאַרמער געוואָלט העלפן, אָבער ער האָט אַליין אויפגעהויבן זיין האַק און נאָך איידער יענער האָט זיך אַ ריר געטאָן איז דער בוים שוין געלעגן אַן אַראָפּגעהאַקטער און די ערד האָט זיך אַזש אַ וויג געטאָן, ווען ער האָט זיך אָוועקגעלייגט.

גייענדיק אַהיים פון דער אַרבעט האָט זיך דער דאָזיקער בחור געקאַכט און געשריגן, אַז אידן דאַרפן ווייזן, אַז זיי זיינען ניט קיין קאַליקעס און אַז זיי קענען באַשטיין זייער שטעטל.

און פון דאַן ביז איצט, וויפיל געסט ס'זיינען דאָ באַ אונז געווען פון די שטעט, האָב איך זיי געוויזן דעם פּלאַץ וואו דאָס האָט געטראָפן; כאָטש איצט איז אַפילו פון אַמאָליקן וואַלד קיין סימן ניט געבליבן.

מיר אַנטוויקלען
אונזער געזעלשאַפטלעך לעבן

(געווידמעט דעם זיידן מענדעלע)

גענוען איז דאָס ווען איך בין נאָר וואָס געקומען אין אידנברידזש. מיין ברודער איז אוועק זוכן ארבעט צו פארדינען אויף דער הוצאה; דער שכן אונזערער איז אויך ניט געווען אין דער היים. בין איך מיר געבליבן איינינקער אליין.

און אזוי ווי דער קאָנטראַסט פון דעם לאָנדאָנער טומל צו אידנברידזשער שטילקייט איז געווען גרויס, האָב איך אָנגעהויבן בענקען נאָך געזעלשאפט.

עפּעס דאָס שטענדיקע אליין זיצן אין א הויז (אויב מען האָט עס געמענט אָנרופן א הויז) טפח־על־טפח די גרויס און אַרום, אַ גרויסע וועלט און א שטילע, אָן א ברעקל שאָרך פון א פערד, אָן א ברעקל טראָט פון א מענטשן, נאָר בוימער, בלאָטעס, וועלף און פויגעלעך־ברעקעלעך אָן א צאָל. א האָז פלעגט אַמאָל יאָ איבעררייסן די שטילקייט צווישן בלעטלעך פון די בוימער, שפּרינגענדיק — אָבער זיין שפּרינגען איז אַלע מאָל געווען אַ דערשראָקענער. און דאָס אליין פלעגט אונז מאכן צו פאַרטראַכטן זיך, אר וואָס און פאַר וועמען איז דאָ צו שרעקן זיך. אז דאָ איז נאָך ניטאָ קיין כר פון יענעם מין וואָס רופט זיך ציוויליזאַציע. אז קיין מענטשלעכער פוס האָט דאָ ניט געטראָטן פאַר טויזנטער יאָרן.

איז אָט אַפילו די צעשראָקענע האָזן האָבן מיך ניט צופרידנגעשטעלט און מיך האָט נאָך אַלץ געצויגן צו געזעלשאַפט. אוי ווײ, געזעלשאַפט! ס'ווילט זיך צוזאַמענקומען מיט דעם אייגענעם מין, מיט דער אייגענער שפּראַך, געוואוינהייטן און א. א. אזוי ווי די מאַטראָסן אויפן ים. דאכט זיך מען פילט זיך אויפן ים ווי אין דער היים, און דאָך אַז מען קומט נעענטער צום ברעג רעגט עס אויף אַן אינערלעכע פרייד.

לאַנד! לאַנד!

האָב איך זיך, הייסט עס, געדאַרפט אוועקלאָזן איבערן וואַלד זוכן גע־זעלשאַפט.

ס'רעדט זיך אַזוי אַוועקלאָזן איבערן וואַלד זוכן, ווייל איך האָב געוואָלט ווייזן אַ קונץ און אויפהערן גיין אַלע טאָג מיט אַן אַנדער וועג צום ערשטן שכן, א האַלבער מייל ווייט פון אונז, ווייל קיין וועגן זיינען אינגאַנצן ניט געווען און מיטן קלימאַט האָט זיך געביטן די געאָגראַפישע לאַגע — האָט עס גערעגנט און ס'איז נאַס, האָט מען געמוזט אַרום די בלאָטעס אַ סך ווייטער אַרומגיין, און די האַלבע מייל האָט זיך אָפּט אויס־געצויגן דריי מאָל אַזוי ווייט; איז עס געווען טרוקן, האָט מען געקענט גיין נעענטער צו די בלאָטעס, און אַזוי האָט מען קיינמאָל ניט געוואוסט וואו דער וועג איז. האָב איך געוואָלט ווייזן, אַז איך בין ניט אַבי ווער און איך וועל שוין מאַכן אַ וועג אַז ס'זאָל זיין גוט פאַר אַלע מאָל. האָב איך גענומען אַ האַק מיט זיך און איך בין אַרויסגעגאַנגען פונקט 12 אַזייגער באַטאָג, אַזוי אַז די זון זאָל קענען זיין מיין וועג־ווייזער. איך האָב געמיינט, אַז אַט בין איך שוין פאַרטיק און איך האָב זיך גענומען צו די בוימער אָנצייכע־נען מיט דער האַק וואָסערע ס'שטייען אויפן וועג, און איך האָב זיך גענומען ציילן אחת ואחת. אָבער די געדיכטעניש איז געווען אַ שרעקלעכע. איך האָב זיך פאַרגונען עטלעכע בוימער דורכצולאָזן און אַנדערע בוימער האָבן שוין באַ מיר געקראָגן אייגענע סמנים: קרום און איינגעבויגן אין איין זייט; אָדער צווייענדיקע צווייגן, און א. וו. און די זון האָב איך שוין אויך פאַרלאָרן, נאָר דאָס בילן פון א הונט האָט מיך אָנגעהאַלטן אין אַרבעטן די „האַיוועי". איך האָב געוואוסט אַז דאָס בילן פון דעם הונט וועט מיך פירן צום שכן אין הויף אַריין. און איך האָב זיך אַ נעם געטאָן נאָך פלייסיקער צו דער אַרבעט. אָבער מיר איז געוואָרן אויפפאַלנד ווען איך האָב דאָס בילן פון דעם הונט דערהערט גאָר אויף צוריק, און איך האָב זיך געכאַפּט, אַז דער הונט האָט מיך פאַרפירט.

אָבער אַז ס'קומט שוין גאָר ענג, איז, ווי אין זשול ווערנס מעשיות, קומט די הילף. און איך האָב דערהערט דאָס קרייען פון אַ האָן און איך האָב זיך געכאַפּט אַז דאָס הינטל האָט מיך פאַרפירט אין פעטיוטש, העט, העט אָן אַ זייט. דער הונט איז אומגעלאָפן אין וואַלד, געיאָגט זיך מסתמא נאָך אַ האָז. און איך דער „אינזשינער" האָב זיך געלאָזט פאַרפירן פון אַ הונט. אָבער דער האָן, וואָס איז אַגב אַלע מאָל אַ היימישער, האָט מיר געראַטעוועט די סיטואַציע, און צוואַנציק שפּאַן צוריק און איך בין שוין באַם שכן אין הויף.

דערציילט דעם שכן אין איין אָטעם מיין גרויסן אויפטו פאַרן פאַטער־לאַנד, געבויט אַ וועג, און כאָטש איין גאָט ווייסט ווי אַזוי איך וועל מיט מיין נייעם וועג טרעפן צוריק אהיים; ווייל אַ הונט, דער רוח זאָל אים נעמען, קען מער ניט ווי בילן, אָבער קיין וועג־ווייזער איז ער ניט.

פאַנאַנדערגערעדט זיך מיטן שכן גיט ער מיר אַן עצה, אַז זוכן געזעל־שאַפט זאָל איך גיין צו שאַליטן. דאָרט קען איך טרעפן מענטשן אַלע מאָל.

איך דאַרף אָבער, זאָגט ער, דורכבראָדיען די ריכטיקע בלאָטעס, און נאָך אין די לאָנדאָנער שיך. אָבער ווער קוקט עס אויף אַזעלכע קלייניקייטן! אין פאַרגלייך מיט געפינען געזעלשאַפט איז דאָס גאָרנישט. און איך בין אוועק מיט דער געשווינדקייט פון אַ יונגן הירש.

און טאַקע דאָרטן, באַ פריינט מ. שאַליט (שו״ב און לערער) אין הויז איז דאָן געווען דאָס הארץ פון אידנברידזש, די צווייטע קיביצאַרניע נאָך דער פּאָטשט. האָב איך דאָרט אָנגעטראָפן היבשע עטלעכע אידן און פון יעדנס אויגן האָט מען געקענט ארויסלייענען די זעלבע זאָרג און אומעט. אָבער אידן בלייבן אידן. אַז מ׳רעדט דערלעדט מען זיך. די ערשטע אין דער געזעלשאַפט איז געווען די באַלעבאָסטע, מרס. שאַליט. זי איז געווען אַ קלוגע פרוי און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער אַפּעטיט וואַקסט מיט יעדן מייל גאַנג און זי האָט זיך שוין פאַר דעם געזאָרגט.

די ערשטע זאַך צו וואָס מען האָט זיך דערלעדט איז — מיט וואָסערע מיטלען קענען מיר זיך דאָ איינהאַלטן אין איין פריינטלעכער משפחה, און אין כלל וואָס קען אונז דאָ אין דער ווילדערניש האַלטן, אַז מיר זאָלן זיך פילן היימיש און דעם מוט ניט פאַרלירן; ווייל ווי יעדערער האָט זיך ארויס־גערעדט האָט מען געקענט פאַרשטיין, אַז אַלע פאַרשטייען די לאַגע, ווייל פּיאָנערן־לעבן אין דער ווילדערניש, וואו אויף יעדן טראָט איז פשוט׳ע ענוים קשים, איז גאָר קיין שפּילכל ניט.

אָבער געדרייט האָט זיך אַלץ ארום אַ גייסטיקן צענטער. מען האָט אַלץ געזוכט יענעם פּאָדים אָן וועלכן אַלע זאָלן זיך קענען אָנטשעפּען און האַלטן. אַ גייסטיקער צענטער, איז מען געקומען צום שלום, וועט בילדן אַ פריינטלעכע און וואַרעמע אַטמאָספערע, וואו אַלע וועלן זיך פילן פריי און האָבן אַ גייס־טיקן געווס.

און טאַקע דאָ אויפן אָרט איז באַשלאָסן געוואָרן אַז מען זאָל באַלד אָנהויבן מיט ליטעראַרישע אָוונטן, איין מאָל באַ איינעם און אַ צווייטן מאָל באַ אַ צווייטן, און אַזוי ארום וועט יעדערער האָבן דאָס פאַרגעניגן צו האָבן דעם יום־טוב באַ זיך אין הויז.

האָט זיך אָבער באַלד געשטעלט די פראַגע וואו, און באַ וועמען? מ׳איז אַזוי צעשפּרייט, אַז פון איין ברעג ביז דעם אנדערן האָט מען געקענט אָנציילן צען מייל, און, גאָט אין הימל, ווי טרעפט מען צו יעדן צוצוקומען! קיינע פאַרטיקע וועגן האָט נאָך קיינער נישט געהאַט. יעדערער פלעגט שוין ווי עס איז אַליין טרעפן ווי אַזוי ארויסצוגיין צום צענטער וועג, וואָס שניידט דורך אידנברידזש אין דער לענג. און דער ערשטער וועג, אויב מען מעג עס אָנרופן וועג, האָט פאַרכאַפּט ארום פופצן מזל׳דיקע פאַרמערס וואָס האָבן

געהאט א האָפענונג אז זיי וועלן האָבן א וועג נאָך איידער משיח וועט קומען.

און די ערשטע זאַך אויף דער פּראָגראם איז געווען, אז מען זאָל לייענען, און יעדער איינער זאָל נעמען אן אנטייל אין די פאָרלעזונגען — ווער ס'קען בעסער און ווער ערגער — אָן אונטערשייד.

און די פארוויילונגען זאָלן פאָרקומען: זומער איין מאָל אין וואָך און ווינטער — צוויי מאָל אין וואָך.

אָבער אז ס'איז געקומען מיט וועמען מיר זאָלן אָנהויבן דאָס לייענען, האָט זיך פארפירט אַן אמת'ע אידישע דיסקוסיע. מען האָט זיך געקאָכט, יעדער איינער האָט געוואָלט אָפּגעבן דעם כבוד זיינעם א ליבלינג, אָבער די מערסטע שטימען האָבן געקראָגן צוויי גייסטער — מענדעלע מוכר ספרים און י. ל. פּרץ, און געזיגט האָט דער ערשטער — דער זיידע, מענדעלע האָט געקראָגן א מערהייט.

מיט דעם זיידן פון דער אידישער ליטעראטור האָבן מיר אָנגעהויבן, און אים קענען מיר פארצייכענען אלס דעם ערשטן וואָס האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין יענעם בוים וואָס רופט זיך אידנברידזש.

ער איז געווען דער ערשטער אין אידנברידזש וואָס האָט אונז צוזאמענגעקניפּט אין איין פריינטלעכער משפּחה, און וואָס האָט אונז געגעבן יענע ווידערשטאַנד־קראפט בייצוקומען אזויפיל ענוים קשים וואָס איז אוממעגלעך אויסצורעכענען.

צו די גייסטיקע שאַפונגען פון מענדעלען מוזן מיר צורעכענען דעם ערשטן גייסטיקן קוק וואָס האָט באַזיגט אלע ווילדע בוימער און האָט געביטן די פּאַנאָראַמע פון אידנברידזש. פון א ווילדער ווילדערניש האָט זיך עס געביטן אויף אַ מענטשלעכן ישוב.

אויך מוזן מיר צורעכענען אז די ערשטע הויז וואָס דער צופאל האָט אונז צוזאמענגעבראכט און צוזאמענגעקניפּט אין איין משפּחה איז געווען מ. שאָליטס; דאָרטן האָבן מיר אָנגעהויבן אַנטוויקלען אונזער געזעלשאַפטלעך לעבן.

ווען אַ קינד ווערט געבוירן

ווי אַזוי מיר זאָלן פאַרברענגען אונזער פרייע צייט איז אַלעמאָל געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדענונג. איינע פון די צייטן, אין וועלכע מיר האָבן זיך שטאַרק געפרייט, איז ווען עס איז בײַ איינעם פון אונז געבוירן געוואָרן אַ קינד.

געווען איז דאָס ווען בײַ אײַזי סיגאַל איז געבוירן געוואָרן אַ קינד. האָט זיך אונזער ווינקל, ווי מיר, די לאָנדאָנער האָבן זיך גערופן — די טאָנ־שיפּער, געשטעלט אויף די פיס. ווי אַזוי מיר פלעגן זיך פון עפּעס סענסאַ־ציאָנעלעס אין אונזער דאָרף דערוויסן, איז מיר היינט שווער צו דערקלערן, ווייל אויב די אַמאָליקע אינדיאַנער האָבן גענוצט שטריקלעך מיט קניפּלעך אויף איבערגעבן ידיעות, האָבן מיר דאָ דאָס אויך ניט געהאַט. נאָר מיר האָבן זיך געפילט ווי אין משפּחה און האָט איינעם עפּעס אָנגערירט, האָבן מיר זיך פון דעם באַלד דערוואוסט, און איז בײַ וועמען עפּעס אַ שמחה געווען האָבן מיר די פרייד אַלע געפילט.

און פאַרוואָס איז פאַר אונז דאָס געבורט פונעם קינד געווען אַזוי סענ־סאַציאָנעל? איז איינס, אַ קינד איז בכלל אַ פרייד. וואָסערע עלטערן פרייען זיך ניט מיטן געבורט פון אַ קינד? צווייטנס איז דאָס אַ פרייד, ווייל אונזערע אַלע האָפענונגען זיינען געווען דער צוקונפטיקער יונגער דור פאַרמערס, וואָס וועט, ווי מיר האָבן זיך געריכט, קענען הנאה האָבן פון דעם לאַנד וואָס מיר וועלן פאַר אים צוגרייטן, און ער וועט נישט דאַרפן דורכמאַכן יענע ליידן ווי מיר, די ערשטע האָמסטעדערס אין דער ווילדערניש, האָבן דורכגעמאַכט.

דריטנס, און דאָס איז די הויפּט־זאַך — אַז דאָס קינד איז געבוירן, און סיי די מוטער, סיי דאָס קינד זיינען ביידע לעבן געבליבן און ביידע געזונט.

דאָס האָט אונז פריער זייער געשראָקן. אמת, אַזוי איז עס דאָך אַ גע־וויינלעכע זאַך: אַ פרוי האָט געהאַט אַ קינד. ווער דען זאָל עס האָבן, אַז דער מאַן קען דאָס ניט? די סיטואַציע איז אָבער געווען דאָס, וואָס די הויז וואו דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן האָט מען נישט געטאָרט אָנרופן הויז. און

די קעלט איז אין יענעם אָוונט געווען 40 אונטער נול, מיט א ווינטל וואָס מ'פרעגט זיך נאָך אויף אים; אזוי אז הייצן האָט קנאַפּ וואָס געהאָלפן. דער דאָקטאָר און די נוירס — איינע און די זעלבע: א פרוי, אביסל טויבלעך, אין די זיבעציקער, וואָס האָט אפילו ניט געקענט אָנשרייבן איר נאָמען. די מוטער פון ניי־געבוירענעם קינד איז געבאָרן געוואָרן אין דער גרעסטער וועלט־שטאָט — לאָנדאָן, ענגלאַנד, און זי האָט אזעלכע דאָקטוירים און נוירסעס אין איר לעבן קיינמאָל ניט געזען. א חוץ דעם איז זי געווען אזא העלד אין דאָרף, אז זי האָט זיך געשראָקן פאר א הון; זי האָט עס אין לאָנדאָן מער ווי אין די ביכלעך ניט געזען (שפּעטער האָט זי זיך אויסגע־לערנט צו טרייבן פערד). אָט די פרוי האָט עס געדאַרפט דורכמאַכן אזא קימפעט אין דער ווילדערניש.

איז דאָן צו אונזער פרייד קיין גרענעץ ניט געווען. ס'האָט אונז געלערנט, אז א לעבעדיקער מענטש קען אין זיין לעבן דורכמאַכן זאַכן וואָס זיינען פאר אים פריער געווען אומגלויבלעך.

:: :: ::

אויף אָט דער שמחה פון געבורט פונעם קינד, ווען מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, האָבן מיר דאָרטן ווייטער געלייגט דעם גרונט־שטיין פון אונזערע גייסטיקע פאַרגעניגנס. דאָס ערשטע איז געווען אן אמת'ע ביבלי־אָטעק. געדערט און געטאָן, און אונזערע „ראָטשילדס" האָבן זיך צעשאָקלט. מיר האָבן געמאַכט אזוי, אז יעדער ווער ס'וויל שטיצן אזא זאַך ווי א ביבליאָטעק פאר אידנברידזש זאָל איינצאָלן די מורא'דיקע סומע פון 50 סענט, און ער קען דאָס אויסצאָלן מיט ניקלס. פאר דעם געלט זאָלן מיר קויפן ביכער צום לייענען. און געמאַכט האָבן מיר אויפן פּלאַץ די גוואַלדאָווגע סומע פון 3 דאָלער מיט 85 סענט און דאָס גלייך אָוועקגעשיקט אין ניו יאָרק צו א בוך־געשעפט מייזעל.

אָבער צווישן א ביבליאָטעק אין א שטאָט און א ביבליאָטעק אין אונזער דאָרף איז א מוראדיקער אונטערשייד. מיר זיינען געווען אין א פּלאַץ, אויף וועלכן ס'איז אַרויפגעשטעלט געוואָרן א געדיכטער וואַלד ווי א שירעם, וואָס לאָזט ניט צו קיין ברעקל שיין פון דער זון; אָן קיין שום סימן פון א וועג; איינער פון צווייטן איז ווייט און קיינער קען זיין שכן ניט זען. האָבן מיר אָנגעשאַרפט אונזערע קעפּ און געטראַכט ווי אזוי אונזער ביבליאָטעק זאָל צירקולירן.

אזוי ווי מיר האָבן זיך דאָן גרופּירט אַרום דעם צפון'דיקן טייל פון אונזער דאָרף, האָבן מיר אַריינגענומען דריי פּלעצער, אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן מיט עטלעכע מייל, פאר דעפּאַרטמענטס פון אונזער ביבליאָטעק. די דריי זיינען געווען פרענק גאָרדאָן מיט זיינע ברידער, וואָס האָבן געוואוינט צוזאַמען, געקומענע פון ניו־יאָרק, און האָבן געבראַכט מיט זיך היבשע עטלעכע ביכער. אויך אונזער שוחט, מ. שאַליט, מיט זיין פאַמיליע. און מיין

וויניקייט, מיט מיין ברודער, וואָס מיר האָבן געבראַכט פון לאָנדאָן אַ היבשע קאָלעקציע פון ביכער, זשורנאַלן, און פּעריאָדישע אויסגאַבן.

אַזוי ווי מיר האָבן נאָך דאַן קיין אויסגעבויטן צענטער נים געהאַט האָבן מיר דאַן אַליין געמוזט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון אַזאַ צענטער, און אויסגעאַרבעט האָט זיך עס אויף ווייטער אומגעפער אַזוי: מ. שאַליט האָט געוואוינט אין סאַמע צענטער פון אונזער דאָרף, און מ׳פלעגט צו אים קומען קוילען עופות, כאָטש דאָס האָט דאַן זעלטן ווער נאָך געהאַט. ער איז דאָס אויך געווען דער לערער אין אידיש פאַר די עטלעכע קינדער פון שול־עלטער. אַזוי אַרום איז עס דאָרט באַם שוחט אין הויז, וועמענס קינדער זיינען געווען גערן צו פאַרנעמען זיך מיט אַזאַ זאַך ווי ביכער, געוואָרן דער צענטער.

פרענק גאָרדאָן, כאָטש ער איז געווען נים זייער ווייט פון שאַליטס פּלאַץ האָט אָפּעריערט אין זיין ווינקל.

און איך בין די ערשטע פאָר יאָר, איבערהויפּט ווינטער, געווען אַ מין פריווילעגירטער אין אונזער ווינקל. סיי מיין ברודער, סיי מיינע שכנים האָבן מיך נים צוגעלאָזט צו קיין שווערער אַרבעט. און אַזוי ווי איך פלעג דאַרפן גיין צו דער פּאָסט, פלעג איך דאַרפן פאַרבייגיין היבשע עטלעכע אידישע פאַרמערס־לייענער, און אויך פאַרבייגיין דעם סאַמע צענטער, שאַליט׳ס פּלאַץ, און נאָך אַ מייל ווייטער פון אים ביז דער פּאָסט, בין איך שוין דאַן געוואָרן אַ „ביבליאָטעק אויף צוויי פיס", דער קוואַל פון וואָס מען האָט געשעפּט און עס האָט זיך קיינמאָל נים אויסגענומען.

עס פלעגט מיר נעמען צו דער פּאָסט צו גיין, אַהין און צוריק, פון איין ביז 5 טעג. איך האָב נישט געקענט פאַרבייגיין אַ הויז, וואו איך זאָל אַהין נים מוזן אַריינגיין. יע ביכער, נים ביכער, אָבער דאָס אַריינגיין אין אַ הויז און געפינען מענטשן מיט וואַרעמע אויפריכטיקע דערפרייטע הערצער איז געווען אַ געשעעניש. אגב איז דער פאַרגעניגן געווען גרויס, ווען די באַלעבאָסטע פון הויז האָט זיך דערפילט, אַז זי האָט אַ גאַסט אין הויז און קען אים כאָטש מיט עפּעס דערקוויקן דאָס האַרץ. און מערקווירדיק איז געווען, אַז אַ פשוט׳ער נים־פאַרווייסטער באַרשטש, (ווייל ס׳איז נים געווען מיט וואָס צו פאַר־ווייסן), איז געווען געשמאַקער און זעטיקער ווי אַ געבראָטנס באַ אַ גביר׳ישן פעטער.

איז מיר עס דאַן אויסגעקומען צו טראָגן זיך מיט פּעק ביכער אַהין און צוריק: באַ איינעם איבערבייטן, אַן אַנדערן געבן נייע, נים קיין געלייענטע ביכער. עס האָבן זיך אויסגעפורעמט אַזעלכע לײדנשאַפטלעכע לייענער וואָס האָבן זיך מיט ביכער נים געוואָלט שיידן און מ׳פלעגט נעמען צו דריי ביכער ביז ס׳וועט אויסקומען צו בייטן.

שפּעטער האָט עס פאַרשאַפט היבשע דיסקוסיעס, אָט דאָס פאַנאַנדער־טראָגן די ליטעראַטור צו יעדן אין הויז. אייניקע האָבן גע׳טענה׳ט, אַז מיט דעם שאַפט מען פּוילאַקעס און „פּאַראַזיטן" וואָס ווילן נאָר אַז אַן אַנדערער

זאָל פאַר זיי עפּעס טאָן, און אַליין וויל מען ניט אַ קלאַפּ טאָן אַ פינגער אָן אַ פינגער, און אַז אַליין וועט ער שוין קיינמאָל מער ניט לייענען קיין זאַך וואו מ'וועט עס אים ניט צוברענגען. די מערהייט האָט דאָך איינגעזען, אַז טאָמער וועט איינער דאָך געניסן פון אַ צווייטנס אַרבעט, איז אָבער דער פאַרדינסט פון דעם גרעסער, ווייל אַ גרויסע צאָל מענטשן וועלן קריגן די מעגלעכקייט צו לייענען ביכער וואָס זיי וואָלטן אָן דער געלעגנהייט ניט נעקראָגן. אגב האָט די פּראַקטיק שפּעטער באַוויזן, אַז די „ביבליאָטעק אויף צוויי פיס" האָט געשאַפן מער לייענער, און דאָס אַליין איז שוין ווערט געווען די טירחא.

אמת, ניט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צוליב דעם צו פאַרברענגען מער מיט אַ פּאָר טעג אין וועג, ווייל מיר האָבן צווישן די לייענער אויך געהאַט אַזעלכע וואָס זיינען געווען געניגט צו שפּילן טעאַטער און עס פלעגט אויסקומען דורכצולייענען דריי אָדער מער 4־אַקטיקע זאַכן אין איין אָוונט, און דערנאָך דאָס צוקלייבן פון אונזער אַנסאַמבל ווער ס'וואָלט געקענט שפּילן פאַר דעם און ווער פאַר יענעם. דאָס פלעגט צונעמען גאַנצע נעכט, אָבער ס'איז אַלץ ווערט געווען. אַט די צוגרייטונג איז אונז שפּעטער, ווען מיר האָבן טאַקע געשפּילט טעאַטער, צונוץ געקומען.

אונזער ביבליאָטעק האָט זינט איר גרינדונג, אַזוי לאַנג צוריק ווי 33 יאָר, שוין דורכגעמאַכט היבשע עטלעכע דורכטרייסלונגען (פינאַנציעלע), וואָס וואָלט ווערט זיין צו פאַרצייכענען. דורך דעם גאַנג פון דער געשיכטע פון אידנברידזש וועט עס אַרויסשווימען. אָבער אַ פאַקט איז עס, אַז כאָטש מיר האָבן דורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס, (אונזערע בענק האָבן זיך קיינמאָל ניט געעפנט און אונזערע ראַקעפעלערס האָבן זיך אויף אַ גאַנצן הונדערט־סענטיקן דאָלער קיינמאָל ניט געקענט אַרויפאַרבעטן), האָט אונז אָבער קיין ליטעראַטור צום לייענען קיינמאָל ניט געפעלט. מיר האָבן זיך אונטער די אומשטענדן געטיילט איינער מיט דעם אַנדערן אַזוי, אַז יעדער ווער ס'האָט נאָר געוואָלט לייענען האָט עס געקראָגן. און ניט נאָר מיר אין אונזער דאָרף האָבן געהאַט וואָס צו לייענען, נאָר מיר קענען פאַרצייכענען היבשע עטלעכע שטעטלעך אַרום, וואָס האָבן גענאָסן פון אונזער ביבליאָטעק.

לאַטעס, שווערע אַרבעט און ביכער

דאָס איז געווען אין האַרבסט פון 1911. ווען דער ערשטער שניי האָט זיך באַוויזן אויפן פעלד, האָבן זיך די ערשטע באַוויזן די מענער פון די פאַמיליעס אהיים פון דער אַרבעט, וואו מען איז ערגעץ געווען צעשפּרייט אויף מײַלן ווײַט באַם דרעשן. דאָס איז געווען די הויפּט־פּרנסה און וואָס מ׳האָט געמוזט האָבן אויף דער הוצאה ביז ס׳וועט זיך מאַכן עפּעס אַן אַנדער פאַרדינסטל, ווי פירן תבואה צום עלעוועיטאָר פאַר אַנדערע רייכערע פאַרמערס, וועמען ס׳איז געווען זייער ווײַט פון עלעוועיטאָר, און וואו מען פלעגט זיך אָפּמאַטערן נעכט מיט טעג ביז מען האָט געקראָגן דעם דאָלער. ניט בעסער איז אויך געווען דאָס פירן האָלץ אין שטעטל, מיט אָקסן.

זאָל אונז קיינער ניט מקנא זיין אונזערע מיליאָנען, וואָס מיר האָבן דאָ געמאַכט באַ די פּרנסות, און ס׳איז ניט געווען וואָס מקנא צו זיין די פרויען פון די מענער וואָס האָבן זיך געמערט פון די פּרנסות. מען איז טעג מיט נעכט אין דער היים ניט געווען, און זיי, די פרויען, האָבן דאָס געדאַרפט פאַרנעמען אויך דעם מאַנס פּלאַץ, ווי געבן עסן די בהמות און מעלקן זיי, רייניקן די שטאַלן, טראָגן האָלץ אין הויז גאַנצע קופּעס, וואָרום יענע אַמאָליקע פּלאַצן אונזערע צו דערוואַרעמען איז ניט געווען פון די לייכטע זאַכן. חוץ דעם זיינען די פרויען געווען פאַרנומען מיט לאַטען די קליידער וואָס די מענער פלעגן באַ אַזאַ אַרבעט, איבערהויפּט באַם האַקן די האָלץ אין וואַלד, צערייסן און קיין נייע צו קויפן איז ניט געווען פאַרוואָס. ניט איינמאָל איז אויסגעקומען, אַז איין פּאָר אָווערעלס וואָס זיינען געניײט אין קאַנאַדע האָבן אויף זיך געהאַט לאַטעס פון די קליידער וואָס מען האָט געבראַכט פון אויף יענער זייט ים פון פאַרשיידענע לענדער, וואו מ׳איז אויף דער רייזע אהער דורכגעפאָרן.

און ס׳האָט זיך שוין אַזוי אויסגעאַרבעט, אַז באַ אַ מיטינג, וואו די פאַרמערס קומען זיך צוזאַמען אַלע אין זייערע עכטע אידנברידזשער מלבושים, וואָלט עס געקענט זיין אַן אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונג פאַרן בריטישן מוזעאום אין לאָנדאָן, אַ שטודיום פאַר די קומענדיקע היסטאָריקער.

שוין גאָר שפּעט אין ווינטער פלעגן זיך אָנהויבן ווייזן די בעטשלערס וואָס זיינען געווען צעשפּרייט על שבעה ימים באַ דרעשן; ווייל אין יענע

יאָרן, ווען דאָס לאַנד איז נאָך געווען באַדעקט מיט וואַלד איז דער וועטער געווען פּייכט און דאָס דרעשן פלעגט זיך אַריינציען ביז אין ווינטער אַריין, פלעגט מען קומען אַהיים אויפן ווינטער. איז צווישן אַט די פּאַרשפּעקטיקטע אויך געווען מיין ברודער, רייפל אַבראַמסקי און דזשאָו פולמאַן.

איך בין געווען אַליין אין דער היים די צייט וואָס מיין ברודער איז געווען באַם דרעשן. בין איך אויך לײדיק ניט געגאַנגען. חוץ דעם וואָס איך האָב געריסן דעם וואַלד מיט די וואָרצלען אַרויס און געטראַכט, אַז ווען עס איז שפּעטער וועלן מיר פונעם פעלד געניסן, האָב איך אויך געמאַכט מעגלעך אַז מיר זאָלן אין אונזער דריי־און־צוואַנציק דאַלערדיקן פּאַלאַץ קענען זיין און ניט אויספרירן ווי די הינט. איך האָב צו דעם געשפּאָלטן יונגע בוימלעך און צוגעקלאַפּט צו די ווענט און אָנגעשלאָגן דאָס מיט ליים פון אינוויינִיק, אַזוי אַז פון איין אינטש גראָב די וואַנט איז עס געוואָרן 4 אינטשעס. ס׳איז בא מיר אויך אויסגעקומען, ווי יענע פרוי, וואָס פלעגט לייגן ווייסע לאַטעס אויף שוואַרץ. ס׳איז טאַקע, ווי מע זאָגט, געווען א שאַנד אין פּנים, דער פּאַר א געזונט אין בויך. די ווענט האָבן פון אינוויינִיק אויסגעקוקט ניט אַזוי לײַטיש, ס׳איז אָבער געווען זייער וואַרעם. און נאָך א מעלה האָט עס געהאַט,-וואָס דאָס שטיבל האָט שוין קיין מורא ניט געהאַט, אַז א ווינט זאָל עס קענען איבערקערן.

און אַזוי טראַכטנדיק וואָס פּאַר א גרויסע זאַך איך האָב דאָ אויפגעטאָן פאַרן לאַנד — אויסגעפּאַרטיקט אַזאַ פיינעם פּאַלאַץ ממש פּאַר מלכים אַליין — איז מיר אַריין אײנזינען, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען מיר לאַדן איין אונזערע שכנים רייפל אַבראַמסקי און דזשאָו פולמאַן צו אונז איבער־ווינטערן. זיי זיינען ביידע זייער טייערע בחורים, אין וועמענס „הייזער" עס איז דער ווינט געווען דער הערשער און ס׳איז געווען זייער קאַלט. אגב, האָב איך נאָך פון פריער געוואוסט זייערע פּלענער, אַז דעם ווינטער ריכטן זיי זיך צו פאַרנאַשן פאַר זיך און ניט אַרויסגיין אין ערגעץ זוכן אַרבעט, ווייל זיי האָבן בא זיך אַליין געהאַט אַרבעט לרוב.

בא מיר מיט מיין ברודער איז אָט דער פּלאַן צו ווינטערן אַלע 4 צוזאַמען געווען דער בעסטער. די הויז וועט זיין זייער וואַרעם און מ׳וועט דאַרפן ווייניקער האָלץ צום האַקן. אגב וועט זיין גרינגער די אַרבעט. א קאָלעקטיוו איז ניט איינער. מ׳וועט צעטיילן די אַרבעט, וועט מען זיך ממש ניט אַרומקוקן, און אַלץ וועט ווערן אָפּגעטאָן. און צוליב וואָס זאָלן מיר זיין באַזונדער, ווען מיר קענען זיין צוזאַמען אין איין פריינטלעכער משפּחה? מיר האָבן זיך טאַקע אַלע פיר יונגע מענטשן זייער גוט איינגעלעבט. מיר האָבן פון אַזאַ לעבן אַזוי פיל הנאה געהאַט, אַז ס׳האָט זיך אונז געדוכט אַז מיר וועלן שוין אַזוי אַלע צוזאַמען לעבן אַלע מאָל.

ס׳איז כדאי צו דערמאָנען אַביסל ווי אַזוי מיר האָבן זיך איינגעטיילט מיט אונזער אַרבעט. צום אַלעם ערשטן האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן זיך

באַקוועם ווי מיר קענען אונטער די אומשטענדן. מיר האָבן אפילו נישט געוואוסט וויפיל ווער ס׳פאַרמאָגט אין זיין פעטן באַנק בוך, צי עס וועט אונז זיין גענוג אויף דורכצושפּאַרן דעם ווינטער מיט שפּייז פאַר זיך. און מיר האָבן פון דעם ניט געוואָלט וויסן. איך ווייס נאָר איין זאַך, אַז מיר האָבן זיך איינגעטיילט אין 4 גרופּן. די 1־טע גרופּע (איינער) האָט זיך אָנגענומען צוצושטעלן זאַכן וואָס מען דאַרף קויפן אין סטאָר און באַם בוטשער. אַ צווייטע גרופּע, אויך איינער, זאָל באַזאָרגן זאַכן וואָס מען קריגט באַ פאַרמערס מיט פאַמיליעס וואָס האָבן בהמות און הינער, און מען קויפט באַ זיי מילכיקס און אייער; און די צוויי גרופּן זאָלן אויך באַזאָרגן די הויז מיט האָלץ. אַ דריטע גרופּע, אונזער שכן וואָס איז געווען אַ זעלטענער פּייאיקער קאָך־מייסטער, האָט פאַרנומען קיך־קעניגרייך, און איך, אין דער־פערטער גרופּע, בין געבליבן ווי מ׳רופט עס דאָ — הלוואי זאָל מען ניט דאַרפן, זאָל זיין „אַ ספּעיר מען": העלפן איינעם, העלפן אַ צווייטן, ווען נויטיק, אָבער די הויפּט־מלאכה מיינע איז שוין געווען צו גראָבן זיך אין יענעם קאַסטן, וואָס מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן „דער קולטור ווינקל".

אַן אָפּמאַך האָבן מיר צווישן זיך געהאַט אַז מיר זאָלן קיינער קיינמאָל לײדיק ניט זיצן, נאָר זוכן אַרויסצוהעלפן איינער דעם צווייטן וויפיל נאָר מעגלעך, און אויב עס וועט ניט זיין קיין אַרבעט איז, פאַרשטייט זיך, געניסן פון קולטור־ווינקל.

אָט אַזוי האָבן מיר געלעבט יענעם ווינטער

עס גערענקט זיך מיר אַזאַ שטילער פרימאָרגן. פּולמאַן האָט זיך צוגע־קלעפּט צו אַ קליינער בראָשורע „אַ וועלט אָן טרערן" פון ר. אינגערסאָל. דאָס איז געווען זיין ערשטער מאָל לייענען אַ ביכל זינט ער אַליין גערענקט. ער פלעגט זיך צופרידנשטעלן מיט לייענען ציישונגען. האָט אים אָט־די בראָשורע פאַרכאַפּט; ער האָט זיך איינגעגראָבן מיטן קאָפּ און האָט פאַרגעסן אויפן עסן. אונזער קאָכמייסטער האָט זיך אָנגעשלאָגן אויפן „מטורף", אַ פּיר־אַקטיקע דראַמע פון י. גאָרדין. און וואו עסן, ווען עסן? אין אַלץ פאַרגעסן. מיין ברודער איז געווען פאַרטיפט אין שרייבן אַ פּאָעמע פון אונזער צוגרייטן זיך צום פרישטיק. און איך בין געווען פאַרנומען מיט קלייבן מאַטעריאַל פאַר אונזער וועכנטלעכן ליטעראַרישן אָוונט, וואָס מיר האָבן מקים געווען אַזוי ווי אַ פרומער איד זיין תהילים.

אויפגעכאַפּט האָבן מיר זיך העט־העט נאָך אַ האַלבן טאָג. דעיוו, מיין ברודער, האָט אויף זיין פּאָעמע געמייסטרעוועט, געשריבן און איבער־געשריבן, און אַרויסגעקומען איז עס עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס, און ער איז מיט איר פאַרטיק געוואָרן דער ערשטער. זיין פּאָעמע איז, ווייזט אויס, ניט געווען לאַנג גענוג ביז פּולמאַן זאָל ווערן פאַרטיק מיט זיין „וועלט אָן

טרערן", און אויך ניט ווי לאנג ס'איז דער „מטורף", און ווער רעדט ביז איך זאָל אויסקלייבן מאַטעריאַל.

פולמאַן, וואָס איז פון דער נאַטור געווען א גוט־ברודער מיט יעדן און ס'האָט זיך אים געוואָלט אַרויסווייזן זיין קונסט אין שרייבן. אָבער אזוי ווי קיין שרייבער איז ער ניט געווען, פלעגט ער עס אַרויסברענגען מיט בילדער. אים האָט זיך גערוכט, אַז ווי וועט עס ווער ניט איז ניט פאַרשטיין אַז מיט זיין בילד האָט ער געמיינט אונזער קאָכמייסטער, ווי פון אים גיסט זיך שווייס פון שטערן ווען ער איז אזוי פאַראינטערעסירט צו מאַכן וואַרעניקעס געפילט מיט קרויט? און ער פלעגט אָנקוועלן פון זיין איינפאַל. ער פלעגט ממש טאַנצן אין לופטן אַזוי ווי איינער וואָס מאַטערט זיך עפּעס אויף א נייער דערפינדונג און ס'גיט זיך אים איין. אַן אַנדער מאָל פלעגט ער זיך זעצן צום פענצטער און קוקן אויפן וואַלד און האַרעווען שווער אויף עפּעס א נאַטור־בילד, און ס'איז בא אים אַרויסגעקומען, ווי איינער טראָגט א לאַנגן שטיק האָלץ אויף דער פּלייצע, און דאָ פלעגט זיך אים ווייטער דוכטן: ווי וועט עס ווער ניט וויסן, אַז דאָס איז דעיוו? און ער פלעגט ממש פליען אין די הימלען.

אונזער קאָכמייסטער פאַרלירט די קרוין

אונזער קאָכמייסטער האָט זיך אויך צוגעכאַפּט צו דער שרייב־קונסט. ער האָט זיך אָבער באַלד אָפּגעבריט און האָט דאָס איבערגעביטן אויף ריידן אין גראַמען: „לאַטקעס ווי שמאַטקעס", און „אַנשטאָט שמאַלץ האָט ער געשאָטן זאַלץ". „דער קוגל, איז זיס, ס'איז אָבער ניטאָ וואָס צו טראָגן צום טיש". „ברידער, אַנשטאָט קיכל וועט איר מוזן אויסקומען מיטן ביכל", א. א. וו. און דורך אָט־דער פּרישטיק־קונסט פלעגן מיר זייער אָפט איינשפּאָרן אַמאָל עסן.

גאַנץ אָפט האָט זיך אונזער קאָכמייסטער איינגעגעבן צו פאַרטיק ווערן מיט דער וועטשערע, און אפילו אויסוואַשן די געפעס אין צייט. ס'איז געווען דאַן ווען ס'האָט זיך אים, משמעות, ניט איינגעגעבן אַריינצוקוקן אין עפּעס, ווייל קוים פלעגט ער נאָר וואַרפן זיין אויג אויף איין וואָרט פלעגט ער באַלד וועלן וויסן אויב דער צווייטער וואָרט קלעפּט זיך צום ערשטן, און פרעגט שוין ניט — ער פלעגט אזוי אַריינפאַלן אין אלף השלישי און די וואַסער אויפן אויוון, וואָס ער פלעגט אַרויפשטעלן אָנצעוואַרעמען פאַר די געפעס, פלעגט קאַלט ווערן, און אזוי פלעגט זיך דאָס אַמאָל אַריינציען ביז אין מיטן דער נאַכט אַריין. אָבער צו זיין קרעדיט קען מען צורעכענען, אַז ניט געקוקט, ווי שפּעט ער זאָל זיך ניט פאַרנעמען מיטן לייענען, האָט מען אינדערפרי געפונען אַלע געפעס ריינע און דער דיל אויסגעקערט און מיר האָבן פון דער ריינקייט זייער הנאה געהאַט.

אָבער איינמאָל האָט דער צופאַל א שפּיל געטאָן און דאָס אויג פון

אונזער קאַכמייסטער איז געפאַלן אויפן רוקן פון עפּעס א נייעם בוך, און דער מענטש האָט זיך ממש א צאַפּל געטאָן. און אָט קלינגט זיין ווייך קול מיט א געבעט, א סאָרט דעקרעט פון אים אליין: „חברה", זאָגט ער, „היינט זאָלט איר אריינגעמען א היבשע ביסל קיילעכדיקע קלעצלעך האָלץ, ווייל קיילעכדיקע האָלץ דאַרף מען נישט אזוי אָפּט שטופּן אין אויוון אריין".

און אַז ער הייסט איז דאָך נישט שייך, ער איז דאָך דער מלך פון דער סיך־קעניגרייך. האָט חברה זיך צעיאָגט אויסצופירן דעם דעקרעט, אזוי אז מ'האָט פאַרנומען דעם גאַנצן דיל פון הויז מיט האָלץ, און ס'איז שוין אין אונזער פּאַלאַץ ניט געבליבן קיין פּלאַץ אפילו וואו פאַר א הון א פּיק צו טאָן. אָבער ווער האָט עס געטראַכט פון אַזעלכע קליניקייטן? אויף דעם האָבן מיר זיך קיינמאָל ניט אומגעקוקט. אונזערע רעיונות זיינען דאַן געווען אינגאַנצן אנדערע. מיר האָבן נאָר געמאַכט פּלענער ווי אזוי מיר זאָלן פון אונזער אידנברידזש מאַכן א מוסטער־קאָלאָניע פון גאַנץ קאַנאַדע, און אויב ניט גאַנץ אידנברידזש, איז כאָטש א טייל פון דעם; און אויב ניט א טייל, איז כאָטש מיט פיר. און דאָס ערשטע אויפן פּראָגראַם איז געווען — גענייסן גייסטיק, לעבן זאָרגלאָז ווי דער פויגל אין וואַלד, ארבעטן קאָאָפּעראַטיוו, א. א. וו.

איז אָט אין יענער נאַכט האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט פון טיפן שלאָף — ניט דערפאַר, ווייל מיר האָבן זיך שוין אויסגעשלאָפן, נאָר ווייל מיר זיינען גוט דערפרוירן געוואָרן. און די מעשה איז געווען אזוי: ווען מיר דריי זיינען געגאַנגען שלאָפן איז נאָך אבראַמסקי געבליבן לייענען זיין בוך. האָבן מיר זיך שוין פאַרלאָזן אויף אים, אַז ער וועט אָנשטאָפּן א פולן אויוון מיט האָלץ, אזוי ווי מיר טוען אלע מאָל איידער מיר גייען שלאָפן. און דאָ האָבן מיר גאָר דערזען ווי ער זיצט אויף א קלאָץ אין דער פּאָזע ווי ער איז גרייט אריינצולייגן האָלץ אין אויוון, נאָר דאָס בוך לאָזט ניט.

נאָר כדי ניט צו לאָזן א חבר אין א פאַרלעגנהייט, אַז ער איז שולדיק אין דעם וואָס מיר זיינען אזוי דערפרוירן געוואָרן, איז פולמאַן דער ערשטער אַרויס מיט א מעשה, אַז אים האָט זיך גע'חלום'ט ווי ער שלאָפט אין א בעט מיט א פוכאָווער פערענע, ממש איינגעזונקען צו ווערן, בא ראָטשילדן אין זיין פּאַלאַץ, וואו ס'איז וואַרעם, ממש טעם גן־עדן. אָבער אָט די מעשה, האָט ווייניק וואָס געהאָלפן, ווייל אונזער קאָכמייסטער איז געווען אזוי פאַרטיפט אין לייענען, אַז ער האָט אפילו ניט געהערט ווי פולמאַן האָט אָנגעשטאָפּט א פולן אויוון מיט האָלץ. א סימן איז, אַז מיר האָבן אים אינדערפרי נאָך אויך געפונען זיצנדיק אויפן זעלבן קלעצל מיטן בוך אין האַנט. דערפאַר האָט אים חברה באַשטראָפט וואָס מ'האָט אים אויסגעטאָן די קרוין — אוים קאָכמייסטער, ביז ער וועט ענדיקן דעם בוך, פאַר וואָס ער איז זייער ראַנקבאַר געווען.

ווען מיר האָבן שפּעטער געפרעגט פולמאַנען, אויב ער איז צופרידן

פון זיין חלום צו שלאָפן אין ראַטשילדס בעט, האָט ער געענטפערט, אַז ער וואָלט זיך גערן בייטן מיט ראָטשילדן אויף בעטלעך און זאָל טאַקע ראָטשילד פארזוכן א בעט פון קרומע ברעטלעך מיט אָנגעשטאָפּטן זאַק מיט שטרוי אונטער דער זייט, און צודעקן זיך מיט אונזערע סייבעלנע פעלצן — אָן אָפּגעקראָכן פעלכל פון אַן אויסגעדארטער שעפּס, וואָס איז שוין מיט צוויי פיס אויף יענער וועלט געווען. אָבער ניט דאָס פרייע, זאָרגלאָזע לעבן, מיט אזוי פיל געטום וואָס מיר, די פיר מענטשן, האָבן דאָ צוזאמען אין אָט־דעם קליינעם, מיט ליים אויסגעשמירטן צימערל. ניין — זאָגט ער — דאָס פארגין איך קיין גביר ניט.

פון אַ געבראָטענער קאַטשקע איז געוואָרן אַ האָז

איינמאָל האָט אונז א פארמער דערציילט ווי אזוי ער און זיין פאמיליע לעבן דאָ אין דער ווילדערניש כמעט אָן א סענט געלט. שווער איז נאָר פאר אים צו קריגן מעל פון וואָס ברויט צו באַקן (אונז איז דאָס אויסגעקומען זייער קאָמיש. מיר, גרינע אין לאַנד, האָבן ניט געקענט פארשטיין וואָס אליין דער פראָדוצירער פונעם ווייץ האָט נישט פון וואָס ברויט צו באַקן). מילך האָט ער אייגענע; אייער קריגט ער פון זיינע עטלעכע הינער וואָס ער האָט; און פלייש — דאָס איז זייער הויפּט־אכילה — דאָס קריגט ער דאָ אין וואַלד וויפיל ער וועל: הירשן־פלייש, פויגל־פלייש און אפילו האָזן־פלייש.

און אַי ווי אזוי אונזערע גרויס־שטאָטישע האָבן פארדרייט די נעזער! מילא, הירשן־פלייש, איז נו, איז דאָס כאָטש א היבשע חיה. פויגל־פלייש איז אפילו ניט אזוי אַי־אַי, איז עס אָבער דאָך אַן עוף. אָבער צעקראָכענע האָזן־פלייש — מנע! דאָס פלייש איז דאָך רויט ווי פון א הונט; ווי קען מען דאָס גאָר נעמען אין מויל. און עס האָט זיך פארפירט א דיסקוסיע. צוויי פון אונז, פולמאַן און אונזער קאָכמייסטער, האָבן געהאַלטן אזוי ווי יענע פרויען פון דער לאָטע־אינדוסטריע, אַז איידער צערעסן איז גוט אָבי א לאַטע, און איידער צו הונגערן איז א האָז אויך גוט. איך האָב דאַן קיין אָנטייל אין דער דיסקוסיע ניט געקענט נעמען, ווייל איך בין נאָך דאַן געווען א וועגעטעריאַנער. איז געבליבן מיין ברודער איינער א קעגנער פון עסן האָזן־פלייש.

אזוי ווי אונזער קאָכמייסטער איז געווען אויך א שטיקל וויצלער, האָט ער פארטראַכט ווי אזוי אָפּצוטאָן עפּעס א שפּיצל צו אָט דעם קעגנער פון האָזן־פלייש. האָט ער איינמאָל פארטראַכט אַ פּלאַן ווי אזוי מיר אַלע דריי זאָלן גיין אין וואַלד שניידן קלעצלעך פאר א שטאַל. ער האָט היינט ניט קיין צייט, ער איז עפּעס צו „ביזי" אין קיך, און זייענדיק אין וואַלד באַ אזא ארבעט ווי שניידן קלעצלעך און צוזאמענטראָגן דאָרט אין איין קופּע, קריכנדיק אין טיפן שניי, דארפן שוין יונגע מענטשן קיין אפּעטיט באַ

קיינעם ניט קויפן. מ׳איז געקומען אין הויז הונגעריקע ווי הינט, און מען האָט נאָר געוואונטשן אז דער קובער זאָל כאָטש האָבן גענוג שכל און מאכן גענוג צום עסן.

האָבן מיר טאַקע געפונען דעם טיש געגרייט כיד־המלך: ווייסע ראָלס, האָט עס אונזער קאָכמייסטער א נאָמען געגעבן, כאָטש אויסגעקוקט האָט עס ווי המן־טאַשן; א געבראָטענע קאַטשקע מיט אלע געווירצן; א געקוילעטער הערינג, צעשניטן אין דער קרום, אויף וואָס אונזער קובער איז אליין געווען א ליב־האָבער (באַ אים א הערינג געשניטן אין דער קרום, פלעגט ער זאָגן, קריגט גאָר אן אנדער טעם. און דעם קונץ האָט ער געלאָזן בירושה צו היבשע עטלעכע באַלעבאָסטעס אין אידנברידזש, צו וועמען ער איז געווען געלאַדן ארויסצוהעלפן אויף עפעס א שמחה׳לע). טיי פלעגט ער צוגרייטן אלע מאָל שטאַרקע, אפילו ווען אין הויז איז קיין טראָפן טיי נישט געווען. ער פלעגט זיך ארויסהעלפן מיט דער וואַסער, וואָס מיר האָבן גענוצט פון די בלאָטעס, וואָס האָט געהאַט דעם קאָליר פון שטאַרקע טיי. און אזוי ווי ער איז געווען א בריה אין דעם פאַך, האָט דער געגרייטער טיש זיך ממש געבעטן: „חברה, לאָזט זיך נישט בעטן! געניסט וויפיל אייער הארץ גלוסט!".

און ס׳איז אוועק אלץ פאַר גוט געלט — איבערהויפּט די געבראָטענע קאַטשקע, וואָס ערשט נאָכדעם ווי מ׳איז פאַרטיק געוואָרן מיטן מאָלצייט, האָט מען זיך געשטעלט די פראַגע — וואו, א שטייגער, האָט עס דער קובער געקענט פּאַקן א קאַטשקע צום בראָטן, א זאַך וואָס עס האָט זיך אונז קיינמאָל ניט גע׳חלומ׳ט אז מ׳וועט עס דאָ אמאָל פאַרזוכן?

און ערשט ווען מ׳האָט זיך צוגעקוקט צו די ביינדלעך פון דער געבראָ־טענער קאַטשקע, ארום וועלכע די פלייש איז געווען ארומגעגריזשעט, האָט מען זיך געכאַפּט, אז קיין קאַטשקע איז דאָס זיכער נישט, נאָר טאַקע בכבודו ובעצמו א האָז פון אייגענעם פאַרם. איז פרעגט שוין גאָר נישט ווי האָפערדיק אונזער קובער האָט זיך דאַן געפילט: באַוויזן אזא קונץ אז פון א געבראָטענעם האָז איז באַ אים געוואָרן אן עוף . . . קיין לאָך־שטאָף האָט אונז שוין ניט געפעלט.

באַזונדערס האָט פון דעם שפּיצל מיטן געבראָטענעם האָז געטראָפן פּולמאַנען. האָט ער גענומען טינט און א בלייפעדער און האָט זיך פשוט פאַר־נומען מאָלן א בילד פון דעם, ווי אזוי דייוו, (מיין ברודער) האָט זיך עס פאַרקרימט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט אז פון דער קאַטשקע איז געוואָרן א האָז.

פון די מאָלערייען פון יענער צייט איז שוין אונז גאָרנישט פאַרבליבן, אָבער די פּאָר שירים וואָס האָבן זיך באַ מיר פאַרהאַלטן פאַר די לעצטע 33 יאָר ווי אונזער פּאָעמען־שרייבער האָט עס געשריבן — אויב אפילו דאָס זאָל פאַר דער קונסט קיין גרויסן ווערט נישט האָבן — איז עס אָבער ווערט פאַר אונז אליין און נאָך אזעלכע ווי מיר זיינען. עפּעס פון אונזער דעמאָל־

טיקן לעבן שפיגלט עס יאַ אָפּ, און מ׳קען זיך פון דעם היבשלעך ד׳ערווייסן ווי אזוי מיר האָבן דאָ די ערשטע צייט געלעבט אין גרויס אָרעמקייט, אָבער זאָרגלאָז, און דאָס האָט אונז פארזיסט דאָס לעבן. ס׳דערמאָנט זיך מיר טאָקע אַזאַ ליד וואו דער גביר איז מקנא דעם קבצן וואָס דאַרף אַפילו ניט קיין שלאָס צו זיין טיר.

אַלע געשריבענע זאכן וואָס האָבן זיך געוואַלגערט איבערן הויז אויף שטיקלעך צעריסענע קאָנווערטן פון אָנגעקומענע בריוו, ווייל קיין צופיל פאפיר האָבן מיר ניט געהאט, האָב איך ניט געקענט אויפקלייבן, כאָטש איך האָב אַלע מאָל געהאַלטן אַז אַלץ, אפילו וואָס עס וואַלגערט זיך היינט, קען עס שפעטער צונוץ קומען, אַז פון עטלעכע קליינע זאכן קען שפעטער ווערן איין גרויסע זאַך. אָבער צום באַדויערן האָבן אונזערע דעכער פון אונזערע 20־דאָלערדיקע פּאַלאַצן נישט געקענט פארהיטן אַלץ וואָס איז באַהאַלטן. דער רעגן איז דאַן געווען דער הערשער. און מעגלעך אַז אַ סך גראַדע ווערטפולע זאכן זיינען פארלוירן געגאַנגען, נאָר ניט די הויפּט־ווערטפולע, אונזערע זכרונות, קענען ווען עס איז פארלוירן ווערן. דאָס האָט זיך אזוי גוט איינגעקריצט אין אונזער זכרון, און מיר ווילן דאָס אָפּהיטן און איבערגעגעבן צו די לייענער. אָט זיינען עטלעכע פון די לידער:

אַ לויב־געזאַנג צו אונזער קאָכמייסטער

אונזער קוכער איז אַלעמאָל גוטמוטיק,
ווען ער איז וויציק און אפילו ווען ער איז שפּיציק.
אַלע מאָל דער זעלבער שמייכל
און קיינמאָל איז ער ניט היציק.

אפילו צו געבן אָרדערס, ווי ברענגען וואַסער
אָדער האָלץ זאָל אין הויז זיין צו ווילן,
איז ער אויך קיינמאָל ניט געדן —
ס׳איז נאָך דאָ צייט זאָל זיך יענער נאָך שפּילן.

אמת, צייט איז דאָ געלט,
אזוי איז דאָס אין דער אמעריקאַנער וועלט.
דאָס מיינט אָבער פאַר די רייכע,
מיר האָבן ניט קיין צייט און ניט קיין געלט.

נישטאָ קיין מעל פון וואָס ברויט צו באַקן,
נישטאָ קיין געלט פארוואָס צו קויפן
ניט קיין שיך און ניט קיין בגד,
און ניט קיין סענט אין סטאָר צו לויפן.

אבער אונזער קוכער, זאָל נאָר לאַנג לעבן,
הייסט נישט זאָרגן: פאַרלאָזט זיך אויף מיר אַקאַרשט —
און פון קלאָרע וואַסער מיט אביסל זאַלץ
פּאַרטיק ווערט בּאַ אים אַ באָרשטש.

געשווינד איז דאָס, אַז אמת'ער בליץ,
ממש אַ ברען, פליט ווי א וויכער.
אפּגעלאָזט אבער ווערט ער,
ווען ער קוקט אין די ביכער.

דאָן איז אוי און וויי צו אונזער לעבן,
אוים יום־טוב, נאָר אינמיטן אינדערוואָכן:
דאָן איז ניט קיין ברויט און ניט קיין זאַלץ,
און די זופּ פאַרגעסן אויסצוקאָכן.

און דאָך איז ער אונז ליב און טייער
מיר ליבן אים ווי א גוטן קינד
און דאָס גראָבן זיך אין די ביכער,
דאָס איז אונזער אַלעמענס גלייכע זינד.

א י ד י ל י ע ?

אין גרויסן געדיכטן וואַלד
זיך איינגעשפּאַרט מענטשן פיר.
דריי פון אונז טוען עפּעס אנדערש
און איך שרייב זיך מיר אַ שיר.

גלייך אין אָנהויב פון פרימאָרגן
האָט זיך אונזער זון צעהעלט,
אבער באַלד אביסל שפּעטער
האָט עס מיט א וואָלקן פאַרשטעלט.

און דער ווינטל, ווינטל, ווינטעלע,
האָט זיך באַלד צעבלאָזן
מיט אַזאַ קראַפט און צאָרן,
אַז צעשראָקן האָט עס די האָזן.

און אונזער העלד, דער קאָכמייסטער,
מיט זיין גרויסן פאַרשוויצטן שטערן
האָט מיט זיינע גוטע (?) גראַמען
צעטריבן אַלע בערן.

און עפּעס איז אויך אונזער
בילדער־מאָלער שטיל געבליבן;
ער מוז זיין אויף גרויסע צרות —
ער האָט זיך קיין טעמע ניט צוגעקליבן.

גליקלעך איז נאָר פון אונז דער פּערטער:
גראָבט זיך דאָרט באָם געדרוקטן וואָרט;
ער איז רואיק און איז זאָרגלאָז,
וועמען טראַכטן איז פאַרשפּאָרט.

אונזער קאָאָפּעראַטיווע אַרבעט

דאָס איז געווען אין פרילינג 1912, ווען דער שניי האָט זיך באַהאַלטן ערגעץ אונטער דער אויבערפלאַך פון דער ערד, און די ליבע, ליכטיקע, וואַרעמע זון האָט פאַנאַנדערגעוואַרעמט די אויסגעפראָרענע גלידער פון אַלץ וואָס געפינט זיך אויף דער אויבערפלאַך פון אונזער צפון־מערב'דיקער קאַנאַדער ערד. דער האָז האָט שוין געביטן זיין קאָליר, ענלעך צו דעם פרילינג־גראָז, אַז דער שונא זאָל אים אַזוי גיך ניט קענען באַמערקן. די פויגלען האָבן שוין אָנגעהויבן בויען זייערע נעסטן פאַר אַרויסברענגען נייע דורות. מיט זיי איז אויך דער מענטש געוואָרן מער בויגזאַם און רירעווודיקער.

מיר, אַ גרופּע יונגעלייט, האָבן אָנגעהויבן זוכן מיטלען ווי אַזוי אונזער אַרבעט זאָל אויסקומען גיכער און גרינגער. האָבן מיר באַשלאָסן צו אַרבעטן אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון אופן. דער וואַלד איז געווען זייער געדיכט, און יעדערער וואָס האָט גענומען אַ האָמסטעד, האָט, לויט די רעגולאַציעס פון לאַנד־אָפּיס, געמוזט פאַרברענגען אויף זיין לאַנד זעקס מאָנאַטן אין יאָר און פאַר די ערשטע דריי יאָר אויפאַקערן אַרום דרייסיק אַקער לאַנד. פאַר דעם וואָס האָט ניט געהאַט די פינאַנציעלע מעגלעכקייטן צו דינגען אַרבעטער, איז אינדיווידועל געווען אוממעגלעך אַרויסצורייסן צען אַקער וואַלד אין אַ האַלבן זומער. (דעם צווייטן האַלבן זומער האָבן מיר געדאַרפט אַרויסגיין אַרבעטן, כדי צו קענען זיין די איבעריקע צייט אין דער היים). האָבן מיר אין אונזער ווינקל זיך צוזאַמענגענומען פינף יונגע מענטשן און האָבן אינאיינעם געאַרבעט באַ יעדערן אויף דער פאָרם אַ באַשטימטע גלייכע צייט. אַזוי ווי מיר זיינען געווען צוויי מענטשן, איך און מיין ברודער, האָט מען באַ אונז געאַרבעט צוויי חלקים צייט.

דערפאַר וואָס איך בין די ערשטע צייט געשטאַנען צוזאַמען מיט מיין ברודער און ניט געוואוינט אויף מיין לאַנד, האָב איך געדאַרפט לויטן געזעץ פון לאַנד־אָפּיס אויפאַקערן 50 אַקער פון מיין לאַנד פאַר די ערשטע דריי יאָר. אין זומער פון 1912 האָבן מיר באַשלאָסן צו אַרבעטן דורכאויס אויף מיין לאַנד. קיין הויז איז נאָך דאָרט ניט געווען און מיר האָבן געדאַרפט גיין דריי מייל פון מיין ברודערס הויז און מיטראָגן מיט זיך עסן און אַ זעקס־

פונטיקע האָט. דאָס איז געווען זייער שווער און האָט פאַרנומען אַ סך צייט. אַרום און אַרום האָט דאָס געמיינט אַ 16־שעה׳יקער אַרבעטס־טאָג, און קומענ־דיק אַהיים האָבן מיר נאָך געדאַרפט צוגרייטן עסן פאַר פינף יונגע שווערע אַרבעטער. דאָס איז אונז אָנגעקומען זייער שווער. האָבן מיר באַשלאָסן אויס־צובויען עפּעס אַ שטיקלביידל, וואו מען זאָל קענען איבערשלאָפן די נאַכט. דאָס וועט זיין אַלץ גרינגער, ווי אַרויסצוואַרפן יעדן טאָג דריי שעה אויף גיין הין און צוריק אין געדיכטן וואַלד, אין די טיפע בלאָטעס, אָדער אויף בריקלעך פון קלעצער, וועלכע קענען זיך ניט פאַרגלייכן צו דער ברוקלין־בריק אין ניו יאָרק.

זיצן מיר אַזוי פינף יונגע מענטשן און וואַרפן זיך דורך מיט פּלענער, ווי אויסצובויען אַזאַ פּאַלאַץ, אַז ס׳זאָל ניט קאָסטן קיין איין סענט. איז, מילא, ווענט קען מען מאַכן. עס איז דאָ גענוג וואַלד פאַר ווענט פאַר הונדער־טער הייזער. אָבער אַ דאַך, און פענצטער, און זאַוועסקעס, מיט אַ קליאַמקע און עטלעכע פּאַיפּס פאַר אַ קוימען — דאָס מוז מען דאָך קויפן. און ס׳רעדט זיך אַזוי קויפן! וואו האָבן מיר דאַן געהאַט אַ סענט באַ דער נשמה! און, אַנב, דאַרף מען נאָך דעם אַלעמען פאָרן אין שטעטל 22 מייל, אָן אַ סימן פון אַ וועג, און נאָך מיט אונזערע פליערס, וואָס פליען אָנדערהאַלבן מייל אַ שטונדע. האָבן מיר באַשלאָסן מאַכן אַ ביידל פון פלעקלעך, אונטן ברייט און אויבן שמאָל, און אַרויפלייגן אַביסל היי פון אויבן. דאָס האָט געזאָלט זיין גוט פאַר די עטלעכע וואָכן, ביז מיר וועלן פאַרטיק ווערן מיט אונזער אַרבעט.

ויהי היום — און אונזער פּאַלאַץ איז שוין פאַרטיק מיט אַלע פישטשעוועס: 10 פוס לאַנג און 6 פוס ברייט פון אונטן, און אויבן שמאָל; איבערגעדעקט מיט אַביסל — וואָס מ׳האָט גערופן היי, איידער ס׳איז צעפוילט געוואָרן. מיר האָבן דאָס געקראָגן באַ אַ שכן, וואָס האָט אַריבערגעפירט היי אַהיים און האָט די צעפוילטע פון רעגן אַרויסגעוואָרפן. אָט דאָס איז געווען אונזער בעט־געוואַנט, אונזער פּערענע און אונזערע קישנס. שלאָפן האָבן מיר געמוזט אויף אַ זייט, כדי ס׳זאָל זיין גענוג פּלאַץ פאַר אַלעמען. מען איז געווען איינגעפּאַקט פּונקט ווי הערינג אין אַ פעסל.

איינער פון אונזערע פינף יונגעלייט איז געווען אַ היבשער בחור מיט ברייטע פּלייצעס. ער פלעגט אַלעמאָל שלאָפן אינמיטן. דער חשבון איז געווען, אַז די קאַלדרע מיט וועלכער מיר אַלע האָבן זיך צוגעדעקט זאָל אינ־מיטן אויסקומען העכער, ווייל טאָמער רעגנט באַנאַכט, זאָל דאָס רעגנוואַסער זיך אַראָפּקייקלען פוןביידע זייטן. און פרעגט שוין ניט — מיר און נאָך איינעם פון אונזערע פינף איז זייער אָפט אויסגעקומען אויפצושטיין דורכ־געווייקטע.

באַטאָג איז דער פּאַלאַץ אויך געווען אונזער עס־צימער. די קיך איז געווען אינדרויסן. מיט וואָסער האָבן מיר דאַן ניט געהאַט קיין גרויסע

שווערקייט, ווייל די ערד איז געווען אָנגעזאַפּט מיט פייכטקייט. מיר האָבן אויסגעגראָבן א גרוב פון דריי פוס טיף, האָבן מיר געהאַט פון דריי ביז פיר עמער וואסער א טאָג. קיין לאָמפּ האָבן מיר דאַרט ניט געטאָרט אָנצינדן, ווייל א ליכט באַנאַכט ציט צו מאָסקיטאָס וועלכע זיינען דאָן געווען אין די מיליאַרדן, און זיי האָבן אונז דעמאָלט ניט אויסגעפעלט אָן א לאָמפּ אויך.

איך האָב אַלעמאָל געוואונטשן, אז מיין פעלד, ווי גרויס עס זאָל ניט זיין, זאָל עס זיין גלייך און קוואַדראַט — איין זייט פעלד זאָל ניט זיין שמעלער פון דער אנדערער. עס איז שווער צו באַארבעטן א פעלד, וואָס איז ניט גלייך, און דערווארטן ס'זאָל זיין געראָטן קען מען פון א קרומען פעלד אויך ניט. אמת, אנדערע זיינען ניט געווען אזוי פּינקטלעך אין דעם זין. אָט, למשל, ווען מען פלעגט זיך צערייידן וועגן פעלדער און מ'פלעגט מיט א קיבעץ אָנרופן א פעלד — ווי א קוילעטש, אָדער ווי א זאָק, אָדער ווי א פּאה, האָט מען געוואוסט, אז דאָס מיינט מען ז. פּ. ער, דער בחור, פלעגט זיך באַרימען, אז ער מאַכט איינער אליין אזוי פיל לאַנד, ווי אנדערע דריי. און ס'איז טאַקע געווען אמת אויך, ווייל ער פלעגט וואו געפינען א שטיקל לאַנד אויף א בערגל, וואו מ'פלעגט באַנאַכט קענען זען די לבנה, און ער פלעגט אויסקאָרטשעווען א שטיקל ווי עס פלעגט זיך לאָזן. דערפאַר האָט ער ערשט שפּעטער אויסגעפונען, אז אַזעלכע שטיקלעך ערד איז אוממעגלעך צו באַארבעטן.

איינמאָל איז אויסגעפאַלן זייער א הייסער טאָג. מיר האָבן אין יענעם טאָג געהאַט בייצוקומען א געדיכטעניש אַרום א בלאָטע מיט וואַסער. מיר האָבן יענעם טאָג מער געטרונקען ווי געגעסן. באַנאַכט זיינען מיר אוועקגעפאַלן, ווי די פליגן. אָבער אינמיטן דער נאַכט האָבן מיר דערפילט, אז מיר ווערן דערשטיקט פון רויך. עס איז אונז געווען שווער אויפצושטיין, אָבער דאָך האָבן מיר עס געמוזט טאָן, ווייל א חוץ רויך, זיינען אויף אונז נאָך אויך אָנגעפאַלן אַזויפיל מאָסקיטאָס, אז ס'איז געווען אוממעגלעך צו אָטעמען. זיי זיינען געווען אזוי געדיכט, אז מיר האָבן שוין באַלד ניט געקענט ספּראַווען זיך מיט זיי. מיר האָבן זיי געטריבן מיט האַנטעכער, מיט העמדער און מיט וואָס ס'איז נאָר געקומען צו דער האַנט. מיר זיינען אַרויס פוןביידל, איז אין וואַלד געווען נאָך ערגער, אָבער וואָס ווייטער זיינען די מאָסקיטאָס געוואָרן שיטערער און דער רויך געדיכטער. מיר זיינען ווייטער געגאַנגען שלאָפן, אָבער ס'האָט לאַנג ניט גענומען און א שטורעם האָט אונז אויפגעוועקט. א פייער פון דרום־מערב האָט זיך געטראָגן מיט אַזאַ טייוולשער שנעלקייט און האָט חרוב געמאַכט אַלץ וואָס ס'איז געווען אין וועג. געדיכט אָנגעוואַקסענע גראָזן צוזאַמענגעפּלאָנטערט מיט צווייגן פון ליגנדיקע בוימער האָבן געפּלאַקערט. א גרינער בוים וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון פייער האָט זיך מיט א קראַך געשפּאָלטן, חיות זיינען

געלאָפן, וואו די אויגן האָבן זיי געטראָגן. די גאַנצע לופט אַרום מיטן הימל איז געווען איין שטיק פייער.

מיר האָבן געכאַפּט אונזערע קאָלדרעס, אונזער געשיר און די מעבל אונזערע — אַ פּאָר ברעטלעך מיט אַ פּאָר קלעצלעך — און דאָס אַלץ אַריינגעקוועטשט אין אונזער גרוב מיט וואַסער. אַליין האָבן מיר געכאַפּט די העק אויף די פּלייצעס — גרייט צו פאַרטיידיקן אונזער פּאַלאַץ פונעם שונא, דעם פייער. אָבער אַ ווינט, וואָס האָט זיך געביטן און אָנגעקומען פון מזרח, האָט פאַרטריבן דעם פייער, וואָס האָט געמוזט זיין אַרום דריי מייל ווייט פון אונז. דער ווינט האָט אַוועקגעבלאָזן דעם פייער מיטן רויך, ער האָט אָבער צוריקגעבראַכט די משחיתים — די מאָסקיטעס. אום צו לייגן זיך שלאָפן האָבן מיר שוין ניט געהאַט מיט וואָס צו צודעקן זיך, האָבן מיר מיט אַ נאַסער קאָלדרע פאַרהאַנגען דעם לאָך איןביידל, וואָס מיר האָבן גערופן — טיר, און האָבן זיך איינגעפּאַקט, ווי די הערינג, אָנגעטאָנענע, און ניט געפילט ניט קיין קעלט, ניט קיין מאָסקיטאָס. מיר פלעגן זיך בכלל ווייניק וואָס אויסטאָן באַנאַכט, ווייל די פוביקע פערענע אונזערע, פון צעפוילטע היי, האָט צופיל געשטאָכן דאָס לייב.

אויפגעכאַפּט האָבן מיר זיך שוין, ווען די זון איז אַרויס פון איר פוטער־פאַס און אָנשטאָט פרירן זיינען מיר געוואָרן אויסגעווייקט פון שוויים.

פריינטלעכע שכנים

דאָס איז שוין געווען אין דער פינפטער וואָך, ווען מיר האָבן געאַר־בעט אויף מיין האָמסטעד. עס זיינען געווען עטלעכע קאַלטע טעג, ווי עס טרעפט אפילו זומער־צייט אין צפון־קאַנאַדע. עס האָט זיך געאַרבעט צוויי מאָל אַזוי גיך ווי אין אַ הייסן טאָג. די ביימער זיינען געפאַלן איינס נאָך איינס. דער געדיכטער וואַלד האָט באַקומען לייַדיקע פלעקן. דערפאַר אָבער איז אין אונזער שפּייַז־קאַמער אויך געוואָרן זייער גיך ליידיק. איינשליסנגען אַ ברויטל איז געוואָרן אַ שפּיל און פון דער שפּיל האָט אונז אויסגעפעלט עסן אויף צוויי טעג ביזן סוף פון דער וואָך, ווען מיר פלעגן זיך אַוועקלאָזן צו די מער־איינגעזעסענע פאַרמער, וועלכע האָבן שוין געהאַט ווער אַ קו, און ווער עטלעכע הינער, און מען האָט געקענט קריגן בא זיי אַ שטיקל פּוטער, עטלעכע אייער, א. א. וו. אָבער דאָ, אין מיטן דער וואָך, זיך אַוועקלאָזן נאָך פּראָוויאַנט אויף אַ מהלך פון היבשע עטלעכע מייל, איז ניט געווען פּראַקטיש. און דאָ זיינען אונז צוניץ געקומען אַ הונט מיט עטלעכע גענז.

די געשיכטע איז געווען אַזוי: מיר פלעגן אַלעמאָל אָנקומען צום פּלאַץ וואו מיר האָבן געאַרבעט פון מערב זייט צו מזרח. פאַר אונז איז, אַ חוץ דעם שטיקל וועג וואָס מיר זיינען געגאַנגען, געווען איין שטיק געדיכטער וואַלד פון הונדערטער און הונדערטער מייַלן. בלויז וואו־ניט־וואו האָט ערגעץ געשטעקט אַ הייזל מיט אַ ברעקל פעלד אינמיטן וואַלד, וואָס מיר האָבן אפילו ניט געוואוסט פון זיי. די צוויי פאַרמער, קריסטלעכע, וואָס מיר פלעגן פאַרבייגיין, האָבן אליין פאַר זיך אויך ניט געהאַט צופיל וואָס צו עסן — ווער רעדט שוין פון פאַרקויפן. האָבן מיר געטראַכט אַוועק־צולאָזן זיך קיין צפון — טאָמער וועלן מיר געפינען אַזאַ פאַרמער, וואָס קען עפּעס פאַרקויפן צום עסן.

מיר האָבן געהערט דאָס בילן פון הינט צו צפון און צו צפון־מזרח פון אונז, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז דאָרטן וואוינען פאַרמער מיט זייערע פאַ־מיליעס. מיר האָבן אפילו מורא געהאַט צו פאַרלאָזן זיך אינגאַנצן אויף דעם בילן פון די הינט, אָבער דער הונגער איז געווען שטאַרקער פון אַלע הינט־פילאָזאָפיעס און מען האָט געמוזט גיין זוכן.

אויסקגעקליבן צו גיין האָט מען גראָדע מיך. די ערשטע צייט בין איך

דאָס געווען דער קאָכמייסטער, אויף וואָס איך בין געווען א ספּעציאַליסט, ווייל די מערסטע פון אונזערע געריכטן זיינען געווען פון ברויט מיט טיי, קאַרטאָפל און אייער.

דאָ איז נאָך אַמפּלאַץ צו דערציילן, אז א חוץ א קאָכמייסטער, בין איך נאָך אויך געווען געקרוינט מיטן נאָמען „דער לאָנדאָנער אַריסטאָקראַט". אָט דער נאָמען שטאַמט פון דאָס פאָלגנדעס:

פון די פינף־זעקס יאָר ארבעט אין דער גרעסטער וועלט־שטאָט לאָנדאָן, האָב איך, קומענדיס קיין קאנאדע, ניט פאַרמאָגט גענוג צו קויפן א פּאָר אָוועראָלס און איך האָב געמוזט טראָגן מיינע לאָנדאָנער יום־טוב'דיקע קליידער צו דער ארבעט. אמת, איך בין דאָ ניט געווען דער איינציקער אזעלכער. מען האָט עס געקענט זען באַ א פאַרזאַמלונג, וואו יעדער איז געקומען אין די קליידער, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים. אייניקע האָבן שוין געהאַט די זכיה צו טראָגן אמת'ע אידנבריד־זשער אָוועראָלס מיט א סך קאָלירטע לאַטעס. דאָס זיינען געווען די, וואָס האָבן שוין געהאַט צעריסן אי די שטאָטישע קליידער, אי די נייע אָוועראָלס. האָט מען מיט די אַלטע קליידער געלאַטעט די צעריסענע אָוועראָלס. מיר האָבן שוין דאָ אַפילו געהאַט א קאָנקורס פון לאַטעס און געוואונען האָט עס גראָדע א בעטשלאָר, א בחור מיט אן אייזערנעם גדולה.

האָב איך זיך עס געדאַרפט אָוועקלאָזן אין אן עקספּעדיציע צום נאָרד צו קריגן מיט וואָס איינצושטילן דעם בייזן הונגער.

איך האָב זיך באַוואָפנט מיט אַלץ, וואָס ס'איז נויטיק פאַר אזאַ עקספּעדיציע: א זאַק פאַר קאַרטאָפל, ברויט און, אין ערגעטן פּאַל, אביסל מעל, א כלי אויף מילכיקס און אייער, און — היידא, איך גיי און ס'גייט אַלץ, ווי געוואונטשן. איך הער דאָס בילן פון א הונט און איך קריך אין דער געדיכטעניש פון וואַלד. איך קום־צו צו מיין טיפער בלאָטע און איך ווייס ניט פון וועלכער זייט איך זאָל זי אַרומגיין. קיין אויסגעטראָטענעם וועג האָב איך דאָ ניט געפונען. דאָס בילן פון הינטל הער איך אָט פון איין זייט בלאָטע און אָט פון דער צווייטער זייט. אָבער באַלד האָב איך דערהערט, שוין הינטער זיך, א גאַ־גאַ־גאַ פון גענז און דאָס האָט מיך צוגעפירט צו א געביידע אין מיטן וואַלד. פון קוימען האָט זיך געצויגן א דינער רויך. אין די ווענט פון שטייענדיקע קלעצער זיינען געווען אזעלכע לעכער, אז א קאַץ האָט געקענט דורכקריכן דורך זיי.

איך קלאַפּ אין טיר, אָבער קיינער ענטפערט ניט. בלויז א גרויסער שוואַרצער כלב ווייזט מיר אין פענצטער זיינע שאַרפע ציין מיט א שרעקלעכן ברומען. „ע, — טראַכט איך מיר — ווי קומט אהער, אין מיטן וואַלד, די ציוויליזאַציע?" און באַלד ווייזט זיך א יונגער הינטל, א נאַסער ווי א רוח, און גלייך לעבן מיר גיט ער זיך א שאָקל אָפּ און שפּריצט מיך אַרום פון

קאָפּ ביז די פּיס. אין אַ מינוט אַרום זיינען מיר שוין מיט אים געוואָרן ווי אַלטע באַקאַנטע. ער דרייט מיטן עק און בעט זיך מ׳זאָל אים גלעטן.

איך האָב דערהערט טריט פון אַ פערד. אַן אַלטע פרוי, פון אַ יאָר 70 איז געקומען צורייטן. דער פערד איז באַשיצט מיט אַ נעץ. די אַלטע שפרינגט אַראָפּ פון פערד ווי אַ יונג מיידעלע און גייט גלייך צו מיר מיט אַ ברייטן פריינטלעכן שלום עליכם:

— האַו דו יו דו!

איך ענטפער און דערצייל איר אין קורצן מיין סדר־היחוס: ווער איך בין, פון וואַנען איך קום און נאָך וואָס איך בין אַהער געקומען. ווייזט זיך אַרויס, אַז זי האָט שוין געהערט פון אונז.

— אָט דאָס זיינט איר איינער פון דער פרייליכער חברה, ווי מיר רופן אייך דאָ? — האָט זי געזאָגט — אַ גאַנצן טאָג הערן מיר ווי דער וואַלד קראַכט. אייערע העק מוזן זיין גענוג שאַרף. מיר הערן ווי די ביימער פאַלן איינע נאָך די אַנדערע. און ווען ס׳קומט דער אָוונט איז — לויטער געזאַנג.

זי דערציילט מיר, אַז זיי זיינען געקומען אַהער פון די שטאַטן מיט ניין חדשים צוריק.

— מאָגער געוואָרן דאָס לאַנד דאָרטן, האָבן מיר פאַרקויפט אונזער לאַנד מיט די הייזער, אַרויפגענומען אויף דער באַן די פערד, בהמות, מאַשי־נעריע, די הינער, און אפילו דער הונט מיט דער קאַץ, און געקומען אַהער אין געדיכטן וואַלד, וואו די ערד איז אַזוי פעט.

און באַלד דערציילט זי מיר אויך אין קורצן איר סדר־היחוס, אַז אירע צוויי זין און איר טאָכטער מיטן איידעם פאַרנעמען דריי פערטל פונעם זעלבן סעקשאָן, וואו מיין לאַנד געפינט זיך.

— אַזוי אַרום זיינען מיר דאָך שכנים, — האָט זי געזאָגט — אונזער ווינקל האָט אויסגעקוקט פאַרשלאָפן, שטיל און אומעטיק, ביז איר זיינט געקומען. אָבער ווי נאָר איר האָט זיך באַוויזן האָט איר אונזער גאַנצן וואַלד אויפגעוועקט.

— איר האָט מיך אַמאָל מיט אייער זינגען גערעטעוועט פון פאַרבלאָנ־דזשעט ווערן — דערציילט ווייטער די אַלטע — איך האָב אַמאָל געריטן אין וואַלד. געוועזן בא מיין עלטערן זון צו־גאַסט. דאָס פערדל האָט נאָר געצויגן צו דער איסט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳איז בעסער צו גיין וועסט. און דאָ ווערט שוין טונקל און די מאָסקיטאָס אין די מיליאַרדן צעשטעכן מיין הויט. איך האָב שוין דערפילט, אַז איך וועל מוזן נעכטיקן אין וואַלד, סיידן אַ נס וועט פּאַסירן. מיט אַמאָל דערהער איך, ווי איר פאַרציט אַ לידל, איינס און נאָך איינס, און איך בין שוין געוואָרן אַ לעבעדיקע. איך ווייס שוין, אַז איך בין אפשר אַ פערטל מייל פון דערהיים. פון דאַן אָן טראַכט איך נאָר פון אייך, ווי אַזוי איך קען אייך זען און באַדאַנקען אייך.

— קומט אַריין צו מיר אין הויז—האָט זי מיך איינגעלאַדן—ערשטנס

מוז איך אייך באַקענען מיט מײַן הונט, וואָס מיר האָבן געבראַכט פון די שטאָטן. ס'וועט אייך אַמאָל צונוץ קומען. צווייטנס, איז דאָך שוין סאַמער־צייט און אַ פאַרמער לאָזט ניט אַרויס אַ גאַסט פון הויז אַ הונגעריקן.

וואונדערט זיך, וואָס אַ איד וויל זיין אַ פאַרמער

ווי נאָר מיר זיינען אַריבערגעטראָטן די שוועל האָט זיך דער הונט אַ וואָרף געטאָן אויף מיר, ווי אַ צערייצטע ווילדע חיה. נאָך איין מאָמענט, און ער וואָלט מיך צעריסן אויף שטיקער. אָבער די אַלטע האָט אים אַ זאָג געטאָן ניט מער ווי דריי ווערטער אויף איר שפּראַך, אין נאָרוועגיש, און דער הונט האָט אונטערגעבויגן דעם עק און איז אַוועק ווי אַ פאַרשעמטער.

— איצט — זאָגט זי — וועט אייך שוין דער הונט קיינמאָל מער ניט טשעפּען, אפילו ווען מיר וועלן אין דער היים ניט זיין.

זיצנדיק באַם טיש האָט זי מיך באַקענט מיט איר אינגסטן זון, מיט וועלכן זי שטייט דאָ אויף דער פאַרם. מיטאַמאָל טוט זי מיך אַ פרעג:

— וואָס ביסטו, אַ איד?

— יאָ, זאָג איך — איך בין אַ איד.

— און דו ווילסט עס זיין אַ פאַרמער?

— יאָ, זאָג איך — איך וויל זיין אַ פאַרמער.

— אַ איד אַ פאַרמער? — וואונדערט זי זיך — אַ פאַרמער אַ איד? דאָס קען דאָך ניט זיין!

— פאַרוואָס קען אַ איד קיין פאַרמער ניט זיין? — פרעג איך.

— יאָ, איך קען זיך ווען צען צו איינס, אַז אַ איד וועט קיין פאַרמער ניט זיין — פאַרזיכערט מיך די אַלטע! — און נאָך אַ האָמסטעדער דערצו! ווייסטו, אַז פון אַ פאַרמער ביז אַ האָמסטעדער איז זייער אַ ווייטער מהלך? נאָך וואָס זיינט איר געקומען קיין קאַנאַדע נעמען אַ האָמסטעד? דאָס איז דאָך אַזאַ שווערע אַרבעט.

— הערסט, — זאָגט זי מיר ווייטער — מיר האָבן זיך דאָך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן אויף לאַנד, און איר, אידן, האָט זיך יאָ אָפּ־געזאָגט!

איך פרעג זי פון וואַנען זי נעמט עס, אַז אידן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן אויף לאַנד — צי האָט אַזאַ זאַך פּאַסירט באַ זיי אין נאָרוועגיע?

— ניין, — זאָגט זי — ניט אין נאָרוועגיע, נאָר אין רוסלאַנד. ווען מיר האָבן געוואוינט אין די שטאָטן, האָט פאַר אונז אַ פּריסטער דערציילט, אַז אין רוסלאַנד, וואו עס וואוינען אַ סך פאַרשיידענע פעלקער, איז זייער קייסער אַ זייער גוטער מענטש. ער האָט געוואָלט, אַז אַלע מענטשן פון לאַנד זאָלן לעבן גוט און ער האָט געפרעגט באַ אַלעמען — ווער עס וויל זיין אַ פאַרמער און וואוינען אין דאָרף און ווער עס וויל זיין אַ הענדלער און וואוינען אין שטאָט. האָבן זיך די אידן, אַלע ווי איינער, אָפּגעזאָגט פון

לאנד און האָבן בעסער אויסגעקליבן צו האנדלען און וואוינען אין שטאָט. און דערפאר איז וואו נאָר מען באַגעגנט אַ אידן, איז ער אַ הענדלער, אַ ביזנעסמאַן, און אַלע וואוינען אין די שטעט. און ביזנעסלייט, ווייסט איר דאָך, קענען קיין ערלעכע ניט זיין.

איך האָב איר דערקלערט, אַז איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט, אַז אַ קייסער זאָל זיך אַזוי זאָרגן פאַרן פאָלק בא זיך אין לאַנד. איבערהויפט, האָב איך זי פאַרזיכערט, עקזיסטירן ניט אין רוסלאַנד אַזעלכע דימענטענע קייסאָרים.

איך האָב געוואָלט דערגיין, ווער מיינע נייע שכנים זיינען און איך פרעג זי, צי דענקט זי, אַז אַלע אידן זיינען ניט קיין ערלעכע מענטשן.

— ניין, — זאָגט זי — איך זאָג דאָס ניט. איך זאָג נאָר, אַז אַלע אידן זיינען ביזנעס־מענטשן, און ביזנעס, ווי איר פאַרשטייט אַליין, איז ניט קיין כשר'ע זאַך. מיר זען, ווי לאַנג עס נעמט אַ פאַרמער ארויפצוארבעטן זיך, אַז ער זאָל קאָטש מאַכן אַ שטיקל לעבן. און די געשעפטס־מענטשן איז נאָר געננוג איין יאָר צייט און זיי ווערן שוין פעט, איינגעטונקט אין גאָלד. מער ניט ווי הערין האָט זיך עס ניט איינגעגעבן. און ווייסטו פאַרוואָס? ווייל ער איז געווען אַן ערלעכער מענטש.

איך וויל דערגיין ווער עס איז דער הערי. דערציילט זי מיר:

— דאָס איז איינער, אַ יונגער מענטש, אַ פּעדלער. ווען ער פלעגט קומען צו אונז, איז בא אונז געווען אַ גאַנצער יום־טוב. מיר פלעגן דאַן האָבן אַ פולע הויז מיט פאַרמערס צו הערן זיינע מעשיות. ער פלעגט אונז דערציילן ווער עס מאַכט מלחמות אויף דער וועלט, ווער עס פאַרדינט פון דעם און ווער עס ליידט, פון וואָס עס קומען פאַר סטרייקס אין די פעקטאָ־ריס, פון וואַנען עס נעמען זיך די רייכע אויף דער וועלט און פאַרוואָס אַזויפיל אָרעמעלייט. ער פלעגט אונז אויך דערציילן, ווי אַזוי מען מאַכט פּרייזן אויף פּראָדוקטן, וואָס דער פאַרמער פּראָדוצירט און ווי אַזוי דער פאַרמער האָט קיין דעה ניט אין באַשטימען די פּרייזן. ער האָט אונז דער־ציילט, וואָס מען לערנט די קינדער אין די סקולס, ווער עס זיינען די אויפ־פאַסער אויף די לערער און וואָס זיי זיינען אויסן. און פאַרוואָס, אַז איינער אַ הונגעריקער נעמט אַ ברויט פאַר זיינע קינדער רופט מען דאָס גנבה און מען זעצט אים אריין אין טורמע, אָבער ווען אַ גרויסער קאָנטראַקטאָר זאָל באַשווינדלען דעם פאָלק אין מיליאָנען, גייט ער אָרום פראַנק און פריי. ער האָט אונז אויך דערציילט וועגן דעם קאַמף, וואָס גייט אָן איבער דער גאַנצער וועלט צווישן רייכע און די אָרעמע, אָן אונטערשייד צו וואָס פאַר אַ פאָלק זיי געהערן.

און ווייטער דערציילט זי מיר, ווי זייער אַ רייכער סטאַרקיפּער פון דעם דערבייאיקן שטעטל האָט געוואָלט לאָזן אַרעסטירן הערין אַלס „רויטן אַגיטאַטאָר". זיי האָט זיך אפילו ניט געוואָלט גלויבן, אַז איין איד וועט

טאָן שלעכטס אַ צווייטן, זיינעם אַ „ברודער", אָבער הערי איז געווען גערעכט, אַז ס'איז ניטאָ מער ווי צוויי קלאַסן — מעגן זיי זיין אידן אָדער טערקן.

— מיר האָבן זיך אָבער איינגעשטעלט פאַר הערין — דערציילט זי — מיר האָבן געזאָגט אונזער סטאָרקיפּער, אַז אויב ער וועט לאָזן אַרעס־טירן הערין, וועלן מיר קיינער אַ פוס ניט אַריינשטעלן אין זיין סטאָר. און דאָס האָט געהאָלפן.

זיצנדיק בא דער אַלטער אין הויז האָב איך אָבער געוואוסט, אַז מיינע חברים לײַדן דאָרט דערווייל פון אַ לײַדיקן מאָגן. האָב איך זי געבעטן, אַז מיר זאָלן אונזער שמועס אָפּלייגן אויף אַ צווייטן מאָל און אַז זי זאָל מיר בעסער עפּעס געבן עסנווארג, נאָך וואָס איך בין געקומען. זי האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו אירע שפּייז־אוצרות און איך בין שוין באַלד געווען אָנגעלאָדן מיט ברויט, קאַרטאָפל, האָניק און אייער. ווען איך האָב זי געפרעגט וויפיל איר קומט, האָט זי מיר געגעבן אַ חשבון פון 60 סענט. אויף מיין פראַגע פאַרוואָס אַזוי ביליק, האָט זי געענטפערט, אַז באַם סטאָר־קיפּער וואָלט זי פאַר דעם ניט געקראָגן מער, און אפשר נאָך ווייניקער, און אַז זי וויל בא אַ שכן, אַ פאַרמער, ניט פאַרדינען.

אונזער פריינטשאַפט מיט די שכנים איז פאַרבליבן ביז היינטיקן טאָג. די אַלטע איז שוין מער ניטאָ, אָבער מיט אירע קינדער זיינען מיר די בעסטע שכנים שוין באַלד 33 יאָר. און ווער ווייסט נאָך, ווי מיר פאַרמער, ווי גוט עס איז צו האָבן פריינטלעכע שכנים, ווען מען לעבט אין דער ווילדערניש!

:: :: ::

מען האָט געדאַרפט האָבן אַ קינסטלער אויסצומאָלן די פּנים'ער פון מיינע פיר חברים, ווען זיי האָבן מיך דערזען מיט אַן אָנגעלאָדענעם זאַק מיט כל־טוב. מיר קלינגט נאָך איצט אין די אויערן דאָס „קריאת־שמע לייענען" — ווי מיר האָבן דאָס גערופן — פון יענער נאַכט, ווען מיר האָבן זיך אַריינגעפּאַקט אין ביידל אונטער דער קאָלדרע און אונזערע לידער האָבן פאַרהילכט דעם גאַנצן וואַלד אַרום.

איינער פון אונזערע חברה — איצט איז ער שוין אין די שטאָטן אַ מכנסים־ (הויזן) פאַבריקאַנט — איז דעמאָלט געווען זייער אַ לעבעדיקער, און זיין ליד איז געווען די „דובינושקאַ". אַז חברה פלעגט אים וועלן אָפּטאָן אַ שפּיצל, ווען ער איז שוין געווען איינגעפּאַקט אויף זיין געלעגער, פלעגט מען פאַרציען די „דובינושקאַ" און דאָס פלעגט אים אויפהויבן אין דער לופטן. אויך ווען מען פלעגט וועלן זען, ווי ער וואַרפט מיט זיין זעקס־פונטי־קער האַק, וואָס איז געווען שאַרף פון ביידע זייטן, אַזוי אַז די בוימער זאָלן זיך לייגן איינע נאָך די אַנדערע, פלעגט מען בלויז דאַרפן פאַרציען די „דובינושקאַ". ער פלעגט דעמאָלט ווערן שטאַרק, ווי אַ ריז.

אַ צוויטער חבר אונזערער, דער ברייט־פּלייציקער בחור, איז געווען אַ שווערער אַרבעטער, אָבער פון לידער האָט ער גאָר ניט געהאַלטן. ער פלעגט זאָגן, אַז פון זינגען איז דער פויגל ניט זאַט.

האַלצהעקער־סטראַטעגיקער

איך האָב זיך געגוג אָנגעלייענט פון אידישע העלדן אין די מינען, פאַבריקן, אויפן וואַסער און אפילו אין די הימלען; אָבער פון אידישע העלדן וואָס פּאַרוואַנדלען ווילדערניש אין ציוויליזאַציע און פירן דאָס דורך אין פולן זינען פון וואָרט, ווי דאָס איז דער פאַל אין אידנברידזש — דאָס האָב איך אין ערגעץ נאָך ניט באַגעגנט. און ווער ס׳וויל וויסן ווי אַזוי דאָס טוט זיך, האָט געדאַרפט אַריינפאַלן ערגעץ אין דער ווילדערניש צו אונז די „טאַונשיפּער", ווי מיר האָבן זיך דאַן גערופן, וואָלט ער געזען, ווי אידישע יונגעלייט, פון זון פאַרברוינטע, מיט האַרט פאַרמאַזאָליעטע הענט, וויגן די 6־פונטיקע, פון ביידע זייטן שאַרפע, העק אין דער לופטן און לייגן אויס דעם טויזנט־יאָריקן וואַלד־פּלאַץ צו דער ערד, און שאַפן ציוויליזאַציע.

אין אַ ליכטיקן פרילינג־פרימאָרגן, ווען די פויגלען אין וואַלד האָבן זיך נאָר־וואָס אויפגעכאַפּט פון זייער זיסן שלאָף, זיינען אַ גרופּע יונגעלייט געשפּרונגען אַריבער די בלאָטעס אין וואַלד, אָנגעלאָדן מיט די מאָדערנסטע כלי־זיין וואָס פאָדערט זיך צו אַזאַ סאָרט מלחמה מיטן וואַלד: שאַרפע בלישטשענדיקע העק מיט לאַנגע הענטלעך; קאַלדרעס, מיט וואָס צודעקן זיך באַנאַכט; שוועבעלעך, מיט וואָס פייער צו מאַכן, און היבשע קלומקעס מיט עס־זאַכן, און אַ פּעקעלע פון יענעם קאַסטן, פון וואָס ס׳נעמט זיך ניט אויס, (קולטור־שטאָף, ביכער). ווייל טאָמער רעגנט און מ׳קען אין וואַלד גאָרניט טאָן, זאָלן מיר האָבן אין וואָס אַריינצוקוקן און „געניסן פונעם לעבן".

ווען מיר זיינען צוגעקומען צו פולמאַנס צוועלף און אַ האַלב־דאָלערדיקן פּאַלאַץ, וואָס האָט זיך קוים אַרויסגעזען פון געדיכטן וואַלד — ס׳האָט אויסגעקוקט ווי די ריזיקע בוימער אַרום הויז היטן, אַז ס׳זאָל חלילה קיין ברעקל זונענשיין ניט פאַלן אויף דעם — האָבן מיר זיך אויסגעזעצט אויף די „טשעסטערפילדס", די קײלעכדיקע גלייך־אַראָפּגעשניטענע שטיקלעך האָלץ, און אַ פּאָר איבערגעקערטע קעסטלעך אין וועלכע עס זיינען אַמאָל געלעגן עפּל; און ווער פון אונז עס האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן פיין־געטאָקטן בעט — 3 ברעטלעך צום וואַנט צוגעשלאָגן, מיט די פּוכאָווע

פערענעס פון אמת'ן שטרוי פון זיין שכנ'ס פעלד. אלע זיינען מיר געווען נאָס ביזן גאַרטל, ווי די רוחות, פון דעם גראָז, וואו מיר האָבן געבראָדיעט. און נאָך א 5־מינוטיקן אָפּרו האָבן מיר זיך גענומען פאר פלענער ווי אזוי מ'זאָל זיך אביסל פארגרינגערן און איבערהויפּט פארשנעלערן די ארבעט, כדי מ'זאָל קענען פארטיק ווערן אין צייט בא יעדן פון די אָנגעשלאָסענע אינעם קאָלעקטיוו. ווייל די ארבעט, ווי מיר האָבן דאָס געטאָן ביז איצט, איז וואָס מיר האָבן נאָכגעטאָן אנדערע, וואָס האָבן זיך געלערנט פון רבנים, וואָס האָבן אליין אויך ניט געוואוסט ווי ס'איז בעסער. דערפאר איז דאָס געווען צו שווער און ניט גענוג.

און אזוי ווי פלענער בא אידן דאַרף מען ניט קויפן, האָבן גענומען פליען פאָרשלאָגן איינס נאָכן צווייטן. איינער האָט געזאָגט, אז אזוי ווי ער איז שוין דאָ אין אידנברידזש אריבער צוויי יאָר און ער איז שוין א האַלבער אויטאָריטעט אין הלכות קאָרטשעווען, עצה'ט ער אז מען זאָל איינלאָדן עלעק ספּרינגמאַן מיט זיינע אָקסן און מיט זיי שלעפּן די ריזן־בוימער מיט די וואָרצלען ארויס. און אזוי ווי עלעק ספּרינגמאַנס אָקסן האָבן דאָ א שם אין אונזער דאָרף מיט זייער גבורה, האָט עס אויסגעקוקט צו זיין א גלייכע זאַך: צוויי אָקסן מיט זייער כוח קענען אויפטאָן מער ווי פינף מענטשן. און אזוי ווי עלעק ספּרינגמאַן דאַרף אויך האָבן ווער ס'זאָל אים העלפן קאָרטשעווען וועט מען זיך מיט אים בייטן מיט ארבעט.

איז ארויס א צווייטער מיט אַן אנדער פאָרשלאָג. ער איז, זאָגט ער, שוין באַלד א גאַנצער אויטאָריטעט אין דער ארבעט. ער האָט בא דעם געארבעט און ער האָט אויסגעפונען, אז מיט אָקסן איז נאָר גוט צו שלעפּן ווילאָ־בוימער, וואָס וואַקסן אפילו זייער געדיכט, דערפאר אָבער ניט גראָב און איבערהויפּט ניט הויך. און אזוי ווי אָקסן זיינען שווער אויפן פוס, ביז דאָס טוט זיך א ריר — איז אויב די ווילאָ־בוים וועט אויפן אָקס ארויפפאַלן, קען דאָס ניט שאַדן, אָבער א פּאָפּלער־בוים וואָס איז אזוי הויך און אזוי שווער, איז מיט אָקסן צו ציען א סכנה. דאָס קען טרעפן אָדער דעם אָקס אָדער דעם טרייבער. מילא, איז זיין פאָרשלאָג איינצולאָדן אייזיק קאָהענ'ען מיט זיינע פערד, אמת'ע גבורים, וועמען אלע אין דאָרף האָבן געקענט. און א חוץ וואָס זיי זיינען שטאַרק, זיינען זיי אויך זייער געשווינד און קענען זיך ארויסדרייען פון א פאַלנדיקן בוים.

איז געקומען א דריטער און האָט אויפגעוויזן, אז ביידע פאָרשלאָגן טויגן ניט, וואו מ'זאָל פריער ניט אָננעמען זיין פאָרשלאָג. אזוי ווי דער וואַלד וואָס איז זיך טויזנטער יאָרן געוואקסן אזוי זאָרגלאָז, און אַלע סאָרטן בוימער האָבן דאָרטן געהאט זייערע גלייכע רעכט, ווי אין א דעמאָקראַטי־שער רעפּובליק — זיינען זיך אינצווישן די ריזן־בוימער געוואקסן אנדערע, קלענערע בוימער, וואָס וואַקסן ניט הויך, דערפאר אָבער געדיכט; איז זאָל מען פריער ארויסנעמען די קליינע בוימער מיט דער האַנט, וועט זיין מער

פלאַץ מיט די פערד צו דרייען זיך, ווייל ניט יעדער בוים לאָזט זיך אַרויס־ציען אין אַלע זייטן. און בכלל איז עס אַ ריזיקע צו אַרבעטן מיט אַזעלכע פערד, ווי אייזיקס אין אַזאַ געדיכטעניש, וואו זיי זאָלן ניט האָבן וואו צו אַנטלויפן פון אַ פאַלנדיקן בוים, און דער בוים קען אויך אַמאָל אַרויפפאַלן אויפן טרייבער פון די פערד.

און אַזוי ווי די נויט איז די מוטער פון דערפינדונג, האָט נאָך איינער געפונען אַ בעסערן פּלאַן פון אַלע אַנדערע, אָדער אַ צוגאָב צו אַלע פריערדיקע פּלענער. אום אויסצומיידן די סיבות פון פאַלנדיקע ביימער, און אַזוי ווי אייזיקס פערד זיינען אַזעלכע גבורים וואָס באַ זיי איז איין בוים איינצעוואַרפן אַזוי ווי באַ אַ העלפאַנט אַ צוקערקע איינצושלינגען, איז מילא, זאָל מען פאַרטשעפּען צוואַנציק ביימער מיט אַמאָל. די הויפּט־שוועריקייטן פון אַרויסציען אַ בוים איז וואָס מען קען ניט אַזוי לייכט אונטערהאַקן זיינע וואָרצלען, וואָס זיינען אַזוי טיף. איז אַז די קייט וואָס וועט אַרומנעמען אַלע ביימער, וועט זיי בויגן און דריקן צוזאַמען און די וואָרצלען וועלן זיך אָנציען ממש צום פּלאַצן, איז נאָר אַ ריר מיט אַ שאַרפער האַק און דאָס גיט נאָך. און דעם איין בוים, דעם לעצטן, זאָל מען לאָזן ניט אַרויסגעצויגן, וועט עס פאַרמיידן דאָס פאַלן פון די ביימער ביז מען רוקט אָפּ די פערד מיטן טרייבער, מען טשעפּעט אָפּ די קייטן, און אַלע ביימער פאַלן מיטאַמאָל.

אַ דונער פון אַ פּאַטשעריי האָט זיך באַ יעדן אַרויסגעריסן ממש איני־סטינקטיוו. אָט זיצן מענטשעלעך, ממש ווי פליגן אַנטקעגן אַזאַ ריזן־וואַלד און געפינען אויס מיטלען ווי אַזוי אים צו באַזיגן, און איבערהויפּט אָן פרעמדע עצות. און נאָכמער האָט יעדערער געפילט, אַז גייענדיק אין דער פינצטער יעדערער באַזונדער קען מען ווייט ניט אַוועק, און אַז אין אַ קאָלעקטיוו מיט אַ פריער־דורכגעטראַכטן פּלאַן קען מען האָבן מער דערפאָלג.

איך ווער אַ קאָכמייסטער

נאָך דעם ווי דער פּלאַן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון צעטיילן די אַרבעט — ווער ס'זאָל העלפן דעם טרייבער צו אַרבעטן מיט די קייטן, פאַרטשעפּען און אָפּטשעפּען; ווער ס'זאָל אונטער־האַקן די וואָרצלען פון די ביימער (דאָס איז די שווערסטע פון אַלע אַרבעטן); ווער ס'זאָל אַרויסנעמען די קלענערע ביימער צו מאַכן פּלאַץ פאַר די פערד, און צוזאַמענגעמען די צווייגן און לייגן זיי אין גרויסע קופּעס ס'זאָל זיין גרינגער צו פאַרברענגען: גרויסע קופּעס ברענען בעסער. און מען האָט זיך דערפילט אַזוי גרינג, ווי מען וואָלט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די שווערסטע משא וואָס איז באַ יעדן געהאַנגען אויף די פּלייצעס, פון די זאָרגן, אַז מען דאַרף קעמפן קעגן אַזאַ ריזן־וואַלד מיט די הוילע הענט.

נאָר דער איין־און־איינציקער, וואָס האָט זיך געפילט ניט אַזוי פריילעך,

בין איך געווען. איך בין דאָ „געפאַלן אַ קרבן". איך האָב ניט געוואוסט, צי זאָל איך זיך פרייען וואָס מען האָט מיר אָנגעטאָן אַ קרוין, און אַז איך זאָל זיך כאָטש איינמאָל אין לעבן פילן ווי אַ קעניג אין זיין קעניגרייך: אָדער פאַרקערט, אַז מ'האָט מיך אויסגעשלאָסן פון יענער געזעלשאַפט, וואָס איך האָב אַלע מאָל גערעכנט איז די נוצלעכסטע.

ומעשה שהיה כך היה. אונזערע איינטיילונגען פון דער אַרבעט אין ווינטער האָבן איצט שוין ניט געטויגט און מען האָט עס געמוזט בייטן; און אַנשטאָט דעם וואָס איך האָב זיך דעם גאַנצן ווינטער געריכט, אַז אַזוי גיך ווי ס'וועט אָנקומען דער פרילינג וועל איך זיך אַוועקלאָזן מיט מיין האַק אין דעם ריזן־וואַלד און מאַכן אַ תל פון זיין טויזנט־יאָריקן וואַקסן; פאַרניכטן די ווילדערניש און שאַפן ברייטע פעלדער און ברענגען שפע דער מענטשהייט, פון וואָס מ'זאָל הנאה האָבן — האָט מען מיך גאָר געקרוינט מיטן טיטול „קאָכמייסטער", אָבער אַזוי ווי איך בין פון דער נאַטור ניט קיין שרעקעוודיקער פאַר אַרבעט און אַן אויספאָלגער פון אָפּמאַכן בין איך אויך, האָב איך מיין נייעם פאַך אָנגענומען אָן פּראָטעסט.

מיר, אין מיין נייעם אמט, איז ניט געווען וואָס מקנא צו זיין. איך האָב גענוג געקנייטשט דעם שטערן ווי אַזוי איך זאָל אָנהאַלטן זאַט יענע מענטשן, וואָס נוצן ניט קיין אַפּעטיטנע טראָפּנס, מיט אַזאַ זאַפּאַס פאַר אַ גאַנצער וואָך ביז אונזער רו־טאָג, ווען מען קען זיך ווידער אַרויסלאָזן איבערן וואַלד צו די פאַרמערס, באַ וועמען מ'קריגט עס־זאַכן. (אין מיטן וואָך האָט מען זיך עס ניט פאַרגונען).

צום אַלעם ערשט האָב איך זיך, אַלס געקרוינטער הערשער (פון די טעפּלעך), גענומען צו דער מאַטעמאַטישער קונסט פון אויסצורעכענען ווי לאַנג קען אַזאַ זאַפּאַס אכילה אָנהאַלטן באַ אַזאַ שווערער אַרבעט און ניט אויסהונגערן די אַרבעטער. ליידער האָבן מיינע קונציקסטע חשבונות ניט געהאָלפן. אמת, די ערשטע עטלעכע טעג האָב איך געקראָגן גענוג קאָמפּלי־מענטן: אַ גוטער און אויסגערעכנטער קוכער, ניט קיין שלימזל, אַלץ איז בלאַנק־ריין, די עסנס געשמאַק, דער צוגאַנג צום טיש יום־טוב'דיק, אַז כאָטש די ווילע וואָס מען עסט זאָל מען הנאה האָבן, און ווען מען האָט הנאה באַם עסן פילט מען זיך שטאַרקער נאָכן עסן. איך האָב שוין געמיינט אַז איך בין טאַקע דער אמת'ער עקספּערט און קאָך־קינסטלער. אָבער, אוי־וויי, צום פינפטן טאָג בין איך געוואָרן אוים קינסטלער. ס'האָט מיר ניט געהאָלפן קיין חשבון; דער מאָגן ווייסט ניט פון קיינע חשבונות, ווען ס'איז ניטאָ וואָס צו ציילן. מער פון אַלעמען איז געווען אַ רחמנות אויף אייזיקן. ער, אַלס אַ געקומענער פון לאָנדאָן, וואו מען האָט ליב אַ גלעזל טיי זאָל זיין אָנגעצויגן שטאַרק ווי ביר; און מיר דאָ האָבן קיין טיי אינגאַנצן נישט גענוצט. צו וואָס זיך נאַריש מאַכן און שיטן טיי, אַז עס העלפט ניט; קיין קאַליר האָט מען ניט געקענט אַרויסקריגן, ווייל מיר האָבן גענוצט די וואַסער

פון די בלאָטעס, און קיין טעם אויך ניט, ווייל די וואַסער איז בלאָטיק. און ער פלעגט זיך טאַקע ווייצלען: „חברה, מיר מוזן צוטראַכטן אַ מאַשין אַזאַ, אַז מיר זאָלן זיך קענען אַרויסכאַפּן צו לאַנדאָן פאַר אַ גלעזל טיי".

„באַנדעס" איז אויך אַ מאכל

איך האָב שוין באַלד־באַלד געוואָלט רעזיגנירן פון מיין אמט, ווייל מיט חשבונות קען מען זאַט ניט ווערן, און מיט רייסן דעם וואַלד 10 שעה אַ טאָג, איז זיכער ניט, סיידן דאָ זאָל עפּעס טרעפן אַ נס מן השמים. אָבער דאָ איז אויך דאָס אייגענע: מיט נסים איז מען דאָך אויך ניט זאַט, נאָר מיט ברויט, קאַרטאָפל, אייער, צוקער און אַמאָל פּוטער אויך. און דאָס האָט זיך אויסגעלאָזט.

אָבער חברה האָט זיך צעלאַכט. איבער אַזעלכע קלייניקייטן, ווי אַביסל צוהונגערן, אַוועקוואַרפן די אַרבעט? ווייס איך וואָס! און מ'האָט מיר צוגע־טיילט איינעם אַן עקספּערט אין אַזעלכע קלייניקייטן, ווי ניט האָבן וואָס צום עסן, און מיר האָבן פאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך גענומען צו דער עבודה. דער עקספּערט מיינער איז געווען אַ טיפּיש ליטווישער יונגערמאַן, אַ שווערער אַרבעטער און אַ גוטער־ברודער; פון קיינע זאַכן, גוט צי שלעכט, ניט געוואָוסט; אָן התפעלות; די פּיפּקע האָט ער פון מויל ניט אַרויסגעלאָזט. און ער איז שוין געוואָרן מיין הערשער: „שיט מעל און גיס וואַסער; אַביסעלע זאַלץ און בעיקינג פּאַודער און, זאָגט ער, איר וועט שוין זען, אַז אין 15 מינוט צייט און מיר וועלן פאַרדעקן דעם גאַנצן טיש מיט פרישע באַנדעס".

פון וואַנען ער האָט גענומען דעם נאָמען „באַנדעס" איז נאָך פאַר אונז אויך היינט אַ רעטעניש, אָבער זלמנ'ס באַנדעס האָבן דאָ געהאַט אַ שם אין אונזער דאָרף (כאָטש מ'האָט געדאַרפט צו זיי האָבן אַ גומענעם מאָגן).

דאָך, ווען איך האָב זיך אויף אַ ווײַלע אַרויסגעכאַפּט פון קיך אין וואַלד אַריין און דערזען ווי אַזוי מ'וואַרפט די בלישטשענדיקע העק אין דער לופטן און דער וואַלד ווערט קלענער, דאָס פעלד גרעסער, און ווי חברה „שפּילן זיך" — ווער וועמען ס'וועט אַריבעריאָגן: און צו דעם פלעגט פּולמאַן אַראָפּוואַרפן זיינע קליידער ביזן גאַרטל, זיין פאַרברוינטע לייב מיט די שטאַרק־אָנגעשטרענגטע מוסקולן האָבן זיך באַוועגט אין אַלע ריכטונגען — האָב איך געטראַכט: פון וואַנען נעמט זיך צום מענטשן אַזאַ משונה'דיקע גבורה? וואָס מאַכט עס אַזוי אויפצוקאָכן די בלוטן, אַז דאָס זאָל אַפילו ניט פילן קיין הונגער און ניט קיין מידקייט? אָט אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט דער וואַלד ציטערן פון שרעק. אָט דאָס קליינע מענטשעלע מיט זיין שוואַכן כוח פאַרמעסט זיך קעגן אַזאַ ריזיקן וואַלד און באַזיגט אים.

ליכט, לופט און מאָסקיטאָס

ס'וואָלט אונז היינט געקענט צונוצקומען, ווען מיר כאַפּן אַראָפּ אַ בילד פון אונזער לעבן דאָרטן אין אַזעלכע פּאַלאַצן, ווי באַ פּולמאַנס, ווען ס'איז

געקומען די פּראָבלעם אויסצוזעצן זיך אַרום זיין קליינעם טיש צום עסן, און ווי ס'זיינען געפלויגן פּלענער, למשל — צו די צוויי ברעטלעך צוגעשלאָגן צום וואַנט זאָל מען צוקלאַפּן די איבערגעקערטע ליידיקע קעסטלעך פון עפּל, און צום זיצן זאָל מען אָפּהאַקן אַ פּאָר גראָבע שטיקלעך בוימער, און דאָס וועט נוצן פאַר בענקלעך. אָבער אַז דער פּלאַץ אין הויז דערלויבט ניט אַזויפיל מעבל אַריינצושטעלן, איז מען געפאַלן אויף אַ פּלאַן, אַז אַזוי ווי זיין בעט פון די צוגעשלאָגענע ברעטלעך צום וואַנט קען אַלעמען ניט אַרויפנעמען צום שלאָפן זאָל מען צוקלאַפּן נאָך דריי ברעטלעך און מ'זאָל אַלע שלאָפן אין דער ברייט פון דער בעט; וועט עס אונז אויך איינשפּאָרן מיט וואָס זיך צודעקן, וואָס אונז האָט אויסגעפעלט; און באַטאָג זאָל אונז אָט דאָס שטיקל בעט נוצן פאַר אַ טיש.

ס'וואָלט אויך געווען צום לאַכן, למשל, ווען מיר זאָגן אַז אונז פעלט ליכט, ווען מיר האָבן פאַר זיך אַזאַ ברייטן הימל מיט אַזויפיל זונענשיין; און ווען מיר זאָלן זיך אויך זאָרגן וואָס אונז פעלט אויס לופט אין אַזאַ גרויסן וואַלד. אָבער די פּראָבלעם ליכט און לופט אין אַזעלכע פּאַלאַצן ווי דאָ, איז געווען אַ קאָמפּליצירטע. קיין ליכט איז אין הויז ניט געווען, ווייל דאָס איז געווען געבויט פאַר אַ „גרעינערי" צו שיטן תבואה, און דערפאַר איז דאָ קיין פענסטער ניט געווען, נאָר אַ פּאָר קליינע לעכער, אויסגעשניטענע אין וואַנט, פאַרשטעלט מיט אַ שטיקל גלאָז. און לופט האָט אונז געפעלט צום שלאָפן, ווייל דער גאַנצער וואַלד איז געווען געדיכט מיט מאָסקיטאָס, וואָס שטעכן ווי מיט נאָדלען. האָבן מיר געמוזט פאַרשפּאַרן אַלע לעכער, וואו אַ מאָסקיטאָ קען זיך נאָר אַריינקוועטשן, און פאַרמאַכן פעסט די טיר, אַז ס'זאָל אין ערגעץ ניט בלייבן קיין אָפענער שפּאַלט. אפילו פון קיין „מאָסקיטאָ-נעטינג" האָבן מיר דאָ דאַן נאָך ניט געוואוסט. און אַזוי ווי מיר זיינען געווען געוואוינט צום גרויסן וואַלד מיט אַזוי פיל לופט, איז אונז טאַקע דאָ געווען שווער צום שלאָפן.

זיינען דאָך עפּעס אידן רחמנים בני רחמנים, און מ'האָט ניט געוואָלט ערגערן דעם אייגנטימער וואָס קען זיך פילן אומבאַקוועם מיט אַזאַ וואוינונג פאַר אונז. האָט מען געמאַכט אַ פּלאַן, אַז מ'זאָל טאַקע האַלטן אָפן די טיר באַנאַכט, נאָר מ'זאָל מאַכן אַ רויך פון האַלץ מיט גרין-געשניטענע גראָז האַרט באַם טיר, וועלן די מאָסקיטאָס מורא האָבן צו פליען נאָענט צום רויך. און יעדער איינער וואָס וועט זיך אויפכאַפּן אינמיטן נאַכט, זאָל אַראָפּקריכן פון בעט און פאַרריכטן דעם רויך.

זיינען מיר דאָך אָבער געווען גרינע אין לאַנד און מיר האָבן ניט געוואוסט, אַז ווען יונגע מענטשן רייסן אַזאַ ריזיקן וואַלד צען שטונדן אַ טאָג, כאַפּן זיי זיך זעלטן ווען אויף באַנאַכט. אדרבא, ווען מ'דאַרף אין דער פרי ניט אויפשטיין צו דער אַרבעט, וואָלט מען זיך ניט אויפגעכאַפּט ביז מען וואָלט ווערן גוט הונגעריק.

איז דאָס טאַקע געווען די ערשטע נאַכט אַזאַ מיט אַזאַ געניאַלן פּלאַן צו שלאָפן רואיק מיט גענוג לופט און די גרינע גראָז איז פון היץ געוואָרן טרוקן און דער רויך איז פאַרשוואונדן און די מאַסקיטאָס האָבן זיך טאַקע לאַנג ניט געלאָזט בעטן. ס'האָבן זיך פאַר זיי אויפגעעפנט אַלע גרענעצן און מ'האָט אונז געשטאָכן און געצאַפּט אונזער בלוט אָן רחמנות. מ'האָט פון אונז ממש געריסן שטיקער.

אַנדערש האָבן מיר זיך געפילט, ווען מיר האָבן בײַ פּולמאַנען שוין געענדיקט און מיר האָבן זיך אריבערגעקליבן צו אונזער שכן רייפל אַבראַמסקי. דאָ האָבן מיר געהאַט שוין 2 הייזער(?), און איבערהויפּט האָב איך זיך דערפילט געהויבן. ער, אונזער שכן, אַליין אַ גרויסער בריה, אַ קאָכמייסטער, האָט ניט נאָר מיר ארויסגעהאָלפן נאָר ביז איך פלעג זיך צוקלייבן עפּעס צו טאָן — אהאַ! בײַ אים איז שוין דאָ אַ פּודינג וואָס טאַנצט פון אויוון ארויס. און פאַר מיר איז נאָר געבליבן די קליינע קליניקייטן, וואָס יעדער קאַליקע קען טאָן. איך בין בײַ אים געוואָרן אַ נוצלעכער בירגער אין זיין וואַלדיקער מדינה. אויך איך בין געשטאַנען גלייך מיט אַלעמען און מיט מיין האַק געריסן פּאַסן פון דער געדיכטעניש.

זייער שווער איז אונז נאָר געווען, וואָס מיר האָבן ניט געהאַט קיין קאַלטע וואַסער צום טרינקען. די וואַסער וואָס מיר האָבן גענוצט פון די בלאָטעס, וואָס איז אַגב אויך געווען אָנגעווארעמט פון דער הייסער זון, ווייל דאָס איז שוין געווען אריינגעצויגן שפּעט אין זומער אריין, איז חוץ דעם וואָס דאָס איז געווען צו געדיכט מיט וואַסער־ווערים, האָט מען דאָס ניט געקענט נעמען אין מויל; דאָס האָט געהאַט דעם טעם פון ריצן־אויל. אמת, אַז אונז פלעגט שוין אָנהויבן גוט צו דאָרשטן, ביז צום ברענען, פלעגן מיר אוועקוואַרפן אַלע ארבעט און אויסגראָבן אַ גרוב, און אין יענע יאָרן פון פּייכטקייט פלעגן מיר באַלד געפינען וואַסער און טרינקען אַזוי לאַנג ביז מיר פלעגן זיך אַביסל אָפּקילן. יענע גריבער האָבן אָבער לאַנג ניט געקענט אָנהאַלטן. מיר זיינען געווען אין אַזאַ לאַגע, אַז מיר האָבן קיין ברעטער אויף ארומצושטעלן די ווענט ניט געקענט קריגן און אין צוויי טעג ארום איז דאָס שוין איינגעפאַלן. דאָס האָט אונז אָבער ניט אָפּגעהאַלטן פון צו גראָבן נייע גריבער, ווייל די וואַסער אין די בלאָטעס פלעגט פון די היצן ווערן אַלץ ווייניקער און געדיכטער. אונזער פּלאַץ ארום הויז האָט שוין באַלד אויסגעקוקט אַזוי צעגראָבן, אַז מיר האָבן זיך שוין אַליין דערשראָקן. ס'האָט אויסגעקוקט ווי טראַנשייען פון אַ מלחמה־פּלאַץ.

מײַנע צרות אויף אַ דזשאַב

אין 1912־טן יאָר, זײַנען מיר, אַ גרופּע, שוין געװען האַלבע פֿאַרמערס. מיר האָבן שוין געצאָלט לאַנד־טעקסעס, אָבער אויף אונזער לאַנד האָבן מיר נאָך קיין זאַך ניט געקענט פּראָדוצירן. אונזערע 160 אַקער, װאָס יעדערער האָט געקראָגן, איז נאָך אַלץ געװען פֿאַרװאַקסן מיט װילדערניש, און פֿון װאָס צו מאַכן כאָטש אַ געמאַטערטן לעבן איז ניט געװען; װאו צו פֿאַרדינען איז ניט געװען, כאָטש שרײַ צום הימל. אמת, מיר האָבן בײַ זיך געהאַט אַרבעט לרוב. — רײַסן דעם װאַלד, בויען הײַזער, טריקענען די בלאָטעס, מיט װעלכע די גאַנצע ערד איז געװען באַדעקט. אָבער צום עסן קומט עס ניט.

און װען מיר האָבן דערפֿילט דעם מאָגן־פּראָטעסט, אַז ער קלײַבט זיך צו דערקלערן אַ ליגן־סטרײַק, האָבן מיר זיך דערשראָקן און האָבן גענומען זיך רירן. אַ שפּאַס אַ סטרײַק!

מײַן ברודער איז דאַן אַװעק אין װיניפּעג זוכן גליקן. אַנדערע זײַנען אַװעק אין סאַסקאַטון און אין פּרינץ אַלבערט, און איך בין געבליבן אין אידנברידזש. פֿון די בריװלעך, װאָס איך האָב געקראָגן פֿון מײַן ברודער און פֿון די אַנדערע יונגעלײַט, האָבן מיר אַרױסגעלײענט, אַז זײ מאַכן דאָרטן אין די שטעט זײער אַ פֿײַנעם לעבן פֿון ברויט מיט הערינג, און ניט מער — אַפֿילו ניט אויף אַ בילעט אַהײם צו קומען.

מיר, דאָ אין אידנברידזש, האָבן אויך קײן האָניק ניט געלעקט. װען דער מאָגן איז ליידיק, בלײַבט מען ניט זיצן מיט פֿאַרלײגטע הענט. מיר האָבן געטאָן כל עבודת פּרך. מיר האָבן געפֿירט האָלץ אין שטעטל, אײנמאָל אַ װאָך, װײַל מיט אונזערע „פֿליערס" האָט מען עס געשװינדער ניט געקענט מאַכן. (איצטיקע יאָרן, מיט אַ מאָטאָר־טראָק, נעמט עס צװײ שטונדן אַהין און צוריק). מיר האָבן באַלעגאָלעװעט פֿאַר װעמען עס האָט זיך נאָר געלאָזט. מיר האָבן ניט גערוט.

איך בין אָבער געװען פֿון יענע מזל'דיקע, װאָס האָבן נישט געהאַט מיט װאָס צו באַלעגאָלעװען. איך האָב ניט געהאַט קײן „פֿליערס". אמת, איך האָב אויך פֿאַרזוכט דעם טעם צו פֿאָרן מיט אָקסן נאָך קלעצער אין גרויסן װאַלד פֿאַר מײלן װײַט. אויך איך האָב צוגעלײגט אַ קללה יענעם,

ווער ס'האָט אויסגעטראַכט איינצושפּאַנען אָקסן אין אונזערע ווילדערנישן און טיפע בלאָטעס — וואָס צו דעם דאַרף מען האָבן אַן אייזערנע האַרץ. אָבער מיינע אָקסן זיינען געווען געבאָרגטע און איך האָב לאַנג מיט זיי ניט געאַרבעט.

צו יענער צייט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ פּאַרמער, וועלכער איז געווען אַ האַלבער פּאָליטיקער און האָט געוואוסט וואו ס'עפּנט זיך אַ טיר אין די הויכע פענצטער. האָט ער מיך פאַרזיכערט, אַז אַזוי ווי די רעגירונג וויל בויען אַ וועג, טאַקע דורך אונזער דאָרף, וועט ער פאַר מיר קריגן אַרבעט. געצאָלט האָט מען דאַן $2.50 אַ טאָג, אויף אייגענע עסן און נאַכט־לעגער. אָבער אַזוי ווי מיר, האָמסטעדערס, זיינען ניט געוואוינט צו ווייכע בעטן און מיר האָבן זיך גאַנץ גוט געקענט אויסשלאָפן אויף אַ ברעט אונטער דער זייט און מיט דער פּויסט צוקאָפּנס — און אויף מאָרגן גאַנץ גוט אַרבעטן אין די גרעסטע היצן צו 12 שטונדן אַ טאָג; און אַזוי ווי פון עסן מאַרציפּאַנעס האָבן מיר אפילו ניט גע'חלום'ט — איז מיר דאַן גאַנץ גוט געווען די $2.50 פאַר אַ 9־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג בײַ רעגירונגס־אַרבעט.

מיין אַרבעט איז געווען קאָרטשעווען דעם וואַלד לענגאויס דעם וועג, וואו מען דאַרף אַקערן, און די לויזע ערד פירן און שיטן אויפן וועג. מיר זיינען געווען פינף אַרבעטער בײַם קאָרטשעווען — איך און פיר הויכע מויער־שטאַרקע אירלענדער, מיט די אמת'ע זעקס־פונטיקע העק, פון ביידע זייטן שאַרף. ווען זיי פלעגן אַ וויג טאָן מיטן האַק אין וואָרצל, פלעגט אַזש די ערד אַ ציטער טאָן. זיי זיינען, ווייזט אויס, שוין ניט געווען קיין גרינע בײַ דער אַרבעט. מיין האַק, פון איין זייט שאַרף, האָט קענען זייערע העק אויסגעקוקט ווי אויף צו האַקן צוקער. זיי האָט עס גאָר ניט געאַרט. אדרבא, דערפאַר וואָס איך האָב געהאַט אַ גרינגע האַק, האָבן זיי מיך געלאָזט אַרבעטן בײַ די יונגערע דינערע בוימער און די שווערערע פלעגן זיי מיט זייערע העק אליין אַרויסנעמען. די בוימער פלעגן בײַ זיי אַרויספליען, ווי אַ קאָרק פון אַ זויער פלעשל ביר.

איך האָב זיך מיט מיין קאָמפּאַניע אַרבעטער זייער גוט באַפריינדעט. מיר האָבן געאַרבעט אַמאָל שווערער, אַמאָל גרינגער — ווי ס'האָט זיך געמאַכט. מיר האָבן בלויז געדאַרפט אָפּהיטן אָנצוהאַלטן אונזער קאָרטשע־ווען אַזוי, אַז די צווייטע גרופּע פון זיבן טימס פערד מיט 9 מענטשן זאָלן ניט דאַרפן וואַרטן אויף אונז צו אַקערן און פירן די לויזע ערד אויפן וועג.

אַזוי איז זיך די צייט געלאָפן און די וואָך פלעגט זיך אַרויסגליטשן פון אונטער די הענט. שלעכט זיינען פאַר מיר נאָר געווען די מאָנטיקס. אין די זונטיקס פלעגן מיינע חברה פאַרשווינדן פון דאָרף אַרוים און ערגעץ געמאַכט אַ כוס'ע, און מאָנטיק פלעגן זיי זיך פילן זייער שלעכט, מיט אַ קאָפּ־ווייטיק און אַ זויערן געמיט. אין אָט די מאָנטיקס בין איך שוין געווען

צווישן זיי ווי אַן איבעריקער. מ'האָט זיך שטענדיק געפילט אַביסל ברוגז־לעך — אויף שטום־לשון, מער מיט די אויגן ווי מיטן צונג. און אַז מ'פלעגט יאָ עפענען אַ מויל, איז דאָס געווען אַזאַ שפּראַך, וואָס איך האָב ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. איך האָב, זייענדיק אין לאָנדאָן, מיט אַזאַ שפּראַך אין ערגעץ ניט באַגעגנט זיך, אַפילו ניט אין נאַכט־שול, וואו מען לערנט די גרינע אימיגראַנטן די ענגלישע שפּראַך. פאַרשטאַנען האָב איך, אַז דאָס מוז זיין זידל־ווערטער אויף מיין חשבון. איך האָב דעריבער ניט גענומען קיין אָנטייל אין אָט די געשפּרעכן, און דאָס האָט, ווייזט אויס, זיי נאָך מער דערצאָרנט.

אין די מאָנטיקס פלעגט מען מער רויכערן ווי אַרבעטן. אַלע ווײַלע פלעגט מען זיך צוזעצן אויף אַ ליגנדיקן בוים און רויכערן אָדער קייען טאַבאַק. דערביי האָט מען געפירט געשפּרעכן אויף אַ גאַר הויכער אָקטאַווע. אַזוי ווי איך רויכער ניט, און זיצן און שווייגן איז געווען שלעכט, פלעג איך מיר בעסער אַוועק צו די בוימער. דאָ האָט אויף מיר קיינער ניט געקוקט קרום און איך האָב זיך געפילט הימלעכער.

אַ משל מיט אַן איבערגעפלאַנצטן בוים

לאָמיר זיך איצט אויף אַ ווײַלע אומקערן צוריק אין לאָנדאָן, ענגלאַנד. איידער איך האָב פאַרלאָזן ענגלאַנד צו פאָרן קיין קאַנאַדע, האָב איך זיך דאָרט באַקענט מיט אַ פיינעם אינטעליגענטן יונגן מאַן. (י. ל. פּיין; שפּעטער געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס"). ער איז געווען אַן אַגענט פון אַ גרויסער שיפס־געזעלשאַפט, און מיר אַלע האָבן באַ אים געקויפט אונזערע שיפסקאַרטעס.

נאָך אַ טאָג אַרבעט אין שאַפּ, פון שניידן פעלבלעך אין שמוץ און אין שטויב, איז געווען מיין גרעסטער פאַרגעניגן צו פאַרברענגען מיט אָט־דעם יונגנמאַן. ער איז, ווייזט אויס, ניט געווען קיין מיליאָנער, און איך, אַ שאַפּ־אַרבעטער, זיכער ניט, און מיר האָבן ביידע גאַנץ אָפט ניט געהאַט אַפילו פאַר וואָס צו גיין אין טעאַטער. פלעגן מיר הרג'ענען די צייט באַ אים אין צימער. ביכער האָט ער געהאַט אַ סך, פלעגן מיר לייענען און דיסקוסירן.

איינמאָל האָבן מיר גערייעדט עפּעס וועגן דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע און ווי שווער עס איז אָנגעקומען די ערשטע אימיגראַנטן איינצולעבן זיך אין די קאָלאָניעס. זאָגט ער צו מיר: „ווייסט איר, פריינט אוסישקין, אַז איר, מיט אייער פאָרן קיין קאַנאַדע צו באַזעצן זיך אין דער ווילדערניש, ריזיקירט ניט ווייניקער פון די אַמאָליקע קאָלאָניסטן. און איך וואָלט טאַקע אייך ניט געראַטן צו פאָרן קיין קאַנאַדע. איך בין זיכער, אַז איר וועט דאָרט זייער פיל ליידן און איר וועט ניט ווייניקער צרות האָבן ווי די

אמאַליקע קאַלאַניסטן אין אמעריקע. איר וועט האָבן גענוג צו באַשרייבן פון אייער האַמסטעד לעבן, אין קאַנאַדע".

מיין טענה איז געווען, אַז קענען די אַמאַליקע צייטן לעבן מיר דאָך איצט אין אַ ציוויליזירטער וועלט.

„איר וועט מיך אַמאָל דערמאָנען", זאָגט ער מיר ווייטער. „וואָס דאַרפן מיר בעסער — נעמט אַ בוים פון איין לאַנד און פּרובירט עס איבער־זעצן אין אַן אנדער לאַנד מיט אַן אנדער קלימאַט, וועט איר זען וואָס פון דעם בוים וועט ווערן. אויב דאָס איז נאָך אַ יונגער בוים, וועט ער זיך ווי עס איז מיט מאַטערניש איינוואַקסן, אָבער פאַר אַן עלטערן בוים — וועט איינער פון צען האָבן אַ שאַנס איינצוואַוואַקסן זיך".

אין אָט דעם געשפּרעך האָב איך זיך דערמאָנט איצט, ווען איך בין געשטאַנען איינער אליין לעבן אַ גרויסן בוים, און מיינע מיטהעלפער פון דער ווייטן זיינען געווען פאַרטיפט אין אַ הויכן געשפּרעך און „הויך־ליטעראַ־רישע" פּערל האָבן געשטראָמט פון זייערע מיילער. איך האָב געטראַכט וועגן דעם ענין פון איבערפלאַנצן אַ בוים.

אַ געשלעג אין וואַלד

פּלוצלינג דערהער איך גוואַלדיקע קולות פון יענער זייט, וואו די פיר אַרבעטער זיינען געזעסן. איך כאַפּ אַ קוק און — אוי וויי, אַ צרה! צוויי פון זיי שטייען מיט אונטערגעהאַקטע אויגן און דער דריטער רייסט באַם פערטן די האָר פון האַנט און יענער לאָזט זי ניט אַרויס. איך האָב זיך גלייך אַ לאָז געטאָן העלפן פאַנאַנדערנעמען זיי, ווען איינער פון זיי האָט צו מיר אַ געשריי געטאָן מיטן גאַנצן כוח, אַז איך זאָל גלייך אַוועק אַהיים, אַניט איז מיין לעבן ניט ווערט קיין ציבעלע.

נאָך אָט דער געשעעניש האָט מען מיך אַריבערגעפירט אויף אַן אַנדע־אַרבעט. איך האָב געדאַרפט מיט אַ לאָפּעטע אויסגלייכן די בערגלעך אָנגע־שאָטענע ערד אויפן מיטן וועג, אַזוי אַז ס'זאָל אַרויסקומען גלאַטער און שענער.

דער מענעדזשער פון דער קאָמפּאַני — אַ נידעריקער אין וואוקס מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויפן פּנים — איז געווען זייער אַ פּינקטלעכער און האָט געוואָלט, אַז באַ דער אַרבעט זאָל אַלץ זיין ווי אַ זייגער: ניט געאיילט, אָבער אויך ניט שטיין אויף אַן אָרט. ער האָט מיר קיינמאָל מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט וואָס איך דאַרף טאָן מיט דער לאָפּעטע אויפן וועג. ער האָט געהאַלטן, אַז פאַר אַן אַרבעטער זיינען הענט ווייניק; ער דאַרף אויך האָבן אַ קאָפּ.

איך האָב מיך ניט געקענט דערטראַכטן מיט וואָס איך האָב באַ אים נושא חן געווען און פאַרוואָס ער האָט מיך אַזוי אָפּגעהיט. איך האָב אויך ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען האָט מיר געגעבן די אַרבעט. איך האָב

דעם אינצידענט פון דעם געשלעג ניט גענומען זייער ערנסט. עס איז מיר ניט געווען קיין נייעס צו זען, אז נאָך א כוס'ע זאָל מען זיך צעפּאַטשן און דערנאָך ווידער בלייבן זייער גוטע פריינט.

איך האָב אָבער אויף מיין נייעם דזשאָב קיין האָניק נישט געלעקט. איך האָב דאָ, צווישן די טימסטערס, וואָס טרייבן די פערד און פירן די לויזע ערד אויפן וועג, זיך אָנגעשלאָגן אָן איינעם א יונגן מענטשן, וואָס האָט געלעבט שלעכט מיט אלע ארבעטער בכלל און מיט מיר בפרט. ער האָט געהאַט געלע האָר און זייער שלעכטע אויגן, און איז קיינמאָל צו קיינעם ניט געווען פריינטלעך, א חוץ צו זיינע צוויי גרויסע און שטאַרקע אייזלען. ער האָט מיט זיי שטאָלצירט, אז זיי זיינען שטאַרקער פון אלע פערד וואָס ארבעטן דאָ אויפן וועג און אז פאַר זיינע אייזלען איז ניטאָ אזא זאך ווי צו שווער.

אָט דער יונגערמאַן האָט אַלעמאָל געזוכט, אז ווען איך בין איינגעבויגן, אויסגלייכנדיק די בערגלעך ערד אויפן וועג, זאָל ער ארויפטרייבן זיינע אייזלען, זיי זאָלן מיר אָנטרעטן אויף א פוס, פון וואָס איך וואָלט זיכער דערזען די שטערן אין מיטן העלן טאָג.

איך האָב זיך דאָרט אָבער אויך באַפריינדעט מיט איינעם אן עלטערן טימסטער, וועלכער איז געווען א הייסער חסיד פון ראָבערט אינגערסאָל, וועמען ער האָט פערזענלעך געקענט און וועמען ער האָט היים געליבט פאַר זיינע דרייסטע ארויסטריטן קעגן די פאַלשע פרומאַקעס. ער האָט געלייענט אינגערסאָלס ביכער מיטן גרעסטן אינטערעס.

איך האָב זיך אויך באַפריינדעט מיטן קוכער פון קעמפּ, וועלכער איז בטבע געווען א שטילער מענטש און א גוטער, און דערצו אויך א ליידנ־שאַפטלעכער לייענער. ער האָט מיר געוויזן זיין קאָלעקציע ביכער וואָס ער האָט מיט זיך אין קעמפּ, און איך האָב איינגעזען, אז צווישן דערנער רייסט זיך אמאָל ארויס א בלום צום הימל. אָט די צוויי מענטשן, וועלכע זיינען אויך צווישן זיך געווען באַפריינדעט, האָבן מיך אָפּגעהיט ווי די אויג אין קאָפּ — פון וואָס איך האָב זיך דערוואוסט ערשט מיט א צייט שפּעטער.

איינמאָל אין א מאָנטיק האָט טאַקע פּאַסירט, אז אָט דער געלער טרייבער האָט זיך אזוי פיל געקליגט, ביז ער האָט טאַקע געפונען די געלע־גנהייט, ווען איך בין געווען פאַרנומען מיט אויסגלייכן א בערגל ערד, ארויפצוטרייבן אויף מיר זיינע אייזלען. עס איז גלייך געוואָרן א טומל צווישן אלע טרייבער. איך בין צופעליק ארויס ניט באַשעדיקט, אָבער עס האָט זיך צווישן אונז צעפלאַקערט א מלחמה אויף לעבן און טויט. דער מענעדזשער איז אָנגעקומען און האָט געמאַכט צווישן אונז א פּשרה, אז דער געלער טרייבער זאָל זיך גיין אין קעמפּ אריין און גוט אויסשלאָפן זיך ביז מאָרגן. דערצו האָט ער אים געוואָרנט, אז אויב ער וועט ווידער זוכן צו „מאַכן טראָבל", וועט ער אים אינגאַנצן אָוועקשיקן.

מיט דעם האָבן זיך אָבער די צרות ניט געענדיקט. ער האָט אויך ווייטער געטאָן דאָס זייניקע. אמת, איך האָב זיך שוין אויסגעלערנט ווי צו היטן זיך. עס איז אָבער געווען ניט גאָר פון די לייכטסטע זאַכן צו אַרבעטן אין די ברענענדיקסטע היצן, ווען מען איז דורכגעווייקט מיט שווייס און שטויב און מען דאַרף נאָך היטן זיך ניט צו צעטראָטן ווערן פון אייזלען.

איינמאָל אין א מאָנטיק, ווען עס האָבן אויסגעפעלט אַרבעטער, האָט מען אַריינגענומען נאָך א אידישן פאַרמער צו דער אַרבעט. דער איד ישראל'יק גאָלדין, איז שוין היינט אין שיקאַגאָ. אַז ער וועט לייענען די שורות וועט ער זיך דערמאָנען אויפן וועג צווישן וואָלפּאָוויטש און שאַליטס פּאַרק. ישראל'יק איז געווען א געבוירענער קאָמיקער און אַז ער פּלעגט עפּעס דערציילן א מעשה, פלעגט זיך אָפּשטעלן די גאַנצע קאָמפּאַניע אַרבעטער און מען פלעגט קייכן פון געלעכטער. אָט דער איד איז באַלד געוואָרן אַלעמענס ליבלינג, א חוץ פון דעם געלן טרייבער. דעם געלן אַנטי־סעמיט איז שוין איצט געוואָרן שווערער דאָס לעבן. ישראל'יק האָט אין איינער פון זיינע מעשה'לעך געגעבן אָנצוהערן, אַז אַזאַ נפש ווי דעם געלן דאַרף מען דערלאַנגען מיט דער לאָפּעטע אין קאָפּ, און אַלע האָבן צו דעם צוגעשטימט.

איך האָב געענטפערט, אַז איך בין פון דער נאַטור ניט קיין שלעגער און אַז איך בין געקומען אַהער אַרבעטן און ניט שלאָגן זיך. איך האָב זיי דערקלערט, אַז איך קען בכלל ניט פאַרשטיין פאַרוואָס מענטשן דאַרפן זיך שלאָגן, ווען עס איז א סך גרינגער צו לעבן צווישן זיך בשלום. די אַנדערע אַרבעטער האָבן עס אָבער ניט געקענט פאַרשטיין. זיי האָבן גע'טענה'ט, אַז ווען ס'מאַכט זיך, אַז איך דאַרף עמיצן געבן א פּלעם אין די אויגן, דאַרף איך דאָס קענען טאָן. ערשט דאַן וועט דער שלעגער קריגן רעספּעקט פאַר מיר. אָט דער אַרגומענט איז דעם געלן אַריין אין נאָז און ער איז שוין דעם קומענדיקן מאָנטיק מער ניט געקומען צו דער אַרבעט.

נאָכדעם ווי דער געלער איז שוין מער ניט געקומען אַרבעטן, האָבן אַלע פרייער אָפּגעאָטעמט. מענטשן וואָס זיינען פאַרשטעקט אין די הרי־חושך, האַלטן מלחמה מיט מאָסקיטאָס און טאָפּטשען זיך גאַנצע טעג אין טיפע בלאָטעס, האָבן ניט פאַרוואָס צו שלאָגן זיך צווישן זיך. אדרבא, עס ציט מער צו פריינטשאַפט. מען איז אַזוי ווייט פון דער ציוויליזאַציע, אַז דאָס האַלטן זיך צוזאַמען פאַרנעמט דאָס אָרט פון דער ציוויליזאַציע.

איך טויג זיך אויס צו דער אַרבעט

ווידער אַמאָל האָבן איינמאָל אין א מאָנטיק אויסגעפעלט אַרבעטער. עס איז ניט געקומען דער „סקרייפּער־מאַן", וועלכער שעפּט אָן די סקרייפּערס מיט ערד, און ס'איז אויך ניט געווען ווער ס'זאָל איבערקערן די סקרייפּערס אויפן וועג. האָט מיך דער מענעדזשער געפרעגט, צי איך וואָלט געקענט

אָנשעפּן די סקרייפּערס, און אויסלײדיקן װעלן שוין מוזן די טימסטערס אַליין. איך בין געװען אַ גרינגער אין דער אַרבעט און האָב ניט פאַרשטאַנען פאַרװאָס דער סקרייפּער־מאַן איז געװען אַ נידעריקער, מיט אַזעלכע ברייטע פּלייצעס. איך האָב אָבער געטראַכט, אַז איך װעל טאָן די אַרבעט ניט ערגער פון יענעם, און בפרט נאָך װען איך האָב געדאַרפט אַרבעטן ניט מער װי אַ האַלבן טאָג. איך האָב אָבער ניט אויסגערעכנט, אַז װען מען האָט װייט צו פירן די ערד, האָט דער סקרייפּער־מאַן גענוג צייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. דאָ איז אָבער געװען זייער אַ קורצער שטיקל װעג, און איך האָב געדאַרפט אַרבעטן כסדר אָן דער מעגלעכקייט אָפּצורוען זיך.

איך האָב אָפּגעאַרבעט מיין צייט, כאָטש איך האָב געפילט, אַז איך בין טויט־מיד. איך האָב זיך ניט אונטערגעגעבן. און אַט דער האַלבער טאָג אַרבעט האָט מיך געמאַכט פּאָפּולער צװישן די אַרבעטער.

איך האָב דאַן שוין אויך אויסגעפונען דעם סוד פון נידעריקן װאוקס און ברייטע פּלייצעס. דער נידעריקער װאוקס פּאָדערט זיך בײַ אַזאַ אַרבעט צוליב דעם, אַז דער אַרבעטער זאָל זיך ניט דאַרפן צופיל בויגן צו דער ערד, און די ברייטע פּלייצעס זיינען נויטיק דערפאַר, װייל עס פּאָדערט זיך זייער אָפּט די גאַנצע שװערקייט פון דעם מענטשן אויף אָנצוהענגען זיך אויף די הענטלעך פונעם סקרייפּער, אַז עס זאָל זיך ניט איבערקערן. אָבער װען מען כאַפּט דעם שניט װי אַזוי אָנצוהאַלטן דעם גלייכגעװיכט, קען דאָס יעדער מענטש טאָן.

דער מענעדזשער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַרבעטנדיק מיט זעקס טימס אויף איין פּלאַץ, איז אַפילו פאַר אַ געניטן אַרבעטער זייער שװער. האָט ער מיר דערפאַר גאַנצע דריי טעג נאָכאַנאַנד געגעבן אַלץ גרינגע אַרבעט, און דאָס האָט מיך פּשוט געשטעלט אויף די פיס.

בײַ די אַרבעטער איז מיין פּאָפּולאַריטעט געשטיגן דערפאַר, װייל װאָס פאַר אַן אַרבעט מען גיט מיר, זאָג איך זיך פון איר ניט אָפּ, און איך טו דאָס גוט.

אַזוי איז זיך די צייט געלאָפן אומבאַמערקט, איין טאָג ענלעך צום צװייטן. באַטאָג די זעלבע ברענענדיקע היצן. אַלע װײַלע מוז מען זיך אָפּשטעלן און לאָזן די פערד כאַפּן דעם אָטעם. אָט דאָס שטומע באַשעפעניש קען פאַלן אין דער אַרבעט, אויב מען זאָל דאָס ניט אָפּהיטן. אין אָװנט — די זעלבע מלחמה מיט די מאָסקיטאָס, מיליאַרדן מאָסקיטאָס, מיט װעלכע די לופט איז פול. בײַ דער אַרבעט קומען פאָר אַלע טאָג איינע און די זעלבע געשפּרעכן; בײַ דעם עסן דאָס אייגענע — בלויז די פויגלען האָבן יעדעס מאָל געזונגען אַנדערש. קיינע ראַדיאָס זיינען דעמאָלט ניט געװען. די װעלט־נייעס זיינען אויך ניט געװען אַזוי געשפּאַנט װי איצט. צייטונגען פלעגן מיר באַקומען איינמאָל אין אַ װאָך און װען דער װעג

איז שלעכט — איז איין מאָל אין צוויי און דריי וואָכן. האָט מען געאַרבעט און געלעבט ווי גאָט האָט געבאָטן.

גאָר פרייליך און לעבעדיק איז געווען בא די אידנבערידזשער אידישע מיטינגען. דאָרט, בא די מיטינגען האָט שוין דער קאָפּ נישט גערוט. אַ קליי־ניקייט — מענטשן לעבן אין דער ווילדערניש, זיי זעען ניט די וועלט, און די וועלט זעט זיי זיכער ניט, מוזן זיי דאָך שאַפן כאָטש אַ שטיקל אייגענע ציוויליזאַציע. דערויף זיינען מיר דאָך אַלע געקומענע פון די גרויסע שטעט. אָט דעריבער זיינען אונזערע מיטינגען געווען פול מיט לעבן.

איך באַגעגן זיך מיט „ראָבערט אינגערסאָל"

ויהי היום, מאַכט זיך אַז איך בין געגאַנגען פון אַ מיטינג אַרום 2 אַזייגער נאָך אַ האַלבער נאַכט. באַם מיטינג האָט מען פאַרהאַנדלט וועגן אַ קאָאָפּעראַטיווער סטאָר אין אידנברידזש און מען האָט זיך שוין כמעט אויף אַלץ געאייניקט. מען האָט זיך בלויז ניט געקענט אייניקן וועגן דער פראַגע פון פאַרוואַלטן מיט דעם סטאָר. איין צד איז געווען פאַר זייערן אַ פאַרמער און דער צווייטער צד איז געווען דערפאַר, אַז מיין ברודער זאָל באַשטימט ווערן אַלס פאַרוואַלטער. איז די פראַגע פון פאַרוואַלטונג פאַר־בליבן ביז אַ צווייטן מיטינג.

גיי איך זיך אַזוי פאַרטראַכט אין וואַלד. גיי און שפּרינג איבער די בלאָטעס, קריך איבער די ליגנדיקע בוימער און זוך אויסצומיידן די הויכע גראָזן אין די נידעריקע פּלעצער, פון וועלכע איך בין שוין געוואָרן נאַס ביזן גאַרטל. און אַזוי שפּרינגענדיק באַגעגן איך איינעם, וואָס איז מיר געשפּרונגען אַנטקעגן. אין דער פינצטער האָבן מיר זיך צוערשט ניט דער־קענט, נאָר נאָך דעם „האַלאָו" האָב איך שוין דערקענט, אַז דאָס איז ר. א. אַזוי האָבן מיר אים פאַרקירצט פון ראָבערט אינגערסאָל, וועמענס נאָכ־פאָלגער ער איז געווען.

„פונוואַנען גייסטו אַזוי שפּעט באַנאַכט?"

„אָט געווען בא אַ באַקאַנטן צוגאַסט. אַביסל דורכגעשמועסט זיך מיט אַן אַנדער שפּראַך, ווי מען רעדט בא אונז אין קעמפּ, באַזונדערס אין די מאָנטיקס.

„ווי זשע קומט וואָס דו גייסט אויף דרום, ווען דו דאַרפסט גאָר גיין אויף צפון?" פרעג איך אים. „אָט גיי איך דאָך אויך אין קעמפּ. דו וואָלסט דאָך אַזוי געקענט פאַרקריכן ווער ווייסט וואוהין".

„ראָבערט אינגערסאָל" האָט מיר גענומען דערציילן ווי אַזוי ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד.

„ס'איז ניט מיין שולד", האָט ער געזאָגט. „די נאַכט איז געווען ניט נאָר קיין ליכטיקע. און דערצו האָט נאָך עפּעס פּאַסירט מיט דער נאַטור. די וואָלקנס האָבן זיך צערוקט, דער הימל האָט זיך אָנגעצונדן און האָט זיך

באַגאַסן מיט אַלע זיבעציק פּאַרבן. די צפון־ליכט האָט זיך צעשפּילט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך מיטן גאַנצן וואַלד האָבן זיך צעוויגט ביז אין די הימלען אַריין, איך בין געבליבן שטיין ווי פאַר׳כשופ׳ט. עס איז געוואָרן אַזוי ליכטיק, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער אַרום באַדט זיך אין ליכט. און צוליב דער ליכט טאַקע האָב איך דערזען ווי אויס־צומיידן יענע טיפע בלאָטע וואָס ציט זיך דורך שאַליטס פאַרם, וואָס איך וואָלט עס אין דער פינצטער ניט געזען. האָב איך זיך אַ קער געטאָן רעכטס און האָב אויפגעוועקט אַ מחנה יונגע לאַשיקלעך מיט גלעקלעך אויפן האַלז. האָבן זיי זיך אַ הויב געטאָן און זיינען אַוועק אין וואַלד, און איך נאָך זיי. איך האָב געוואוסט, אַז די היי־געבאָרענע חיות זיינען דאָ געניטער אין וואַלד, ווי מיר מענטשן, און זיי וועלן אַלעמאָל אויסמיידן טיפע בלאָטעס. איז אָט דער קלונג פון זייערע גלעקער האָט מיך געבראַכט אַהער״.

גייען מיר אַזוי צום קעמפּ, נאַסע ווי די רוחות פונעם טוי וואָס איז געלעגן אויף די גראָז. מיטאַמאָל שטעלט ער זיך אָפּ און לאַדט מיך איין צוזעצן זיך לעבן אים אויף אַ גראָבן אָפּגעהאַקטן בוים. ער האָט מיר עפּעס צו דערציילן. איך זע, אַז עס קומט אים אָן שווער אָנצוהויבן צו ריידן. נאָך אַביסל צייט פון קווענקלען זיך, שטעלט ער זיך אַוועק, נעמט מיך אָן באַם לאַץ פון מיין סוועטער (אונזער יום־טוב׳דיקער בגד אין די זומערדיקע נעכט) און נעמט דערציילן וועגן יענער פּאַסירונג אין וואַלד, ווען די העקער האָבן זיך צעשלאָגן און איינער האָט באַם צווייטן געריסן אַ 6־פונטיקע האַק פון האַנט. ער דערציילט, אַז ווען איך וואָלט זיך דעמאָלט אונטערגערוקט צו זיי, איז מיין גאַנץ לעבן געהאַנגען אויף אַ האָר, ווייל יענער יונג האָט זיך עס געריסן צו מיר מיט דער האַק. איך האָב אים דערקלערט, אַז איך האָב ניט געוואוסט וועגן דעם און איך האָב זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אימיצער פון זיי זאָל מיר וועלן טאָן שלעכטס.

פון דער באַגעגעניש האָב איך געלערנט, אַז מען מוז צוקוקן זיך צו יעדער פּאַסירונג אין לעבן מיט מער ערנסט, און אַז ניט אַלעמאָל טרעפן זיך נסים, אַז ווען איינער וויל דיך אָנגרייפן זאָל זיך גלייך געפינען אַ פאַר־טיידיקער.

דאָך איז מיר די זאַך אויסגעקומען אַביסל איבערגעטריבן. איך האָב ניט געקענט גלויבן, אַז מענטשן וועלכע לעבן אונטער די זעלבע אומשטענדן און ליידן פון די זעלבע צרות, זאָלן זיין שונאים איינע די אַנדערע. ווי איך האָב זיך אָבער שפּעטער דערוואוסט פון נאָך אַנדערע קוואַלן איז עס טאַקע געווען אמת. ער האָט מיך טאַקע געוואָלט אָנגרייפן מיט דער האַק. ער האָט דאָס אָבער געטאָן ניט דערפאַר, ווייל ער איז מיר געווען אַ שונא, נאָר דערפאַר ווייל ער האָט צופיל געליטן פון אונזער געמיינזאַמען שונא — די שווערע לעבנס־באַדינגונגען — און איך בין דורך אַ צופאַל שיר ניט געוואָרן זיין קרבן.

אַ שטורעם אין וואַלד

ויהי היום — מאַכט זיך מיר איינמאָל אַ לייִדיקער זונטיק, אָן מיטינגען און באַגעגענישן, וואָס דאָס איז אין אידנבורידזש געווען אַ זעלטנהייט. מיר פלעגן עס רופן אַ טרוקענער טאָג. האָב איך זיך ראשית גענומען אביסל אַרומוואַשן פון אַ גאַנצער וואָך שטויב. קיין באָד־צימער האָט פון אונז קיינער ניט געהאַט (און האָט עס נאָך איצט אויך ניט) און מיין „באָד" איז באַשטאַנען פון אַ קליין שיסעלע וואַסער פון אַ דערבייאיקער בלאָטע, וואָס איז געווען טונקל און געדיכט מיט קליינע ווערימלעך. די גרעסערע ווערים פלעגן מיר ווי עס איז אַרויסנאַרן דורך אַ טיכל. איך האָב זיך אויך אָנגעטאָן דעם לוקסוס פון אָנטאָן פרישע וועש, וועלכע איז אויך געוואַשן געוואָרן אין דער זעלבער געדיכטער בלאָטע.

עס איז געווען אַ הייסער טאָג און די זון האָט געשטאָכן ווי מיט הייסע שפּיזן. מיר האָבן זיך געריכט אויף אַ שטורעם. און אַזוי ווי איך האָב געהאַט אַ היבש פּעקל צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס ס'האָט זיך מיר אָנגע־קליבן פאַר אַ לענגערער צייט, האָב איך זיך אויסגעלייגט אויפן דיל (אונזער פאַרמערישער טשעסטערפילד) און האָב גענומען באמת הנאה האָבן פון דעם רו־טאָג.

איך האָב גאָרנישט באַמערקט, ווי דער טאָג האָט זיך בא מיר אַרויסגע־גליטשט פון אונטער די הענט. איך כאַפּ זיך אויף פון דיל און — אוי, אַ צרה! געסט שטראָמען, גאַנצע מיליאָנען: די מאָסקיטאָס שטופּן זיך גלייך אין דער טיר אריין. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז באַלד וועט אויסברעכן אַ שטורעם. איך האָב קוים צייט געהאַט אויסצוראַמען די שטוב מיט אָנגעצונ־דענע שטיקלעך פּאַפּיר און גרינע גראָז און אַזוי אַרום אַרויס־פּטור'ן די ניט־געבעטענע געסט, און איך הער, אַז דער וואַלד אַרום מיין פּאַלאַץ וויגט זיך שוין. די בלעטער מאַכן אַ גוואַלד און ווילן זיך ניט לאָזן אַראָפּרייסן פון די צווייגן. דער ווינט, דער גזלן, שווינט קיינעם ניט. ער בויגט און ברעכט די ביימער און קערט זיי איבער. איך פּיל, אַז ווען נישט די ביימער אַרום הויז, וואָלט איך שוין געשטאַנען אונטערן פרייען הימל און מיין פּאַלאַץ וואָלט שוין געלעגן אָן איבערגעקערטער.

מיטאמאָל האָט מיר א סמאַליע געטאָן פאַר די אויגן און עס האָט זיך דערהערט א מורא'דיקער קראַך. איך האָב געמיינט, אז דער גאַנצער וואַלד איז צעקנאַקט געוואָרן. באַלד נאָכדעם איז געקומען דער מבול. עס האָט אזוי שטאַרק געגאָסן, אז איך האָב ניט געקענט אריינגעמען אביסל האָלץ אין הויז, מאַכן פייער און מאַכן זיך עפּעס צו עסן. איך האָב אָבער געדאַנקט דעם בורא וואָס דער דאַך ברעכט זיך ניט איין און לאָזט ניט אריין דעם מבול אין הויז.

מיינע פאַר לעכער אין וואַנט, וואָס האָבן געדינט אלס פענצטער, האָבן אַלע ווײַלע אריינגעלאָזט אביסל ליכט, און באַלד האָב איך דערפילט, אז די נאַטור בייזערט זיך מיט שרעקלעכע דונערן. דאָס לעמפּל האָב איך מורא געהאַט אָנצוצינדן, ווייל דורך די פענצטער און דער טיר האָט אריינגע־שפּריצט דער רעגן און די גלאָז פון לאָמפּ האָט געקענט דערפון פּלאַצן, און ביז איך וואָלט געקראָגן א נייע גלאָז וואָלט גענומען וואָכן.

אַ פיר־פיסיקער גאַסט

זיץ איך אזוי און וואַרט ביז עס וועט שטיל ווערן. אין הויז איז פינצ־טער, הונגעריק בין איך, און שלאָפן קען איך ניט גיין, ווייל ווען מען לייגט זיך שלאָפן א ניט־געגעסענער, שטייט מען אויף א ניט־אויסגעשלאָפענער. קיין נאָענטע שכנים האָב איך ניט געהאַט. אייזיק, מיין נאָענטסטער שכן, האָט געוואוינט ארום א מייל ווייט פון מיר, און איך האָב גאָר ניט געקענט אפילו טראַכטן צו גיין צו אים אין אזא שטורעם.

מיטאמאָל דאַכט זיך מיר, אז עפּעס אָדער אימיצער קראַצט אין טיר. א מענטש? ס'קען ניט זיין, ווייל ער וואָלט אין אזא וועטער ניט געקראַצט אין טיר, נאָר גלייך אריינגעלאָפן. ווילדע חיות? וואָס זשע ווייסן זיי פון א טיר?

איך עפן אויף די טיר און ס'לאָזט זיך אריין אימיצער אויף פיר פיס, א נאַסער ווי א רוח. מיין שוועבעלע האָט ניט געברענט אזוי לאַנג, אז איך זאָל קענען אייַנזען וואָס דאָס איז פאַר א חיה, אָבער נאָכן קלאַפּן מיטן עק אָן דיל, האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אז דאָס איז א היימישע חיה. בא מיין צווייטער שוועבעלע האָב איך שוין דערזען, אז דאָס איז קאַלע, מיין שכן אייזיקס הונט, וועלכן ער פלעגט שיקן ברענגען די קי אהיים, וואָס פּיטערן זיך אין גרויסן וואַלד.

איך האָב צוליב מיין גאַסט געמוזט אָנצינדן דעם לאָמפּ און געבן אים איבערכאַפּן דאָס האַרץ. איך האָב שוין דאַן אַליין אויך עפּעס געכאַפּט א ביים. דער הונט איז אָבער ניט געבליבן שטיל. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין דרייען, אונטערשפּרינגען און מאַכן פאַרשיידענע קונצן: ער האָט מיר עפּעס געוואָלט איבערגעבן אויף זיין לשון, וועלכן איך האָב ניט גוט פאַרשטאַנען. עס זיינען מיר געקראָכן אין קאָפּ פאַרשיידענע געדאַנקען: טאָמער עפּעס א סיבה בא זיינע באַלעבאַטים און מ'האָט אים געשיקט נאָך

מיר; טאָמער איז אימיצער ניט געזונט און מען מוז אים העלפֿן. אין אַזאַ ריזיקן וואַלד, וואו אַ דאָקטאָר איז אַזוי שווער צו קריגן, איז אַ פּראָסטער שכן אויך אַ טרייסט.

עס איז מיר אָבער אריין אַ געדאַנק, אַז אפשר וויל מיר דער הונט פּשוט באַדאַנקען פאַר דעם וואָס איך האָב אים אריינגעלאָזט אין הויז, און איך האָב אים אַ גלעט געטאָן באַם קאָפּ און אָנגערופן באַם נאָמען — קאָלע! דאַן האָט זיך דער הונט באַרואיקט און האָט זיך אונטערגערוקט אונטער מיין בעטל — דער איינציקער פּלאַץ פאַר אים, וואו ער זאָל זיך ניט פּלאָנטערן אונטער די פיס.

דער שטורעם האָט זיך ווייזט אויס אביסל איינגעמאַטערט און איז געוואָרן שטילער. אַזוי ווי איך האָב גאַנץ פרי געדאַרפט זיין באַ דער אַרבעט, און האָב געהאַט צו גיין אַרום דריי מייל, — וועלכע זיינען געווען נאָך לענגער צוליב דעם רעגן — האָב איך געצילט אויפצושטיין פיר אַזייגער פאַרטאָג, און אַזוי טראַכטנדיק בין איך איינגעשלאָפן.

אַרום דריי אַזייגער האָב איך דערפילט, אַז איך דאַרף זיך איבערקערן אויף דער צווייטער זייט, כדי צו שלאָפן געשמאַקער די לעצטע שטונדע. אָבער פונקט דעמאָלט האָט זיך דער הונט אונטערן בעט צעבורטשעט. ער האָט דערפילט אימיצן אָנקומען. באַלד האָט ער אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ האַווקעריי.

איך דערהער ווי מענטשן ריידן. דעם הונט האָב איך געהייסן שווייגן און איך הער זיך צו. הער איך, ווי איינער זאָגט צום צווייטן: „דו גיי אריין און וועק אים אויף, און איך וועל דאָ וואַרטן".

עס לאָזט זיך אריין אַ מענטש, הויך ביז דער סטעליע, און מיין כלב האָט אים געוואָלט איינשלינגען, ווען איך באַרואיק אים ניט. דאָס איז געווען מיינער אַ שכן, וועלכער האָט געוואוינט פיר מייל ווייט פון מיר. ער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט אויפן זעלבן וועג וואוהין איך האָב געדאַרפט גיין, איז ער פאַראיינס געקומען מיך אויפוועקן. און איך האָב שוין געמוזט אויפשטיין.

„קום, זאָגט ער. מאַך עס געשווינדער. מיר דאַרפן נאָך אָנשפּאַרן אין קעמפּ צו פרישטיק. און טו זיך אָן, אויב דו האָסט לאַנגע שטיוול. די גראָז נאָכן רעגן איז זייער נאַס".

ער רעדט צו מיר וועגן לאַנגע שטיוול און איך האָב כמעט קיין קורצע שטיוול אויך ניט.

„אַגב", זאָג איך, „האָבן מיינע שיך פאַר נעץ קיין מורא ניט. ס'איז אין זיי דאָ געננוג לעכער. ווען די בלאָטע גייט אריין אין איין לאָך, גייט עס אַרויס פון דריי אַנדערע".

אין קעמפּ איז געווען אויף ניט מער ווי דער קוכער. די אַרבעטער זיינען נאָך געשלאָפן און מיר האָבן אריינגעכאַפּט אַ רואיקן, ניט-געאײלטן

פרישטיק מיט הנאה. דער קוכער, וועלכער האָט אויך אליין דערלאַנגט צום טיש, איז מיט אונז געווען זייער צופרידן. ווען אַלע שפּאַרן זיך אָן מיט אַמאָל און אַלע ווילן זייער ביסל עסן וואָס פריער, איז אים אביסל צו־שווער. און פון דאַן אָן האָבן מיר טאַקע אויסגעקעמפּט אַ שטיקל פּריווילעגיע פאַרן קוכער, אַז איינער פון די ארבעטער זאָל אים אַלע מאָל העלפן דער־לאַנגען צום טיש און אָט דער ארבעטער זאָל ארבעטן ניט מער ווי זעקס שטונדן אַ טאָג.

אַ פאַרמער דערציילט
אַ וואונדערלעכע געשיכטע

אזוי ווי נאָכן רעגן האָט זיך די לופט אָפּגעקילט, איז די ארבעט ממש געפלויגן אונטער די הענט. די ביימער זיינען פון דער ערד געשפּרונגען ווי די יונגע לעמער, און מיר האָבן זיך פון אונזער צווייטער קאָמפּאַניע פון די ארבעטער מיט די פערד אָפּגערוקט אויף אַ היבשן מהלך. איך האָב שוין דאַן ווידער געארבעט מיט דער האַק אין האַנט, מיט דער קאָמפּאַניע, וואָס האָט אויסגעהאַקט די ביימער לענגאויס דעם וועג.

שטייענדיק אזוי פאַרארבעט לעבן אַ שווערן בוים און דערפיל ווי אימיצער שלעפּט מיך פאַרן ארבל — ערשט מיין אמאָליקער מיטארבעטער פ. שטייט אַן אויסגעפּוצטער אין עסיק און אין האָניק, ממש ניט צו דערקענען זיין אמאָליקן זויערן פּנים. ער רופט מיך מיטן האנט אָן ווערטער און ווייזט מיר אַ פּלאַץ, וואו מיר קענען זיך צוזעצן. און צייט האָבן מיר דאָך געהאַט גענוג ביז די ארבעטער מיט די פערד וועלן צוקומען; האָב איך אים געפאָלגט.

זיצן מיר ביידע און שווייגן: עפּעס איז אים שווער געווען אָנהויבן צו ריידן, און איך זע, אז בײַ דעם מענטשן קאָכט עפּעס אין הארצן אַ גאַנצער וואולקאַן. איך האָב אפילו געהאַט דעם געפיל, אז אויב דער מענטש הויבט באַלד ניט אָן צו ריידן, פּלאַצט ער ארויס אין אַ געוויין. און אזוי איז טאַקע געווען. ער האָט אָנגעכאַפּט מיין האַנט אין זיינער און האָט עס געדריקט מיט אזאַ ליבלעכער ווארעמקייט, אז ס'האָט מיך צוגע־צויגן צו אים ווי אַ מאַגנעט, און ער האָט זיך צעכליפּעט ווי א קינד. איך געדענק ניט, צי איך האָב נאָך אמאָל געזען אזאַ הויכן און שטאַרקן מענטשן וויינענדיק מיט אזעלכע הייסע טרערן.

איך האָב שוין ניט אויסגעהאַלטן און האָב זיך צעשריען אויף אים, אַז ער זאָל אויפהערן וויינען, אַניט גיי איך אַוועק פון דאַנען. מיינע ווערטער האָבן אים, ווייזט אויס, אַביסל געהאָלפן און ער האָט ארויסגעפּלאַצט:

„גוט, איך וועל אויפהערן וויינען, אָבער מיר איז פון דעם אַביסל

גרינגער געוואָרן. און איצט וועל איך פאַר דיר עפענען מיין האַרץ און דו וועסט אפשר שוין מער ניט האַלטן מיך פאַר אַזאַ בעסטיע, ווי איך האָב זיך אַרויסגעוויזן אין יענעם מאָמענט, ווען מיין בעכער מיט ביטערניש האָט זיך איבערגעגאָסן איבער די ברעגן.

„געדאַרפט האָב איך אָנהויבן דערציילן פון דער צייט, ווען איך בין נאָך געווען אַ דריי־יאָריק קינד; אָבער מיר האָבן ביידע קיין צייט ניט דערצו. דו ביסט אַן אַרבעטער און דיין צייט איז פאַרקויפט, און איך פאָר באַלד אַוועק אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אָבער דאָך וועל איך פאַר דיר דערציילן אַ טייל פון מיין לעבנס־געשיכטע, וועסטו שוין אַליין וויסן נאָך וואָס איך פאָר אַהין".

נאָך אַ פּאָר מינוט טראַכטן האָט ער אָנגעהויבן דערציילן:

„געקומען זיינען מיר אַהער, איך און מיין ברודער, פון אירלאַנד. צוויי יונגע שטאַרקע בחורים זיינען מיר געווען. אין דער היים האָבן מיר איבער־געלאָזט אונזערע עלטערן, ניט קיין שטאַרקע מענטשן. זיי האָבן שוין ניט געקענט אַרבעטן שווער. האָבן מיר גערעכנט, אַז מיר וועלן זיך דאָ אַביסל איינאָרדענען, וועלן מיר אונזערע עלטערן איבערנעמען אַהער און זאָלן זיי זייער וועלטל אויסלעבן מיט אונז צוזאַמען.

געפאָרן פון אירלאַנד זיינען מיר אַ קאָמפּאַניע פון צוועלף משפחות, און קומענדיק אין קאַנאַדע האָבן מיר זיך צעשפּרייט איבער דער ווילדערניש, אַז מיר האָבן זיך שוין איינע די אַנדערע ניט געקענט געפינען. יעדערער האָט זיך באַזעצט אויף זיין שטיק וואַלד, נאָר איך און מיין ברודער האָבן זיך באַזעצט אויף איין האַלבן סעקשאָן לאַנד. קעגן אונז, איבערן וועג, האָט געוואוינט אַ פּאָר פאָלק, שוין אַריבער די פופציקער, מיט אַ יונגער אַדאָפּטירטער טאָכטער, אַרום 16 יאָר אַלט — אַ בילד שיינע מיידל.

„מיר, איך און מיין ברודער, האָבן די ערשטע עטלעכע יאָר זייער שווער געאַרבעט ביז מיר האָבן זיך אַרויסגעאַרבעט אַזוי ווייט, אַז מיר האָבן שוין געהאַט זיבן אָקסן פאַר פעלד־אַרבעט און עטלעכע בהמות, וועלכע מיר האָבן געמאָלקן און פאַרקויפט די קרים. די אונטערשטע מילך, די מאָגערע, האָבן מיר אַליין געגעסן און וואָס ס'איז איבערגעבליבן האָבן מיר אוועקגעגעבן אונזערע קעלבלעך. אמת, מיר האָבן שוין געפילט, אַז די מאָגערע עסנס שוואַכן אָפּ אונזער געזונט און מיר האָבן שוין ניט אַזוי פיל כוח צו אַרבעטן. מיר האָבן אָבער געהאַט אַ סך פּלענער אויסצופילן — אויסבויען אַ הויז ווי פאַר מענטשן און ניט וואוינען אין אַ ווינקל פון שטאַל צוזאַמען מיט די אָקסן; אַריבערברענגען אונזערע עלטערן אַהער, און כאָטש איינער פון אונז זאָל הייראַטן און אָנהויבן פירן אַ מענטשלעך לעבן. דעריבער האָבן מיר געלעבט אַזוי שפּאָרזאַם. צו אונז איז קיינמאָל ניט אַריינגעקומען ניט קיין טאַבאַק, ניט קיין אַלקאָהאָל. מיר האָבן נאָר געקליבן אַ סענט צו אַ סענט.

„איינמאָל האָב איך זיך פאַרנומען אַרויסצונעמען דאָס מיידל, דעם שכנ'ס טאָכטער, צו אַ טאַנץ. מיין ברודער האָט מיך שטאַרק צוגערעדט צו דעם. מיין ברודער איז געווען זייער אַ קלוגער און פּראַקטישער מענטש. האָט ער גע'טענה'ט, אַז צו אַלץ דאַרף זיין אַ מאָס, אַפילו צו שפּאָרזאַמקייט. אַ יונגער מענטש, האָט ער געזאָגט, איז אַלעמאָל באַרעכטיקט צו געניסן פון דער וועלט, אין וועלכער ער לעבט און אויף וועלכער ער לייגט אַוועק זיינע כוחות. איך אָבער פלעג ציטערן אַ סענט אויסצוברענגען.

„אויף מאָרגן נאָכן טאַנץ, ווען איך בין אַהיימגעגאַנגען פון פעלד מיט די אָקסן, האָב איך באַגעגנט מיין שכן און האָב אים ווי אַלעמאָל אָפּגעגעבן אַ ברייטן האַלאָ. מיין שכן האָט מיר אָבער מיט קיין וואָרט ניט געענטפערט, און עס האָט מיר אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. עס איז מיר אַריין אַ געדאַנק, אַז דער שכן האָט מסתמא ניט געוואָלט, אַז זיין טאָכטער זאָל גיין מיט מיר צו אַ טאַנץ און אַז ער האָט זיך מסתמא אָפּגערעכנט מיט איר דערפאַר. ער איז געווען אַ גרויסער כעסן און איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער שלאָגט זי אומ'רחמנות'דיק ווי אַ שטיף־פאָטער, וועלכער האָט ניט קיין פאָטערלעכע געפילן צום קינד, און איך שטעלט זיך פאָר ווי זי וויינט און קלאָגט אויף איר גורל, וואָס זי האָט ניט ווער ס'זאָל זיך פאַר איר אָננעמען. איין טרייסט האָב איך געהאַט, וואָס איך האָב געוואוסט, אַז איר פרעמדע מאַמע האָט זי ליב און אַז זי וועט זיך פאַר איר איינשטעלן.

„האָב איך זיך שוין אָביסל באַרואיקט און האָב זיך אַריינגעלאָזן אין אונזער אָקסן־קיך צוצוגרייטן עסן פאַר אונז ביידן. אַזוי פלעגן מיר שוין אַרבעטן: איך מיט דריי אָקסן פלעגן קומען פריער און מיין ברודער מיט פיר אָקסן פלעגט קומען שפּעטער און געפינען שוין פאַרטיק דעם עסן. אָבער ווען איך קום דאָס מאָל אַהיים, געפין איך שוין דאָרט מיין ברודער, וועלכער ליגט און קרעכצט. עס טוט אים וויי באַם האַרצן. איך האָב געמיינט, אַז איך פאַל אַוועק. איך האָב מיין ברודער שטאַרק ליב געהאַט. מיר זיינען בײַ אונזערע עלטערן געווען ניט מער ווי צוויי קינדער. ער איז געווען דער קלענערער און איז געווען דער ליבלינג אין הויז.

„אינמיטן עסן האַלט איך אין איין קוקן אויף מיין ברודער, ווי ער כאַפּט זיך אַלע ווײַלע באַם האַרצן, אָט ווי אַ גזלן וואָלט געשטאַנען און וואָלט געהאַלטן אין איין שטעכן מיט אַ מעסער. אָבער קיין דאָקטאָר בין איך ניט, און אַפילו ניט קיין מאַמע, וואָס וואָלט שוין באַמערקט אַ סך זאַכן פריער. ער האָט דאָך ניט געקענט קראַנק ווערן מיטאַמאָל — עס איז געווען קלאָר, אַז ער האָט שוין פון לאַנג געליטן פון עפּעס אַ קראַנקהייט. און דאָ טוט ער מיר אַ זאָג, אַז בײַ אים האָט זיך אָפּגעבראָכן אַ שטיק אייזן פון פלוג און איך זאָל מיט צוויי אָקסן צופאָרן אין שטעטל צום שמיד און פאַרריכטן דעם פלוג און פאַראייניקס אַריינגיין צום דאָקטאָר און פרעגן

אים — אפשר וועט ער קענען מיטגעבן עפּעס א מעדיציין, פון וואָס עס זאָל אים לייכטער ווערן.

„פאַרנדיק אַזוי האָב איך זיך פאַרטראַכט וועגן אונזער מזל און ווי אַזוי די רייכטימער אויף דער וועלט זיינען ניט גלייך צעטיילט. בא אונז אין דער היים האָט ניט וווּ ווייט פון אונז געוואוינט א פּריץ, וועלכער האָט אויך געהאַט צוויי זין אין אונזער עלטער — איז זיי געווען גוט ווי די וועלט. פון ארבעט האָבן זיי אינגאַנצן ניט געוואוסט. זיי זיינען אַלעמאָל געווען צוזאמען מיט זייערע עלטערן און מיט זייערע פריינט; זיי האָבן געהאַט געננוג דינסטן וואָס האָבן אויף זיי אויפגעפּאַסט; זיי האָבן געהאַט לערער, וועלכע האָבן זיי געלערנט. זיי האָבן אַלע מאָל געהאַט שיינע קליידער און ניט געוואוסט פון קיינע דאגות. פאַר זיי איז אַלעמאָל געווען לרוב פון אַלץ אין דער וועלט. זיי האָבן געהאַט א סך לאַנד, און פערד און מאַשינעריע, און מענטשן האָבן אויף זיי געארבעט. בא זיי זיינען אַלעמאָל געווען געראָטן די פעלדער. זייערע פּאַלאַצן זיינען אַלע טאָג געווען פול מיט לעבן. אַלע טאָג געסט, מיט בעלער, עסנס פון כל־טוב, מיט פערד און קאַרעטעס ארויסצופאָרן, מיט הינט צו גיין אויף יאגד און אפילו מיט אייגענע שיפלעך ארומצוויאָגן זיך איבערן פּליסיקן טייך.

„און מיר דאָ, אין קאָנטראַסט צו יענע פּריצ׳ישע קינדער — אונזער וואוינונג מיט די בהמות אין שטאָל, אונזערע קליידער אַלעמאָל צעריסן און פאַרלאַטעט; אונזער עסן — די אונטערשטע מאָגערע מילך מיט קאַרטאָפליעס, אין בעסטן פאַל — מיט בלויע האָזן־פּלייש. איינזאַם זיינען מיר, ווי די ארעסטאַנטן, עלנט ווי די שטיינער. אַלץ ארום אונז איז האַרט, טרוקן, פאַרביזנעוועט, אָן א ברעקל האַרץ און א פּיצל געפיל, אָן יושר און רחמנות. מענטש, פערד, בהמה, מאַשין — אַלץ ווערט אָפּגעשאַצט אין ווערט פון דאָלאַרן.

„איך פאַר און טראַכט: וואָס קען זיין דער סוף מיט מיין ברודער. איך פיל שוין, אז ער איז באמת קראַנק. א דאָקטאָר . . . וואָס קען אים א דאָקטאָר העלפן? אז מיר האָבן ניט מיט וואָס צו צאָלן, וועלן די היגע דאָקטוירים אפילו ניט וועלן א קוק טאָן אויף אים. און אז א דאָקטאָר, וועט ער אים זיכער ניט לאָזן בלייבן ליגן אין שטאָל. א דאָקטאָר וועט אים היסן בייטן די דיעטע, און מיר האָבן ניט אויף וואָס צו בייטן. א דאָקטאָר וועט אים ניט היסן ארבעטן, און דאָס קענען מיר ניט באַוויזן. א דאָקטאָר וועט אויך הייסן, אז מען זאָל אויף אים אויפּפּאַסן, איז ווער זאָל דאָס טאָן? אונזערע עלטערן זיינען טויזנטער מייל פון אונז. איך בין פּשוט געווען פאַרצווייפלט.

„און דאָ ווער איך משוגע וואָס אונז קומט ניט אָן קיין בריוו פון דער היים. פריער פלעגן אָנקומען בריוו רעגולער יעדן מאָנאַט, און איצט איז שוין דער פינפטער חודש און קיין בריוו איז ניטאָ. עפּעס האָט מיר דאָס

האַרץ געזאָגט, אַז איך זאָל קיין גוטס ניט דערוואַרטן. עפּעס האָט מיר אַ בליץ געטאָן פאַר די אויגן און איך זע פאַר זיך, ווי מענטשן צאַפּלען זיך אין אַזעלכע אנגסטן, און ס'האָט מיך אַזש אויפגעשווידערט. און איך זע פאַר זיך עפּעס אַ משונה'דיקע מכשפה, ווי זי שטייט קאַלטבלוטיק און שמייסט זיי מיט פייערדיקע בייטשן . . . מיין קאָפּ האָט געפייערט פון די געדאַנקען, וועלכע איך האָב ניט געוואָלט צולאָזן צו זיך. און דאָס מיידל . . . אָט ווי איך האָב זיך מיט איר באַקענט און דערנעענטערט, און ס'גייט אונז אַלץ מיטן פּוטער אַראָפּ.

„ווען איך בין אַריינגעפאָרן אין שטעטל איז שוין געווען פינצטער. אַלע זיינען געשלאָפן. ווי איך האָב אויסגערעכנט, האָט מיר גענומען אַכט שטונדן צו פאָרן די 14 מייל. און הונגעריק בין איך ווי אַ הונט. אויפן האַרצן איז מיר געווען ביטער. איך בין מיטאַמאָל געוואָרן הילפלאָז ווי אַ קינד. אין אַ שטאָט, אינמיטן פון דער ציוויליזאַציע, און דו קענסט אויסגיין פון הונגער און דאַרפסט שלאָפן אויף דער גאַס. קיינער וועט אַפילו ניט אַ טראַכט טאָן, אַז טאָמער איז אַ מענטש הונגעריק, טאָמער האָט ער ניט וואו זיינע מידע ביינער אוועקצולייגן. אָ, ווען איך וואָלט געווען דעם פּריץ'ס זון, וואָלט איך שוין ניט געהונגערט.

„מיין „טרייסט" איז געווען, וואָס איך בין געווען ניט דער איינציקער דאָרטן. איך האָב אין שטעטל געפונען נאָך פיל אַזעלכע געסט ווי איך, מיט פינצטערע פּנים'ער און צעריסענע קליידער, וועלכע שטייען און דרייען זיך סיגאַרעטלעך פון פּראָסטן טאַבאַק. מיר זיינען אַלע אַרויסגעפאָרן אַ האַלבן מייל ווייט פון שטעטל, אַרויסגעלאָזט אונזערע אָקסן אויפן זאַפטיקן גראָז און אליין אויסגעצויגן זיך לעבן אַ פייערל, וואָס מיר האָבן צעלייגט. מיר זיינען אַזוי געלעגן און געקוקט אין הימל אַריין און אין דער וועיטקייט, ווי מיר וואָלטן פון דאָרט דערוואַרט די הילף וואָס מיר זוכן.

„אינדערפרי האָט זיך דאָס שטעטל אינגאַנצן געענדערט. די קרעמער האָבן אויפגעעפנט זייערע טירן און געוואַרט אויף אונז. מיר זיינען מיט־אַמאָל געוואָרן גאַנצע יחסנים. מען רעדט צו אונז, ווי אַלטע באַקאַנטע, און מען דערוואַרט עפּעס צו פאַרדינען אָן אונז.

„איך האָב זיך אָבער ניט געקענט געפינען קיין אָרט. דער דאָקטאָר שטייט ניט אויף אַזוי פרי. איך בין שוין בא אים געווען אַ פינף מאָל און קריג אַלץ דעם זעלבן ענטפער, אַז ער שלאָפט נאָך. ער האָט צייט, ווען בא מיר פאַלט אַרויס די נשמה. איך האָב איבערגעלאָזן אַ קראַנקן ברודער, מיט אַזוי פיל אַרבעט: מעלקן די בהמות, דורכלאָזן די מילך אין סעפּעראַטאָר, און נאָך אַלץ נאָכקוקן. און ווער ווייסט? אַלע ווײַלע טוט מיר אַ טיאָכקע אין האַרצן. עס פליען מיר דורך געדאַנקען וועגן דעם קראַנקן ברודער, וועגן דער אומגליקלעכער מיידל, וועגן די עלטערן, וואָס איך האָב ניט קיין בריוו פון זיי. איך האָב געמיינט, אַז איך ווער משוגע. און דאָ איז ניטאָ קיין

פריינט, מיט וועמען א וואָרט אויסצורעדן. איז מיר אריינגעפאַלן א געדאַנק, אַז איך זאָל אַריינגיין אין קירכע. דאָרט, האָב איך געטראַכט, וועל איך קריגן דערלייכטערונג. הייליקע מענטשן וועלן דערפילן מיין צער און וועלן מיך טרייסטן. דאָס איז דאָך דאָס אָרט פון ליבע און טרייסט, אין וועלכע איך נויטיק זיך איצט אַזוי.

„ווי נאָר איך האָב אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דער קירכע זיינען אַלע מיינע געדאַנקען אַוועק אין דער ווייטקייט, אהין וואו אַלץ לאָזט זיך אויס, וואו עס איז ניטאָ קיין גוף און פאַרבלייבט בלויז די נשמה. אָבער ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב דערהערט פּראָסטע רייד פון א פּראָסטן מענטשן, די זעלבע שפּראַך פון דעם קרעמער און הענדלער. „וואָס דאַרפט איר, יונגערמאַן? וועמען זוכט איר דאָ?" איך בין געבליבן ווי געפּלעפט. יענע הייליקייט, יענע אויפריכטיקייט וואָס איך האָב דאָ דערוואַרט, איז ניט געווען. איך האָב זיך שוין אומגעקערט און געוואָלט אַנטלויפן, וואו די אויגן וועלן מיך טראָגן. אָבער מיר אַנטקעגן איז אונטער־געקומען א מענטש, א קיילעכדיקער, מיט ברילן אויף דער נאָז, און פרעגט מיך: „יונגערמאַן, איך זע, אַז איר זיינט עפּעס פאַרצאָרנט. זיינט איר חלילה ניט געזונט?"

„דערהערנדיק אַזעלכע פּאַטערלעכע רייד, האָט עס מיך צענומען און איך האָב פאַר אים אויסגעגאָסן מיין ביטער האַרץ און האָב אים דערציילט אַלע מיינע צרות. ער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן און ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. ווען איך האָב געענדיקט ריידן, גיט ער מיר אַן עצה, אַז איך זאָל זיך איבערגעבן צום לייענען. „האָסטו אַמאָל געלייענט די ביבל?" — האָט ער מיך געפרעגט. איך דערצייל אים, אַז איך האָב עס אַמאָל יאָ געלייענט, ווען איך בין געווען א קינד. „נו, זאָגט ער, קויף באַ מיר א הייליקן בוך, די ביבל, און דאָס וועט דיך אַרויסשלעפּן פון אַלע צרות. דו וועסט זיך אַריינוואַרפן אין לייענען און וועסט קיין צייט ניט האָבן צו טראַכטן פון קיין זאַך און אַזוי אַרום וועסטו זיין א געהאָלפענער".

„איך דערצייל אים, אַז איך בין א ביטערער אָרעמאַן און האָב באַ זיך ניט מער ווי צוויי דאָלער און איך ווייס ניט וויפיל עס וועט באַ מיר נעמען דער דאָקטאָר פאַר זיין עצה און פאַר מעדיצין. „די ביבל וועט אויך דיין קראַנקן ברודער העלפן", זאָגט ער מיר. און איך האָב זיך מיט אים צעטיילט מיט מיין פאַרמעגן.

„איך האָב זיך אָבער דאָך ניט איינגעהאַלטן און בין געוועזן באַם דאָקטאָר. האָט דער דאָקטאָר באַ מיר צוגענומען דעם איינציקן דאָלער, וואָס איך האָב געהאַט, פאַר זיין עצה; אָבער קיין מעדיצין, זאָגט ער, קען ער מיר ניט געבן. ער מוז פריער אונטערזוכן דעם קראַנקן.

„פאָר איך שוין צוריק אהיים א דערשלאָגענער, אָן א סענט באַ דער נשמה, אָן מעדיצין פאַרן קראַנקן ברודער, אָבער מיט א ביבל וואָס דאַרף

אונז אויסהיילן פון אלע צרות און קראנקהייטן. קומענדיק אהיים האב איך אונזער שטאל־ווינקל ניט דערקענט. אלץ איז געווען צוגעקליבן און אויס־געפוצט. מיין ברודער איז דארט ניט געווען. איך האב זיך געווארפן אין שטאל און האב דארט די אקסן ניט געפונען. האב איך שוין פארשטאנען, אז דער ברודער איז אין פעלד, אן „אויסגעהיילטער" אן א דאקטאר.

„מיר איז געווארן אביסל גרינגער אויפן הארצן. איך האב גענומען מיינע אקסן און בין אויך ארויסגעפארן אין פעלד. זיץ איך אזוי אויפן אקער און טריקן זיך אוים די הארץ שרייענדיק אויף די אקסן, אז זיי זאלן שוין אמאל איבערבייטן א פוס און שטעלן א טראט. הער איך ווי א פויגל זינגט אזוי זיס, אזוי שיין, און איך טראכט זיך, ווי גוט עס איז דעם פויגל אין פעלד, ווי פריי פון זארג, פון דאגות פרנסה. עס האט זיך זיין נעסט און לעבט זיך ווי עס וויל. ווען עס איז הונגעריק, זוכט עס עסן; ווען עס איז מיד, רוט זיך עס אפ. און מיר, די מענטשן, וועלכע האבן געזאלט זיין די קליגסטע פון אלע לעבעדיקע באשעפענישן, האבן זיך נאך ניט דערהויבן צו דעם לעבן פון א פויגל. מיר, די קליגערע, מוזן דורכמאכן צרות אויפן פוד איידער מיר קענען זיך דערהויבן כאטש צו א מענטשלעך לעבן.

„מיטאמאל דערהער איך, ווי עפעס טראכקעט. איך גלויב זיך ניט מיינע אייגענע אויערן, אבער איך הער דאך פארט זיין מאיעסטעט דעם מאטאר? ווי קומט אין מיין פעלד א מאטאר? עס מוז עפעס זיין א טעות. איך קוק זיך ארום, איז עס אבער ניט קיין טעות. עס קומט אן א טראקטאר, געטריבן פון אן אומבאקאנטן מענטשן, און הינטער דעם טראקטאר א גרויסער אקעראייזן, וועלכער לאזט נאך זיך איבער גאנצע פאסמעס שווארצע ערד, וואס בעטן זיך צו פארזייען. איך ווייס שוין ניט וואס צו טראכטן.

„ווייזט זיך ארויס, אז דאס איז אן אגענט פון א מאשינען־קאמפאני. מיינער א שכן האט אים פארזיכערט, אז אונז איז שוין נמאס געווארן צום טויט אנצוטרייבן אונזערע אקסן און אז מיר ווילן קויפן א טראקטאר. איז ער דעריבער ארויסגעפארן צו אונז אויפן פעלד דעמאנסטרירן זיין סחורה.

„נו, וואס זאל איך דיר זאגן — איך האב זיכער מורא געהאט אריינצור־קריכן אין אזא חוב. ווער ווייסט, צי מיר וועלן עס אמאל קענען אויסצאלן. מיך האט אבער גערייצט דער יצר הרע: „זע וואס דו קענסט אויפטאן מיט א מאטאר! זע ווי פלינק ער איז! זע וואס פאר א כוח ער האט עס! עס מאטערט זיך קיינמאל ניט איין, און נאך דער ארבעט שטעלסטו דאס אוועק און דו דארפסט עס ניט קעכלען, ניט געבן עסן און טרינקען, און דארפסט ניט שלעפן די מיסט פון שטאל . . . " איך האב זיך אויך געוואלט אפרעכענען מיט מיין שכן. ער האט געוואלט מאכן א שפאס פון מיר און האט מיר צוגעשיקט א טראקטאר. האב איך אים געוואלט ווייזן, אז איך בין ניט קיין שלימאזל און קען קויפן א טראקטאר אויך.

„שווער איז מיר אנגעקומען מיט מיין ברודער. ער איז געווען א קלוגער

און א פּראַקטישער מענטש, און האָט געַ'טענה'ט, אַז טאָמער קענען מיר ניט מאַכן אונזערע צאָלונגען, קענען מיר פאַרלירן ניט נאָר דעם טראַקטאָר, נאָר אויך אונזערע פאַרמס. מיט דער נאַטור, האָט ער גע'טענה'ט, קען מען קיין קאָנטראַקטן ניט מאַכן, און מיט באַלעבאַטים פון לאַנד, וואָס נעמען צו אונזער פּראַצע — אויך דאָס אייגענע. ער האָט מיך איינגערעדט ניט צוהערן זיך, וואָס דער אַגענט איז איצט אַזוי ווייך ווי פּוטער. ווען עס קומט צו מאָנען דעם חוב,זיינען זיי קאַלט ווי די גזלנים.

„איך בין אָבער געווען לייכטער אויפן פוס ווי מיין ברודער און מיר האָבן געמאַכט דעם אַגרימענט צו צאָלן יאָרלעך און פאַר דריי יאָר אויס־צאָלן מיט 9 פּראָצענט. אַלס משכון האָב איך אים געגעבן די פאַרם מיט די זיבן אָקסן.

„מיין ברודער האָט ממש אויפגעלעבט. די אַרבעט מיטן טראַקטאָר לגבי די אָקסן איז אַזוי ווי טאָג צו נאַכט. אַלס ניט־דערפאַרענע אינזשינערן האָבן מיר דורך דער צייט געהאַט גענוג צרות, אָבער מיר האָבן עס דורכ־געמאַכט. מיר האָבן געהאַט אַ געראָטענעם פעלד און האָבן באַצאָלט דעם ערשטן יאָר מיטן פּראָצענט, און מיר זיינען געווען צופרידן.

„שלעכט איז נאָר געווען, וואָס מיר האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו פאָרן צו דער סטאַנציע אַוועקצופירן דעם קרים. מיר האָבן איינמאָל גערעדט צווישן זיך וועגן קויפן אַ פּאָר פערד, און זיי וואָלטן אונז גוט צונוץ געקומען. און אַזוי ווי מיר ריידן הערן מיר, ווי צום הויז איז צוגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל. ס'איז געווען דער זעלבער אַגענט פון טראַקטאָר. מיר האָט אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן: טאָמער, טראַכט איך זיך, האָבן מיר אונזער אַגרימענט וועגן טראַקטאָר ניט גוט פאַרשטאַנען און האָבן די צאָלונג ניט ריכטיק געמאַכט. אָבער ער האָט אונז פאַרשפּאָרט צו טראַכטן. ער ווייסט שוין, אַז מיר ווילן קויפן פערד, האָט ער געבראַכט אַ לייכטן צוגענוצטן טראָקל, זייער ביליק.

„און ווייטער דאָס אייגענע — מען דאַרף ניט טראָגן אין שטאָל און פון שטאָל, און אַרבעט עס ניט, ווייל עס ניט עסן. און פאָרן צו דער סטאַנציע נעמט עס אַ קלייניקייט, ניט אַזוי ווי אַ פערד, וואָס נעמט צו אַ גאַנצן טאָג. ער וויל פון אונז קיין געלט אויך ניט. מיר וועלן אים באַצאָלן מיט דער קומענדיקער געראָטעניש. אָבער אַלס משכון וויל ער, אַז דער ברודער זאָל מער ניט ווי אונטערשרייבן זיין נאָמען אויף אָט דעם פּאַפּירל, און דאָס מיינט, אַז ער גיט אים די פאַרם אַלס משכון, ביז דער טראָקל וועט אין צוויי יאָר זיין אויסגעצאָלט.

„ער האָט אונז איינגערעדט, אָבער ערשט דאָ האָבן מיר איינגעזען, ווי אַזוי מיר זיינען אַריינגעקראָכן אין צרות. מיר זיינען געווען ביידע אומ־דערפאַרן און האָבן ניט געוואוסט, אַז פון אַ רעכענונג אויף פּאַפּיר ביז דערווירקלעכקייט איז אַזוי ווייט ווי פון מזרח ביז מערב. די וועגן זיינען נאָך

ניט געוועז פּאַסיק פאַר א קאַר, בפרט פאַר אַן אַלטער מאַשין מיט ניט־דערפּאַרענע טרייבער. דערצו איז נאָך אַ מעשה מיט גאַז, אויל, מיט אַלע ווײַלע פאַרריכטן, מיט לאַיסנס, מיט אַ גאַראַדזש. אַזוי אַז מיר האָבן ניט נאָר גאָרנישט אַרויסגעקראָגן פון דעם קרים, נאָר מיר האָבן נאָך צו יעדן פאָרן אין שטעטל געמוזט צולייגן געלט.

„איינמאָל אין אַ מיטן פאַרנאַכט, ווען דער וועטער איז געוועזן אַן אומעטיקער, דער הימל פאַרוואָלקנט, דער רעגן שמייסט אין פענצטער, עס איז קאַלט און אויפן האַרצן איז שווער — האָב איך זיך אָנגעהויבן אַרײַנטראַכטן אין דעם, וואָס מײַן ברודער האָט געזאָגט, אַז דאַן ווען זיי פאַרקויפן דיר, זיינען זיי ווייך ווי פּוטער און צום אויפּמאָגנען בייטן זיי זיך, ווי די שלאַנג בייט איר פעל. דער ברודער ווערט דערווייל פון טאָג צו טאָג ערגער, שוואַכער. איך פיל שוין אויך, אַז איך האָב זיך שוין אויסגעשלאָגן פון די כוחות. אַלע טאָג איינס און דאָס זעלבע צו עסן, די זעלבע צייט אויפשטיין, די זעלבע אַרבעט — מעלקן, רייניקן די שטאַל; אַלע טאָג די זעלבע טעפּלעך און אַלע טאָג דאָס זעלבע טראַכטן. איך האָב געמיינט, אַז איך ווער משוגע. און קיין בריוו פון דער היים איז נאָך אַלץ ניטאָ. האָב איך זיך דערמאָנט אויף דער ביבל, וואָס דאַרף באַ מיר מײַן אומעט צונעמען און ברענגען פרייד. איך האָב זיך דערמאָנט אין מײַנע קינדער־יאָרן, אַז ווען איך פלעג ווערן קאַפּריזנע, קרענקלעך, פלעגט מיך מײַן מאַמע באַפרידיקן מיט עפּעס אַ נאַשעריי און צו מײַן פרייד איז דעמאָלט קיין גרענעץ נישט געוועזן. איצט האָב איך זיך פּונקט אַזוי צוגעכאַפּט צו דער ביבל.

„דאָס ערשטע וואָרט וואָס האָט מיך צעטומלט אין דער ביבל איז געוועזן דאָס ווי אַזוי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן — מיט אַזעלבע מורא׳דיקע וועלדער, טייכן, ימ׳ען, מיט אַזויפיל פיש, אַזויפיל חיות, פייגלען, פליגן, הימל, ערד און וואָלקנס, זון און שטערן — אַלץ אין זעקס טעג. אין די איצטיקע יאָרן נעמט עס לענגער אַ הויז אויסצובויען. און איך האָב שוין געזען, אַז איך פאַרשטיי ניט אָט דעם בוך. אַנשטאָט אַ פרייד איז מיך באַפאַלן אַן אומעט.

„אָבער נאָך זאַלץ אויף מײַנע וואונדן איז געוועזן די מעשה מיט קין און הבל, ווי איין ברודער האָט דערמאָרדעט דעם צווייטן און צוליב אַ קריג פון איין ברודער מיטן צווייטן איז געפאַלן אַ גאַנצער פערטל פון דער מענטשהייט. עס האָט אויף מיר געמאַכט דעם שווידערלעכן איינדרוק די גרויזאַמקייט פון מבול, ווען אַ גאַנצע מענטשהייט איז קאַלטבלוטיק דערטרונקען געוואָרן, די אומשולדיקע צוזאַמען מיט די שולדיקע.

„און אַנשטאָט צו באַפרידיקן מיך און היילן מײַן ברודער, האָט מיך איין מעשה אין ביבל נאָך דער צווייטער אַלץ מער צעטומלט. אָט זע איך פאַר מײַנע אויגן, ווי מען פּייניקט שקלאַפן וואָס קנעטן ליים, און מערדער וואָס רופן זיך עלטסטע שמייסן זיי מיט בייטשן ביז בלוט. אָט זע איך ווי

מען טראָגט עופּה׳לעך, ווען מ׳האָט אַרויסגעריסן פון דער מאַמעס הענט און מ׳וואַרפט זיי אַריין אין טייך, אַזוי ווי די שטיינדלעך. איך האָב זיך אַזש געכאַפּט פאַרן קאָפּ און געריסן פון זיך די האָר. איך האָב געמיינט, אַז איך ווער משוגע. איז די גאַנצע מענטשהייט פאַראורטיילט אויף אייביק צו אַזאַ כאַאָס? קען דאָס קיינמאָל ניט בעסער ווערן?

„און דאָ ווערט מיין ברודער ערגער און איך קען אים גאָרנישט העלפן. אויך דאָ פאַר די אויגן האָב איך געזען די אייגענע משוגע׳נע, מיאוס׳ע וועלט. אַזויפיל וויסנשאַפט אויף דער וועלט, אַזויפיל דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן, וואָס וואָלטן מעגלעך געקענט ראַטעווען אַזאַ יונגן מענטשן ווי מיין ברודער. זיינען אָבער דאָ צווייערליי מענטשן אויף דער וועלט. אייניקע האָבן אַלץ, און אַזעלכע ווי מיר האָבן גאָרנישט . . . ”

דערציילנדיק פאַר מיר זיין געשיכטע, האָט דער האָמסטעדער געהאַלטן מיין האַנט אין זיינער, פון וואָס איך האָב געפילט, אַז אַ ווולקאַן רייסט זיך ערגעץ אין דער טיפעניש פון זיין נשמה און קען ניט פאַנאַנדעררייסן דעם דעק, מיט וועלכן ער איז צוגעדעקט. איך האָב אָבער געפילט, אַז ווען עס וועט קומען צום קלימאַקס וועט ער עקספּלאָדירן מיט אַזאַ קראַפט, אַז דער גאַנצער אַרום וועט צעטרייסלט ווערן.

מיט אַמאָל האָט ער אָפּגעלאָזן מיין האַנט און האָט אָנגעהויבן שפּרייזן איבערן וואַלד מיט אַזאַ אימפּעט, אַז איך האָב זיך אַזש דערשראָקן. עס האָט מיר אויסגעוויזן, אַז ער איז פון פאַרדראָס אַראָפּ פון זינען. ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך, האָט מיך ווידער אָנגעכאַפּט באַם האַנט און האָט מיר אָנגעהויבן ווידער דערציילן וועגן עפּעס אַ מאָדנעם אָנגעשטאָפּטן בריוו מיט אַ סך מאַרקעס און שטעמפּלען פון פאַרשיידענע לענדער. ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז געווען אַ בריוו פון זיין מוטער, וועלכע האָט געמאַכט אַ טעות אין אַדרעס און דער בריוו איז אויסגעפאָרן אַ האַלבע וועלט. פון דעם בריוו האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זיין פאָטער איז געשטאָרבן און אַז זיין מוטער וואוינט באַ אַ פריינט, וועמען זי העלפט אכטונג געבן אויף די קינדער. עס האָט אים אַזש געהויבן אין דער לופטן, וואָס זיין מוטער, וועלכע האָט אַזעלכע צוויי יונגע זין, וואָס קענען אַרבעטן ווי פערד, דאַרף אויף דער עלטער זיך וואַלגערן אין פרעמדע הייזער און זיין אַ ניאַנקע, ווען זי האָט געדאַרפט זיין מיט אירע אייגענע קינדער און אינגאַנצן ניט אַרבעטן.

אין איר בריוו שרייבט אים זיין מוטער אויך אַ געשיכטע, וועלכע האָט אים אויפגערודערט זיין גאַנצן גוף און נשמה. אָט דאָס איז די געשיכטע:

באַ דעם רייכן פריץ, וואָס האָט געוואוינט ניט ווייט פון זיי, איז אַמאָל געווען אַ דינסט, אַ בילד־שיינע דאָרפס־מיידל. איינער פון די פריץ׳ישע זינדלעך האָט זיך צו איר צוגעשאַרט, און מיט אַ צייט שפּעטער האָבן די פרויען אין הויף אויסגעפונען, אַז זי איז שוואַנגער. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל. און מען האָט דאָס מיידל אויפגעוועקט אינמיטן דער נאַכט און

מען האָט זי אוועקגעפירט איבער הונדערט מייל פון דאָרטן צו איינער אַן אַלטער פרוי. דאָרט האָט זי אין צוויי מאָנאַטן אַרום געבאָרן אַ קינד, אַ מיידעלע, און אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום איז זי געשטאָרבן פון אַ קראַנקהייט וואָס איז איר פאַרבליבן פון קינדפעט.

די שכנים האָבן פון רחמנות צוגענומען בא דער אַלטער דאָס קינד און מען האָט זי אוועקגעפירט צו אַן אינגערער פרוי, וועלכע האָט געהאַט אירע אייגענע קינדער. האָט אָבער פּאַסירט, אַז בא אָט דער פרוי איז געשטאָרבן אַ קינד. האָבן די שכנ׳טעס באַשולדיקט אין דעם די אָרעמע יתומה׳לע, וועלכע זי האָט צוגענומען צו דערציען, און זי האָט דאָס קינד איבערגעגעבן צו אַן אַנדער פרוי. יענע איז געווען אַן אַלטע און זייער אַן אָרעמע און אויך זייער אַ פרומע, און זי האָט געוואָלט פאַרדינען אַ שטיקל עולם־הבא. אָבער אויך בא איר האָט געטראָפן, אַז איר איז אוועקגעפאַלן איר איין־און־איינציקע קו. איז ווייטער אין דעם געווען שולדיק דאָס ניט־געזעצלעך קינד. האָט מען עס איבערגעגעבן צו אַ פּאָר־פאָלק וואָס האָבן ניט געהאַט קיין קינדער. זייערער אַ שכן האָט אָבער געהאַט אַ סך קינדער און אַלע ניט אינגאַנצן קיין נאָרמאַלע. פלעגט זיך דאָס קינד שפּילן מיט זיי. נאָך אַ שכן האָבן זיי געהאַט, אַביסל ווייטער, וועלכער האָט געהאַט צוויי קינדער. פלעגן זיי אויך קומען צו דער מיידעלע שפּילן זיך. איז אַזוי לאַנג ווי די קינדער זיינען געווען קליין, פלעגט נאָך זיין צו דערליידן. אָבער ווען זיי זיינען אַביסל אונטערגעוואַקסן, האָבן זיי זי אָנגעהויבן שטאַרק שלאָגן און פּיינט האָבן.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָס אומגליקלעכע קינד האָט געהאַט אַזויפיל מאַמעס און אויך אַזויפיל פרעמדע סטוסאַקעס, איז זי אויסגע־וואַקסן זייער שיין און געראָטן. אין סקול איז זי אַלעמאָל געווען די ערשטע, מיט די העכסטע אויסצייכענונגען. דערפאַר איז זי נאָך מער פאַרפאָלגט געוואָרן פון די אַנדערע קינדער, איבערהויפּט פון די צוריקגעשטאַנענע, ווי אויך פון יענער משפחה צעדרייטע קינדער.

איינמאָל בא אַ פאַרווייַלונג, ווען עטלעכע שכנים זיינען געקומען מיט זייערע משפחות, און מען איז שוין געווען היבשלעך אונטערן גלעזל, האָט זיך געמאַכט, אַז די קינדער האָבן זיך צעשטיפט און האָבן עפּעס צעבראָכן אין הויז. איז ווער איז שולדיק? מסתמא ווידער די אָרעמע יתומה׳לע. און ס׳איז געוואָרן אין הויז אַן אמת׳ע מלחמה — פאַרן קינד און קעגן קינד. לסוף איז דאָס קינד אַרויס מיט אַ גאַנצער קאָפּ, אָבער מיט אַ צעשפּאָלטענעם אויער, וואָס דאָס איז איר פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן.

שרייבט אים ווייטער זיין מוטער, אַז דאָס מיידל, וואָס דאַרף שוין איצט זיין אַ יאָר 16, איז אוועק מיט אָט דער קינדערלאָזער פאַמיליע אין קאַנאַדע צו באַזעצן זיך אויף לאַנד, און זי גלייבט אַז זי איז אויך געווען צווישן די 12 משפחות, מיט וועלכע ער איז דאַן געפאָרן. און זיין מוטער

בעט אז זיי זאָלן פּרואוון אויפזוכן דאָס מיידל. זיי וועלן זי גרינג דערקענען נאָך דעם צעשפּאָלטענעם אויער.

היינט שטעלט זיך פאָר, אז ער האָט טאַקע דאָס מיידל געפונען, און אַז זי איז געווען ניט קיין אנדערע, ווי די אדאָפּטירטע טאָכטער פון דער פאַמיליע, וואָס האָט געוואוינט בשכנות מיט אים און וועלכע ער האָט איינמאָל ארויסגענומען צו אַ טאַנץ. אָט דער אויסערגעוויינלעכער צופאַל האָט אים פּשוט צעמישט, און אויב ער איז פריער שוין געווען ניט גלייכ־גילטיק צו איר, האָט ער זיך איצט אויפן רעכטן אמת פארליבט אין איר.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָבער צווישן אים און זיין שכן, דער מיידלס „פאָטער", אַנטוויקלט אַ האַס אויף לעבן און טויט. ער האָט זיך איצט דערוואוסט אַ סך זאַכן, וואָס ער האָט פריער ניט געוואוסט. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין שכן האָט אַליין אַן אויג אויף דער מיידל. אויך איר „מוטער" איז גאָר ניט אזוי גוט צו איר, ווי עס האָט זיך אים פריער אויסגעוויזן. זי האָט זי בלויז געהאלטן נאָענט צו זיך, כדי זי זאָל זיין ווייטער פון איר מאַן . . .

ער האָט זיך אויך דערוואוסט, אַז זיין ברודער האַלט אַ סך ערגער, ווי ער האָט געמיינט. ווען ער איז דעמאָלט געקומען פון שטעטל אהיים מיט זיין אוצר — דער ביבל — און האָט געפונען זיין „שטוב" צוגעקליבן און אויסגערייניקט, איז דאָס ניט געווען זיין ברודערס אַרבעט. דאָס האָט געטאָן טאַקע די זעלבע מיידל. ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן אין שטעטל און האָט איבערגעלאָזן דעם ברודער אַ קראַנקן אין דער היים, האָט זי ניט געקענט איינרוען און איז צוגעקומען אַהין. האָט זי טאַקע געפונען זיין ברודער אַ באַוואוסטלאָזן אויף דער ערד מיט בלוט אַרום מויל. זי האָט אים געבראַכט צוריק צום לעבן און האָט אויך צוגעקליבן אין שטוב אַזוי, אַז מען זאָל גאָרנישט דערקענען. זיי האָבן זיך צונויפגערעדט, אַז ער זאָל גאָרנישט וויסן און זאָל מיינען, אַז זיין ברודער פילט זיך בעסער.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ער האָט געמוזט אָפּגעבן צופיל צייט פאַר זיין קראַנקן ברודער און האָט געמוזט פאַרנאַכלעסיקן זיין אַרבעט. פאַר די ערשטע צוויי יאָר האָט ער שוין כמעט אויסגעצאָלט זיין חוב פאַרן טראַקטאָר מיט דער סאָר. עס איז שוין פאַרבליבן אַ קלייניקייט צו דערצאָלן. ער האָט שוין געהאַט אָפּגערעדט מיט דער מיידל, אַז אַזוי גיך ווי ער וועט אויסצאָלן זיינע חובות, וועט ער אויסבויען אַ הויז און זיי וועלן האָבן אַ היים פאַר זיך, פאַר זיין קראַנקן ברודער, און זיי וועלן אויך אַראָפּברענגען זיין אַלטע מוטער און וועלן אָנהויבן אַ ניי לעבן.

דאָ האָט זיך אָבער אריינגעמישט דער שכן זיינער און האָט גענומען אויף זיך ניט ווייניקער, ווי אַראָפּצוטרייבן אים פון זיין האָמסטעד. ער, דער שכן, האָט זיך אריינגעכאַפּט צווישן די קליינע פּאָליטישנדלעך אין דער

געגנט, און יענע האָבן געהאַט אַ צוטריט צו די גרעסערע פּאָליטישאַנס, און אַלע צוזאַמען האָבן זיי אים „געפיקסט".

ווען עס איז געקומען דער פרילינג און ער האָט געדאַרפט אַרויסגיין אין פעלד אַרבעטן, האָט ער אויסגעפונען,אַז ער קען זיך ניט רירן פון אָרט. אין די פריערדיקע יאָרן פלעגט ער אין פרילינג באָרגן גאַז פאַרן טראַקטאָר, און אַלע אַנדערע פּראָדוקטן, אין וועלכע ער האָט זיך גענויטיקט צו דער אַרבעט און צום לעבן, און ער פלעגט עס אויסצאָלן אין האַרבסט, נאָכן דרעשן. אַזוי איז געווען איינגעפירט ניט נאָר בּאַ אים, נאָר באַ אַלע אַנדערע פאַרמער. היינטיקס יאָר אָבער האָט ער אויסגעפונען, אַז ער קען אינערגעץ ניט קריגן קיין קרעדיט. וואו ער זאָל ניט קומען, הייסט מען אים צאָלן מזומן. וויפיל ער האָט גע'טענה'ט, האָט ניט געהאָלפן. און וואו זאָל ער קריגן מזומן געלט אין אָנהויב פון פאַרם-סעזאָן?

צוליב דעם אַלעמען האָט ער זיך פאַרשפּעטיקט מיט זיין פעלד־אַרבעט. אין האַרבסט איז געקומען אַ פריאיקער פראָסט און האָט אַ תּל געמאַכט פון זיין ווייץ אַזוי, אַז ס'איז באַלד ניט געבליבן וואָס צו דרעשן, און . . . עס איז ניט געווען מיט וואָס צו צאָלן קיין חובות.

מען איז געקומען מאָנען דעם חוב פאַר דעם טראַקטאָר מיט דער קאַר. פאַרן טראַקטאָר האָט ער שוין באַצאָלט אינגאַנצן. ער איז בלויז געבליבן שולדיק אַ קלייניקייט פאַר דער קאַר. ער האָט זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן צו־נעמען די קאַר און איבערלאָזן אים דעם טראַקטאָר, וועלכן ער האָט געקויפט באַזונדער און פאַר וועלכן ער האָט שוין איינגעצאָלט. די קאָמפּאַני האָט אָבער אויף דעם ניט איינגעוויליקט. באַ זיי האָט עס געהייסן, אַז ער איז שולדיק פאַרן טראַקטאָר און פאַר דער קאַר צוזאַמען. דער געזעץ איז געווען אויף זייער זייט. דערצו האָט מען אים נאָך גענומען רעכענען הוצאות פאַר צוויי מאָל אַראָפּברענגען דעם שעריף, געריכט־הוצאות, פּראָצענטן, און פּראָצענטן אויף פּראָצענטן. די עטלעכע בהמות וואָס ער האָט געהאַט, זיינען אַוועק אויף די לאָיערס, וואָס האָבן געזוכט גערעכטיקייט און נישט געפונען; קיין יושר אויך ניט; רחמנות — אודאי ניט.

לסוף איז געקומען עפּעס אַ מאַן מיט אַ פּאַפּיר אין האַנט און האָט אים געוויזן וואו ער און זיין ברודער זאָלן אונטערשרייבן זייערע נעמען. ווי אַ ניט־דערקוילעט. שעפּעלע האָט ער געפאָלגט, אונטערגעשריבן און מ'האָט זיי געגעבן אַ פּאָר וואָכן אַרויסצוקלייבן זיך פון זייער פאַרם.

„איצט, מיין פריינט", זאָגט צו מיר דער האָמסטעדער, „צו וועמען האָב איך דאָ געדאַרפט פילן אַ האַס? צו אונזערע געזעץ־מאַכער, וועלכע מאַכן פאַר אונז אַזעלכע געזעצן, אָדער צו די וואָס פירן דורך אָט די געזעצן, וועלכע זיינען אַן אומגליק פאַרן גאַנצן לאַנד? זיינען אָבער די געזעץ־מאַכער ווייט פון אונז און מיר זעען זיי ניט. ווערט דעריבער אונזער האַס אָנגעווענדעט קעגן די וואָס פירן דורך די געזעצן, למשל, קעגן דעם מענטשן

וואָס האָט מיר געבראַכט דעם פּאַפּיר אונטערצושרייבן. עס איז באַ מיר אויסגעקומען, אַז צוליב אַט דעם מענטשן האָבן מיר אָנגעוואָרן דאָס, וואָס מיר האָבן אַזויפיל יאָרן אַזוי שווער געאַרבעט; אַז דאָס האָט ער מיך און מיין קראַנקן ברודער אַרויסגעטריבן פון אונזער היים; אַז דאָס האָט ער מיך אָפּגעריסן פון מיין געליבטער מיידל און האָט רואינירט מיין גאַנצן לעבן. אַזוי בין איך אים געוואָרן אַ בלוטיקער שונא".

און דערנאָך האָט מיר אַט־דער האָמסטעדער דערציילט אַ זאַך, פון וועלכער איך בין אַליין נשתומם געוואָרן און וועלכע האָט מיר אויך אין דער זעלבער צייט קלאָר געמאַכט, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען זיין פריער־דיקער האַס צו מיר. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין — ניט מער און ניט ווייניקער — זייער שטאַרק ענלעך צו יענעם מאַן, וועלכער האָט אים געבראַכט די פּאַפּירן אונטערצושרייבן און אויף אַזאַ אופן אַראָפּגעטריבן פון זיין פאַרם. ער האָט ניט אַנדערש געמיינט, ווי נאָר אַז איך בין דאָס דער זעלבער מענטש. דערצו איז אים אויך מיין אויפפירונג ניט געפעלן געוואָרן: איך האָב ניט גערויכערט, ניט געטרונקען, זיך געהאַלטן פון דער ווייטן פון אַלע אַנדערע אַרבעטער און ניט צופיל זיך גע'חבר'ט מיט זיי. איז אַ חוץ דעם, וואָס ער האָט מיך פיינט געהאַט פאַר דער כלומר'שטער עולה וואָס איך האָב אים געטאָן, האָט ער נאָך מורא געהאַט, אַז אין פאַל עס מאַכט זיך אַזאַ זאַך ווי אַ סטרייק, וועל איך זיי געוויס פאַרראַטן.

און אין יענעם מאָנטיק אינדערפרי, ווען ער האָט זיך געוואָרפן צו מיר מיט דער האַק און מען האָט אים קוים אָפּגעהאַלטן, האָט דאַן פּאַסירט אַזאַ זאַך: מיט אַ טאָג פריער, זונטיק, האָט ער אָנגעטראָפן אַ גרופּע באַקאַנטע און ער איז מיט זיי אַוועק אַ הוליע טאָן. באַ דער הוליאַנקע האָט ער אויסגע־בראַכט ביז זיין לעצטן סענט. ער האָט זיך דערנאָך געפילט אַזוי באַקלאַפּט, אַז ער איז איינגעשלאָפן דאָרט אין דער זעלבער הויז.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אויף מאָרגן פאַרטאָג, האָט ער דערזען ווי ער ליגט אינדרויסן, מיט אַ קאָפּקעלע היי צוקאָפּנס. די שווערע טוי האָט אים אינגאַנצן דורכגענעצט. ער האָט געפילט אַזוי נאַס און קאַלט, אַז ער האָט קוים די אברים פאַנאַנדערגעוויגט. ער האָט געבעטן באַם אייגנטימער פון הויז דאָרט וואו ער האָט אויסגעבראַכט זיין לעצטן סענט, אַז ער זאָל אים כאָטש געבן אביסל קאַפּע צו דערוואַרעמען זיך, ווייל עס האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. יענער האָט עס אים אָבער אָפּגעזאָגט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט ניט קיין סענט אין קעשענע.

מען קען זיך פאָרשטעלן מיט וואָס פאַר אַ האַרץ ער איז, אַ הונגעריקער און צעבראָכענער אַוועק בראָדזשען די צוועלף מייל בלאָטעס ביז צום קעמפּ. ווען ער איז אָנגעקומען אין קעמפּ, האָט ער שוין פאַרשפּעטיקט פרישטיק און איז אַזוי אַ הונגעריקער און אַ טויט־קראַנקער אַוועק צו דער אַרבעט. און דאָ האָב איך זיך אָנגעשטויסן מיט מיין שווייגן, ניט אָנטיילנעמען

אין אלעמענס געשפּרעכן און אוועקגיין צו דער ארבעט, ווען אלע האָבן זיך צוגעזעצט אָפּרוען און רויכערן. ער איז נאָך מער ווי אלע מאָל געווען איבערצייגט, אַז דאָס בין איך יענער שלעכטער מענטש, וועלכער האָט אים אַראָפּגעטריבן פון זיין פּארם, און אַז מען טאָר מיר מיט גאָר נישט גע־טרויען און אַז איך בין ניט ווערט וואָס איך לעב אויף דער וועלט. מען האָט אים בלויז געדאַרפט עפּעס פּאַרטשעפּען מיט א וואָרט וועגן מיר — ער געדענקט שוין ניט וואָס עס איז געווען — און ער האָט זיך געוואָרפן מיט דער האַס צו מיר. די אנדערע ארבעטער האָבן מיר דאַן באמת געראַטעוועט דאָס לעבן, ווען זיי האָבן אים אָפּגעהאַלטן און מיך אוועקגעשיקט פון דאָרטן.

איצט ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז איך בין גאָר ניט דער זעלבער מענטש, וועמען ער האָט אזוי געהאַסט, אַז איך קום גאָר פון אַן אנדער מדינה און אַז איך בין א פרעמדער דאָ אין לאַנד, האָט אים ביז גאָר פאַר־דראָסן זיין פריערדיקע אויפפירונג קעגן מיר און ער האָט ניט געקענט רוען ביז ער וועט קומען און דורכריידן זיך מיט מיר פון האַרץ צו האַרץ.

דער סוף פון דער דערציילונג איז געווען א סך פרייליכער ווי דער אָנהויב. ערשטנס, האָט ער געקראָגן א בריוו פון זיין מיידל, וואָס ער האָט שוין ניט געהערט פון איר פאַר צוויי יאָר צייט, זינט זי האָט פאַרלאָזן אירע שטיף־עלטערן און איז אוועקגעפאָרן אין די שטאַטן. און דער בריוו איז געווען זייער א גוטער.

זי האָט אים געשריבן, אַז זי איז דורכגעגאַנגען היי־סקול מיט גוטע אויסצייכענונגען. זי האָט שוין אויך מעדאַלן פאַר מוזיק, און איצט איז זי אין באָסטאָן און ארבעט אלס א נוירס אין א שפּיטאָל. זי האָט אויך אביסל אָפּגעשפּאָרט געלט און איר איינציקער וואונטש איז, אַז ער זאָל קומען צו איר. זי האָט אָפּגעזאָגט יונגעלייט פון הויכן יחוס, ווייל זי וויל ניט זיין נידעריקער פון איר מאַן (באַ די ווערטער האָט ער זיך אביסל פאַרקרימט). און זי שרייבט אים און בעט אים, אַז ער זאָל קומען צו איר.

איצט איז ער גרייט צו פאָרן צו איר, און ער שווערט פאַר מיר, אַז ער וועט זי אָפּהיטן ווי זיין אויג אין קאָפּ און וועט אָפּגעבן זיין גאַנצן לעבן צו זען, אַז איר זאָל גאָרנישט פעלן און זי זאָל פאַרגעסן אָן איר אומגליק־לעכער קינדהייט. ער האָט אויך באַשטימט איצט ענדלעך אַריבערצונעמען זיין אַלטע מוטער, וועלכע האָט איבערגעלעבט איר איינגערן זון, און זאָל זי כאָטש אויף דער עלטער לעבן גליקלעך און צופרידן. דערצו האָט ער זיך פאַרשוואָרן, אַז ער וועט אויפגעבן טרינקען און ארומפירן זיך אין שלעכטער געזעלשאַפט, ווי ער האָט דאָס געטאָן פאַר די לעצטע פּאָר יאָר, און וועט ענדלעך ווערן א מענטש מיט מענטשן גלייך.

צום סוף האָט ער זיך מיט מיר געזעגנט און האָט מיך פאַרזיכערט אין זיינע בעסטע חבר׳ישע געפילן צו מיר, און האָט מיך געבעטן צו פאַר־געסן די פריערדיקע מיספאַרשטענדעניש. ער האָט מיך אויך געבעטן, אַז

טאָמער שרייבט ער מיר ניט, זאָל איך עס ניט נעמען פאַר אומגוט, ווייל אַזוי איז דאָס שוין, אַז ווען אַ מענטש איז גוט, פאַרגעסט ער צו שרייבן. (דאָס איז ניט זיינע רייד — פאַרזיכערט ער מיך — נאָר זיין מיידלס. ער האָט ליב איבערצו'חזר'ן אירע קלוגע רייד).

דער ערשטער איינדרוק פון דער דערציילונג איז געווען אַ שווערער. איך האָב זיך פאַרטראַכט ווי שווער עס איז פאַר אַ מענטשן איינצולעבן זיך אין אַ פרעמדן לאַנד — פונקט ווי אַ בוים וואָס ווערט איבערגעפלאַנצט אויף אַ פרעמדן באָדן. וויפיל שוועריקייטן, און גאַנץ אָפט אומדערוואַרטעטע שוועריקייטן, מען טרעפט אָן אין דעם קאַמף פאַר אַ שטיקל אייגענער היים, וואָס מען וויל בויען מיט אייגענער שווערער אַרבעט.

אָבער די ליבע צום לאַנד און צו ערד־אַרבעט האָט מיך באַלד צוריק־געבראַכט אויפן גלייכן וועג. אמת, עס זיינען דאָ שוועריקייטן אָן אַ שיר, אָבער דערפאַר האָבן מיר די פייאיקייט צו לערנען פון אונזערע שוועריקייטן און אונזערע טעות'ן. און דאָס אַליין איז געווען אַ גוטע לעקציע פאַר מיר, אַז איך זאָל לעבן און אַרבעטן אויסגערעכנטערהייט און ניט אונטערנעמען זיך קיין זאַכן וואָס איך קען ניט דורכפירן און וואָס עס קען מיך סוף־כל־סוף רואינירן.

איך האָב זיך צוריק איבערגעבעטן מיט מיינע אַמאָליקע טרוימען און האָב באַשלאָסן פאַרצוזעצן מיין אַרבעט מיט נאָך מער מוט און ענערגיע און — מיט מער דערפאַרונגען.

אַ שטיינערנע אונטערקע

איינמאָל, אַקערנדיק די ערד באַם בויען די וועגן, האָבן מיר אין דער טיף פון 5 מיט אַ האַלבן אינטשעס געפונען אַ שטיינערנע האַק, וואָס די פּאַרצייטיקע פּרימיטיווע מענטשן האָבן גענוצט. עס איז, ווייזט אויס, געווען פון אַ זייער אוראַלטן פּעריאָד, ווייל עס האָט ניט געהאַט קיין לאָך אַריינצושטעקן אַ הענטל.

איך האָב געוואָלט קריגן אַט דעם אוצר און כ׳בין אפילו געווען גרייט צו באַצאָלן דערפאַר גאַנצע דריי דאָלער. אָבער אָנגעקומען איז עס אַן אַנדערן, וועלכער איז געווען טאַקע איינער פון די פּאַקטישע געפינער. איצט געפינט זיך עס אין אָטאַווע, אין מוזעאום, וואוהין ער האָט דאָס שפּעטער אָפּגעשיקט.

איך בין אָבער ניט געבליבן אינגאַנצן אָן אַן אָנדענק פון די אַמאָליקע פּרימיטיווע צייטן. איינמאָל, גראָבנדיק אַ ברונעם אין הויף, האָב איך געפונען אַ שטיין, וואָס איז געווען אָרומגעהאַקט אין דער פאָרם פון אַן אונטערקע. איך האָב שוין דעם שטיין באַ זיך פאַר די לעצטע 25 יאָר און איך ווייס נאָך אַלץ ניט צו וואָס די פּאַרצייטיקע איינוואוינער פון אונזער איצטיקן אידנברידזש האָבן עס געקענט נוצן. איצט איז דאָס שטיינדל אָפּגעפאַרבט אין אַן אונטערקע־קאָליר, און ניט איין פאַרמער האָט זיך גע־וואונדערט צו געפינען אין פרילינג־צייט אַ פּאַרטיקע אונטערקע אין גאָרטן...

ווען אַט דער שטיינערנער אונטערקע גייט דאָ אַרום אַ ווערטל, אַז ווען גאָט האָט באַשלאָסן צו באַשאַפן די אונטערקע, האָט ער מסתמא פריער געמאַכט אַ „סעמפּל” פון שטיין, און אַט דאָס איז דער „סעמפּל” . . .

נאָך אַן אוצר האָב איך איינמאָל געפונען, ווען איך האָב געבויט מיין „פּאַלאַץ”. די קלעצער פאַר די ווענט האָב איך געמוזט טראָגן פון וואַלד אויף די פּלייצעס, ווייל דער וואַלד איז געווען אַזוי געדיכט, אַז מען האָט אהין ניט געקענט צוקומען מיט קיין פערד. האָב איך אַזוי איינמאָל אין וואַלד אָנגעטראָפן אויף אַ צאָל הירשן־הערנער פון אַ גאָר אויסער־געוויינלעכן געבוי. אַ טייל פון זיי האָב איך נאָך איצט.

מיר האָבן אויך אַמאָל, בראַכנדיק ניי לאַנד, אָנגעשטויסן זיך אויף

ביינער פון ריזיקע חיות, וועלכע זיינען שוין היינטיקע צייטן ניטאָ אויף דער וועלט. די ביינער זיינען געווען אזעלכע משונה'דיקע און גרויסע, אַז עס האָט ארויסגעשטויסן דעם פלוג פון דער ערד, און אַ סך יאָרן האָט עס נאָך אונז געשטערט צום אַקערן.

ווייזט אויס, אַז אידנברידזש איז ניט ערשט נעכטן געבאָרן געוואָרן.

העלפן אַ ברודער אין נויט

געוועזן איז דאָס אין פרילינג 1912, ווען אַ אידנבּרידזשער אידישער פאַרמער האָט זיך מיט דער הילף פון זיין פרוים חתונה־מתנות אָרויפ־געאַרבעט אויף אַ פאַרמעגן פון דריי פערד מיט אַ שפּאַן. ער האָט צוליב זיכערקייט וועגן, אַז ער זאָל נישט דאַרפן ערגעץ וואו אוועקגיין אַרבעטן צו אַן אנדערן, געדונגען באַ אַ פאַרמער אַ שטיקל לאַנד.

איינמאָל האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט איבערן טווינט־יאַריקן וואַלד זוכן וואו וואוינען ערגעץ די מענטשן, ועמען מיר באַגעגענען אַמאָל. און קיין אונטערשייד איז דאָך פאַר מיר ניט וואוהין און צו וועמען איך וועל קומען, אַבי נאָר געפינען מענטשן. און נאָך אַ פיר־שטונדיקן שפּאַנען האָב איך אַריבערגעבראָדזשעט דעם טייך, וואָס קרייצט איבער אונזער איצטיקן דאָרף, און באַלד דערהערט אַ מענטשן זינגענדיק עפּעס אַ חזנות׳דיק דריידל. האָב איך זיך דערפרייט, ערשטנס, מיט דעם, וואָס איך האָב געפונען וועמען איך האָב געזוכט — אַ אידישן פאַרמער, און צווייטנס, מיט דעם, וואָס איך וועל מסתמא קענען אונטערשפּאַרן דאָס האַרץ, ווייל איך האָב געפילט אַז די כוחות גייען מיר אוים — אַזוי הונגעריק בין איך געוועזן.

— האַלאָו! האַלאָו! פון וואַנען האָט זיך אַ איד באַוויזן? ווי אַזוי האָט אייך גאָט אַהער אַראָפּגעבראַכט? ווי אַזוי האָט איר געטראָפן דעם וועג? און זעט, איר זייט דאָך נאָס ביזן גאַרטל. קומט אין הויז, טריקנט זיך אָפּ, און איר זייט דאָך זיכער הונגעריק. וואַרפט זיך פאַנאַנדער, קיין פרויען זיינען דאָ נישטאָ. מאַכט זיך היימיש.

איך האָב באַלד דערפילט, אַז דאָס איז די פאַרמער־שפּראַך פון אידנ־בּרידזשער וואַלד, און אין 5 מינוט אַרום זיינען מיר שוין געוועזן ווי אַלטע באַקאַנטע פון דער אַלטער היים.

— וואָס איז אַ איד אַזוי פאַרשוויצט? — פרעג איך אים.

—כ׳באָק היינט ברויט, — ענטפערט ער.—דאָס איז באַ מיר אַן אַרבעט, וואָס איך האָס ווי דעם טויט. איר וואָלט מיך היינט ניט געטראָפן אין דער היים, ווען די שכנה פאַר אַ האַלב מייל פון מיר וואָלט געהאַט מעל פון וואָס צו באַקן ברויט. איך וואָלט שוין געוועזן דאָרטן פאַר סאַפּער.

— און צו וואָס הייצט איר אייער אויוון מיט־אזעלכע לאנגע שטיקער האָלץ? זעט וויפיל קוילן ס'איז ארום אויוון, און ס'איז דאָך רויכיק אין הויז?

— איר זאָלט מיר געזונט און שטארק זיין, איך האָב געהערט, אז איר זייט א קלוגער איד, איז וואָס פארשטייט איר ניט? לאנגע האָלץ וועט זיין הייסער דער אויוון, וועט זיך באַקן בעסער. די קוילן ארום אויוון ארן מיר ניט. איר זעט דאָך קיין דיל איז אין הויז ניטאָ, איז וואָס וועט דאָ ברענען, קיין סופיט אויך ניט, איז וואָס וועט זיך פאררויכערן, דער דאָך?

און זאָל מיר קיינער נישט מקנא זיין אויף יענעם סאפער, וואָס מיר האָבן צוזאמען געגעסן. מילא, די אידנברידזשער בעטשלארישע מאכלים זיינען מיר שוין באקאנט: ברויט מיט סירופ מיט טיי, אָבער אז אָט־דעם פריש־אויסגעבאקענעם ברויט האָבן מיר געמוזט נאָכאמאָל לייגן אויף א הייסן אויוון אביסל צוטריקענען, ווייל מער ווי פון איין זייט האָט זיך עס ניט אָנגעווארעמט, אויף דעם האָב איך זיך גאָר ניט געריכט.

אויך דאָס שלאָפן איז ניט געווען בעסער. און ווען איך האָב פארלאָזט אָט־דעם אידן אויף מאָרגן נאָך פרישטיק, האָב איך ווילנדיק־ניט־ווילנדיק ארויסגעזאָגט מיין מיינונג, אז פון אים וועט שוין קיין גוטער פארמער ניט זיין. און ער האָט טאָקע געענטפערט מיט א „הלואי”.

און היינט איז ער ערגיץ אין די שטאָטן א האָלסעילער, און אויב אים וועט אויסקומען צו לייענען די שורות, וועט ער זיך דערמאנען יענע פאסירונג אין דער קאנאדער ווילדערניש ניט ווייט פון קארעט ריווער, סאסקאטשעוואן.

איז אָט־דער איד מיט די דריי פערד — מיר וועלן אים רופן ר. — נאָכדעם ווי ער איז פארטיק געוואָרן מיט זיין אייגן פעלד, אוועקגעפאָרן מיט זיינע פערד און דאָס ביסל מאשינעריע וואָס ער האָט געהאט צו ב., וועמענס פארם איז געווען 4½ מייל ווייט.

מיטאָג־צייט, ווען די פערד מוזן רוען, האָט ער אריינגעכאפט די פרייע צייט און איז אוועק מיטן וואלד אויפן צווייטן פארם. די שמחה איז ניט צו באשרייבן, אז אידן האָבן זיך באגעגנט אין אזא ווילדער ווילדעניש, און מ'קען זיך איבערבייטן מיט א וואָרט אין דער אייגענער שפראך.

אָבער די שמחה האָט לאנג ניט אָנגעהאלטן, ווען ער האָט דערזען אריבער די ביימער א שווארצן וואָלקן רויך, פונקט אין יענער זייט, וואו זיינע פערד שטייען, און ביז אלע וואָס זיינען געווען אין הויז זיינען דורכ־געלאָפן אָן אָן אָטעם דעם האלבן מייל, האָבן זיי דערזען אז א בארג שטרוי וואָס איז געווען לעבן דעם שטאָל, ברענט, און אויך די שטאָל ברענט שוין. האָט זיך ר. אריינגעלאָזט אין דער ברענענדיקער שטאָל איבערשניידן די שטריקלעך מיט וועלכע די פערד זיינען געווען צוגעבונדן, און ארויסגע־טעוועט זיי פונעם פייער, ווען אינמיטן איז איינגעפאלן דער דאָך און ער

איז שוין דורכגעשפרונגען דורכן פלאַם, וואָס האָט ביז היינט געלאָזט א סימן פון די בראַנד־וואונדן. די פערד זיינען פאַר זיינע אויגן פאַרברענט געוואָרן, און מיט זיי אויך זיין גאַנצע האָפענונג.

אין א טאָג אַרום נאָך דער פּאַסירונג ווען ר. מיט זיין פאַמיליע זיינען אומגעגאַנגען פאַרזאָרגט, ניט האָבנדיק קיין אַנונג פון דעם, ווי אַזוי זיי קענען בלייבן אין אידנברידזש, און ווי אַזוי זיי קענען פאַרלאָזן אידנברידזש אָן שום מאַטעריעלע מיטלען וואָס איז נויטיק איןביידע פאַלן, האָבן זיך די פאַרמערס צוזאַמענגעקליבן צו זוכן מיטלען און וועגן ווי אַזוי מיר אַליין, אַלע פּיאָנערן, וואָס שטאַמען פון קבצן־דלפן־קאָמפּאַני לימיטעד, זאָלן עפּעס קענען טאָן צו העלפן א ברודער אין א נויט. און ס'איז ניט געווען קיין איינער פון די פאַרזאַמלטע, וואָס זאָלן זיין קעגן העלפן.

מיר האָבן באַשלאָסן אַלע זיך צו פאַרדינגען אויסהאַקן א שטיקל וואַלד און דאָס פאַרדינטע געלט אָפּגעבן דעם פאַרמער, וועלכער האָט פאַרלאָרן זיינע פערד.

אָ, וואָלט זיך מיר איצט געוואָלט זיין א פּאָעט צו באַשרייבן דעם אַרויספאָר פון דער עקספּעדיציע, מאַי דעם 26־טן 1912, איינס דעם זייגער נאָך האַלבער נאַכט. די עקספּעדיציע איז באַשטאַנען פון 19 מענטשן מיט 4 פערד און 6 אָקסן. מיר האָבן געדאַרפט קאַרטשעווען דעם טויזנט־יאָריקן וואַלד, רייסן די בוימער מיט די וואָרצלען און מאַכן דאָ א פעלד וואָס זאָל ברענגען נוצן צו דער מענטשהייט. מיר האָבן געדאַרפט קריגן 52 דאָלער און מיט דעם העלפן אונזערן א ברודער אין א נויט. די נאַכט איז געווען א וואָלקנדיקע און א קילע, די מענטשן, ווי די פערד, האַלב פאַרשלאָפן.

ווייל אַלע זיינען געווען האַלב פאַרשלאָפן, איז מען געשטאַנען אין די וועגענער און מ'האָט געשווינגן, נאָר א מאָל דערהערט זיך א שטילער פּראָטעסט ווען א ראָד פונעם וואָגן פאַרטשעפּעט א בוים און דער וואָגן טוט זיך א גליטש אָן א זייט מיט אַן אוי . . .

געדאַרפט האָבן מיר אַזוי פאָרן זיבן מייל. עס איז געווען געשמאַק קאַלט. מיר האָבן לאַנג ניט געקענט איינשטיין אין וואָגן. אַזוי, אַז מען האָט זיך געמוזט בייטן — ווער אין וואָגן און ווער אַרויס פון וואָגן צו דער־וואַרעמען זיך, און ווייטער, ווייטער, אַלץ נעענטער צו טאָג ווען די וואָלקנס פלעגן זיך צעשפּאַלטן און א בלויער הימל פלעגט אַרויסקריכן. און מיר האָבן שוין געקענט כאַפּן א בליק ווי באַ די פערד פון די נאָזלעכער שטראָמט אַרויס גאַנצע בונטן מיט וואַרעמען אָטעם, און צעשפּרייט זיך אין דער קאַלטער לופט. האָבן מיר איינער דעם צווייטן געוואָלט טרייסטן, אַז די קאַלטע נאַכט וועט אַמאָל אַוועק און ס'וועט אָנקומען א וואַרעמער טאָג. האָט איינער פאַר־צויגן א רעוואָלוציאָנער לידל, וואָס מען האָט נאָך געדענקט פון יאָר 1905. 6 אַזייגער אינדערפרי, ווען מיר האָבן קוים פון ווייטן דערזען דורכן וואַלד, אַז עס ציט זיך א רויך פון קוימען פון הויז, האָבן מיר געוואוסט, אַז מען

גרייט זיך פאר אונז מיט א ווארעמען פרישטיק, און אז באלד וועלן מיר אנהויבן מיט אונזערע שארפע העק דערפילן אונזער פליכט.

איך וואלט אויך וועלן זיין א קינסטלער צו באשרייבן יענע פרייד פון דעם פאר־פאלק עלטערע מענטשן, ווען זיי האבן דערזען 19 אידן בא זיך אין הויז, און אלע לוסטיקע פריילעכע יונגע מענטשן. ווען האבן זיי געקענט טראכטן וועגן צוזאמענברענגען אזויפיל אידן אין איין טאג? איך האב אפילו געמערקט, אז ווען מיר זיינען פארטיק געווארן מיטן פרישטיק און מיר האבן זיך אויפגעהויבן פון די פלעצער, האט זיך די אלטינקע מיט די אויגן געבעטן בא איר מאן, זאלן זיי זיך ניט איילן, זאלן זיי זיך אפרוען, כמעט א גאנצע נאכט ניט געשלאפן. אבער דער מאן איז געווען פראקטישער פון איר. 19 מענטשן מיט 10 פיר־פיסיקע — איז יעדע מינוט טייער.

יענער טאג איז פאר אונז געווען עפעס מער ווי א יום־טוב. איך ווייס ניט ווי אזוי איך זאל זיך אויסדריקן, ווייל א יום־טוב מיינט דאך א טאג פון רו, אבער דער טאג איז גראד געווען א טאג פון שווערער ארבעט — רייסן א וואלד מיט דיווארצלען אן דער הילף פון א מאשין איז ניט זייער פון די לייכטע זאכן. און דאך איז עס בא אונז געווען א טאג פון פרייד. איינס איז די הילף צו א נויט־באדערפטיקן, צווייטנס, איז דאס, וואס מיר קבצנים האבן זיך דערפילט ווי א קראפט ווען מיר זיינען פאראייניקט. מיר האבן דערפילט דעם טעם פון קאאפעראציע און ווען מיר קענען אזוי לעבן אונזער גאנץ לעבן אזוי פאראייניקטערהייט, וואלטן מיר ניט אויסגעהאדעוועט אזויפיל פאראזיטן וואס זויגן אונז אויס. ווען מיר לעבן פאראייניקטערהייט וואלטן זיך ניט געקענט אנפלאדיען אזויפיל פיאווקעס־עקספלואטאטארס, וואס זיינען א קללה פאר דער מענטשהייט. און דריטנס, איז וואס ס'האט אונזער שרעק אפגעשניטן ווי מיט א מעסער. ווען מיר זיינען אהער געקומען פון די גרויסע וועלט־שטעט, ווער ס'איז געווען א בעקער און ווער א שוסטער, און ווער ס'האט געשניטן פעלכלעך און געזאמלט אוצרות פארן באלעבאס, און מיר האבן דא געוואלט ווערן פארמערס און בויערס, און אן דערפארונג; און ווען מיר האבן זיך באגעגנט מיט א טויזנט־יאריקן וואלד וואס פארשטעלט דעם הימל, און אייביקע בלאטעס, וואס פארדעקן די ערד, האבן מיר זיך געשראקן, אז מיר וועלן זיך מיט דער נאטור ניט ספראווען. ווען מיר האבן אבער דערזען וואס מיר האבן פאר דעם איין טאג אויפגעטאן איז אונזער גאנצע שרעק אוועק. מיר האבן אין זיך דערפילט א שטאלץ, ווייל מיר זיינען מיט מענטשן גלייך.

מיר קוויקן זיך
מיט שלום עליכמ׳ען

געווען איז עס אין יאָר 1916, ווען מיר האָבן געגרינדעט אונזער יוגנט־קלוב. א קלוב ווי אַלע קלובן, וועמעס ציל ס׳איז געווען אויפקלערונג. און א נאָמען האָבן מיר אונזער קלוב געגעבן „עדיוקעישאָנאַל ענד דראַמאַטיק קלאָב״. פאַרוואָס איז דער נאָמען געווען אין ענגליש איז די געשיכטע אַזאַ:

פאַר דער גרינדונג פון דעם קלוב פלעגן מיר זיך טרעפן אַמאָל בא איינעם, אַמאָל בא א צווייטן, און ווען מיר זיינען נאָר געווען צוויי, דריי אָדער פיר, פלעגן מיר די ערשטע זאַך עפּעס לייענען. האָט זיך געמאַכט אַז פונקט אין דעם טאָג פון אונזער גרינדונג פון דעם קלוב, ווען מיר זיינען געווען אַכט מיטגלידער צוזאַמען האָבן מיר געלייענט שלום עליכמ׳ס ״דרייצן פאַראייניקטע שטאַטן״, און „פאַרוואָס איך גיב ניט ארויס קיין צייטונג״. די „דרייצן פאַראייניקטע שטאַטן״ האָבן אונז געהאָלפן דורכצוקומען מיט די צילן פון דעם קלוב, און „פאַרוואָס איך גיב ניט ארויס קיין צייטונג״, האָט אונז צוגעהאָלפן מיר זאָלן זיך ווייניקער דינגען פאַרן נאָמען, און אַזוי ווי די מערהייט זיינען געווען אינגערע קינדער, ד.ה. פאַר דער מערהייט מיטגלידער איז ענגליש געווען לייכטער צו ריידן ווי אידיש, האָב איך געמוזט צושטימען אויף אַזאַ נאָמען.

און פון די אַכט מיטגלידער איז באַלד געוואָרן צוועלף און מ׳מעג זאָגן, אַז מיר האָבן פון די צוועלף מיטגלידער אינעם „עדיוקעישאָנאַל קלאָב״ מער הנאה געהאַט ווי פון אַנדערע דריי מאָל צוועלף. און צו־צוגיין צום האָל, דאָרטן וואו אונזערע צוזאַמענקונפטן פלעגן פאָרקומען איין מאָל אין וואָך, איז געווען דעם נאָענטסטן 1½ מייל און דעם ווייטסטן 4½ מייל. און אַזוי ווי מיר האָבן דאָ קיינע וועגן ניט געהאַט, נאָר מען האָט געבראָדזשעט דורכן וואַלד אַלע מאָל אויף אַנדערע וועגן, איז פון יעדער מייל געוואָרן א מייל און א האַלבס. קיין אויטאָמאָבילן האָבן מיר נאָך דאַן ניט געהאַט, איז דער באַקוועמלעכסטער שפּאַציר געווען מיט אָקסן און דער געשווינדסטער איז געווען צופוס. איז אָט דעם איין מאָל אין וואָך צו קומען

אין האָל געווען א הייליקייט. מען איז ניט געגאַנגען פּארמאַטערטע, נאָר מען איז געלאָפן ווי יונגע הירשן. והאַ־ראיה, אַז אונזער אָפּמאַך איז געווען צו קומען אין האָל צוויי אזייגער נאָך האַלבן טאָג, און ווער עס וועט פאַר־שפּעטיקן און קומען אין מיטן וועט ניט קענען נעמען קיין אנטייל אין די דיסקוסיעס ביז דעם קומענדיקן צוזאמענקונפט. האָט עס נאָך קיין איין מאָל ניט פּאסירט אַז איינער זאָל פאַרשפּעטיקן (גאַרנישט ווי די אידישע מיטינגען).

און געווען איז עס אין א צייט, ווען מיר זיינען נאָך ניט געווען אמעריקאַניזירט. מיר האָבן נאָך דאַן ווייניק וואָס געוואוסט פון דעם עלפטן געבאָט פון דער אמעריקאנער תורה פון „האַרי־אַפּ", און אויך ניט פון דעם צוועלפטן געבאָט, פון „טאַים איז מאָני"; אפילו ניט פון דעם 13־טן געבאָט, פון „ביזנעס בעפאָר פּלעזשור". מיר זיינען נאָך געווען פרישע איירָאָפּייער, און מיר האָבן נאָך געוואוסט דעם טעם פון א גייסטיקן צוזאַ־מענקונפט. איז אָט אין יענעם זומער, ווען דער קבר פון אונזער אַלט־באַליבטן שלום עליכם איז נאָך געווען א פרישער בערגל, האָבן מיר זיך געפילט ווי צו פּאָלגן דעם נפטר, ניט צו קלאָגן נאָך אים, נאָר לייענען זיינע זאַכן און לאַכן. און בא א צוזאמענקונפט אין אונזער האָל האָבן מיר אָפּ־געמאכט אַז יענעם טאָג זאָלן מיר ניט דיסקוטירן נאָר לייענען זיינע זאַכן. (ס'געדענקט זיך מיר, אַז דאָס איז געווען א שבועות־טאָג) און דער גורל איז געפאַלן אויף מיר אַז איך זאָל לייענען. פרעג איך מיין עולם וואָס זאָלן מיר לייענען, האָט מען מיר געענטפערט — לייענט וואָס איר ווילט, זיינע, איז אַלעס גוט. נאָר דאָך, אָן ערך? איז געבליבן אַז מ'זאָל עפענען דעם בוך, און וואָס ס'וועט זיך עפענען זאָל איך לייענען. האָט זיך אויפגעמישט: „מיין ערשטער ראָמאַן" און דער עולם איז געווען זייער צופרידן. ערשטנס א ראָמאַן, דער נאָמען אַליין צינדט שוין אָן יונגע הערצער. און צווייטנס, מ'האָט אָן מיר געזען א נקמה, ווייל דאָס רוב אַז איך פלעג פּאַר זיי עפּעס לייענען פון אונזערע ליבלינגען, שלום עליכם, מ. ווינטשעווסקי, א. רייזין, ד. עדלשטאַט, י. באָוושאָווער, ראָזנפעלד, פּרץ, פרוג, דינעזאָן, טאָלסטאָי, קראָפּאָטקין און א. וו. פלעג איך אויסמיידן צו לייענען לאַנגע זאַכן, ווייל איך האָב זיך געהאַט מיין כלל: אַז יונגע קינדער אין אמעריקע דאַרף מען זיך אויסהיטן פון איבערפירן זיי דעם אַפּעטיט, ווי דאָס קומט פון לייענען לענגערע זאַכן.

ווען איך האָב געלייענט האָט געהערשט א טויטע שטילקייט. מ'האָט געקענט פילן דעם כבוד צום מחבר. מען האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון צו לאַכן, אפילו דאָרטן וואו דער לערער איז געווען געצוואונגען צו ליגן אויף דער זאָפע מיטן פּנים אַרויף צו דער סטעליע, און פאָלגן דעם תלמיד צו שפּייען דורך די ציין גלייך אין סטעליע, אַהין וואו דער תלמיד דער חתן־בחור פלעגט פונקט שפּייען; און אויך ניט פון דער באַלעבאָסטע מיטן פּאַק

שליסלען. אָבער דערפאַר ווען מ'איז געקומען דאָרט וואו דער לערער פאַרליבט זיך אין זיין תּלמיד'ס כּלה, ווייל ער, ד. ה., זיין תּלמיד איז אַ גראָבער יונג, און ער ווייסט, אַז ער, דער לערער, שרייבט דאָך די בריוו צו דער כּלה, און אין דעם חתנס נאָמען גיט ער עצות וואָס פאַר אַ ביכער זי זאָל לייענען, איז מען געוואָרן אביסל אומרואיק. איך האָב געפילט ווי יעדערער וויל עפּעס זאָגן, און איבערהויפּט האָבן זיך די פרויען באַוועגט. און נאָכדעם ווי פון דער כּלה איז אָנגעקומען דער ענטפער, אַז די ביכער פון הוגאָ, ניטשע, שעלי, באַיראָן א. א. האָט זי שוין געלייענט, און זי וויל אַן אַנדער צעטל וואָס צו לייענען, און ווי דער לערער, אויסהערנדיק דעם ענטפער איז שיר משוגע געוואָרן פאַר ליבע צו אָט דער אינטעליגענטער מיידל, איז מען שוין געוואָרן היבשלעך אומרואיק. האָב איך זיך געמאַכט אַז איך האָב זיך פאַרהוסט, כּדי צו געבן דעם יונגן עולם אַ געלעגנהייט אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג וועגן דעם, ד. ה. לאָזן לויז זייער נייגעריקייט. און מען האָט זיך טאַקע ניט געלאָזט בעטן.

צוערשט איז אַרויס מיט לשון אַ מיידל, וואָס האָט פאַרטיידיקט איר מין, און האָט געהאַלטן אַז די גרעסטע חכמה וואָלט דער לערער געטאָן ווען ער רוימט איין אין אַ סוד אין אויער דער כּלה נאָך פאַר דער חתונה אַז ער, און ניט איר חתן שרייבט עם די בריוו, און זי באַדויערט זייער וואָס אַזאַ אינטעליגענטע מיידל וועט אַריינפאַלן צו אַזאַ פּויער. ווידער אַ צווייטע מיידל האָט זיך געקאָכט פאַרקערט: וואו איז דאָ די מאָראַל און וואו איז יושר, צונעמען אַ צווייטנס כּלה, צעברעכן אַ ליבע. ניין, ניין, און טויזנט מאָל ניין. אַזאַ זאַך טאָר ניט פּאַסירן. קומט אַ דריטע און העלפט דער ערשטער, אַז וויבאַלד אַז מ'נאַרט דער מיידל פון „א" ביז „ת", מעג זי דער לערער אָפּריידן פאַר זיך. נאָר דאָ קומט שוין אַן אַנדער טיפּ מיידל, און דערקלערט אַז ניין: דער מיידל וועט גאָרנישט פעלן, זי וועט דאָ אַריינפאַלן אין אַ שמאַלץ־גרוב. דער חתן, אַ בן־יחיד, און ער וועט ירש'ענען דער מאַמען, היינט וואָס וועט איר פעלן. אמת, איינע אַ יונגע פרוי האָט איר באַלד געענטפערט, אַז אַן אינטעליגענטע מיידל זוכט ניט קיין גריבער, מעגן זיי אַפילו זיין פול מיט שמאַלץ.

איך האָב דערזען אַז די דיסקוסיעס פאַרציען זיך צו ווייט, און אונזער צוועק פאַר יענעם טאָג איז דאָך געווען צו לייענען און צו לאַכן, האָב איך אויסגערופן אַז איך האָב נאָך אביסל צו דערלייענען, און דאַן וועלן זיי עס קענען דיסקוטירן וויפיל זייער האַרץ וועט גלוסטן. און ס'איז געוואָרן שטיל. איך האָב זיי אביסל אָנגעצויגן, און מען האָט שוין געוואָלט וויסן די ענדע, און איבערהויפּט איינער אַ בחור, וואָס האָט זייער געהאַלטן פון לאָגיק, און ער האָט גע'טענה'ט אַז מען דאַרף אַלע מאָל לייענען ביזן סוף, ווייל, האָט ער זיך געקאָכט, אַז אַ שרייבער שרייבט עפּעס, מיינט ער עפּעס אויסצופירן, און דערפאַר מוזן מיר הערן דעם סוף, און שפּעטער אורטיילן.

און קוקנדיק אויף אַט דעם בחור, זיינען שוין אַלע געוואָרן אומרואיק. איך האָב אָבער געצויגן וויפיל איך האָב געקענט. און אַט איז שוין די חופּה, און אַט קומט שוין דער לערער און ראָמט דער כלה אריין א סוד אין אויער, אַז ער איז גאָר דער שרייבער פון די בריוו, אָבער . . . אַז מ׳האָט זיך דערוואוסט דעם סוד, אוי וויי! און מ׳האָט אויסגעשאָסן מיט אַזאַ געלעכטער אַז מ׳האָט זיך פּשוט געקייקלט איבערן דיל — און מיר האָבן אונזער ציל דערגרייכט.

דער זיידע ווינטשעווסקי אין אידנבורידזש

דאָס איז געווען אין די מלחמה־יאָרן (1914־1918), ווען כמעט דער גאַנצער ערד־קוגל איז געווען איינגעוויקלט אין פֿלאַמען, אַ צייט ווען די גאַנצע מענטשהייט איז געווען פֿאַרגיפֿטעט ביז משוגעת; ווער ס׳האָט מיט־געהאָלפֿן און ווער ס׳האָט צוגעקוקט ווי מענטשן ווערן פֿאַרוואַנדלט אין ווילדע גרויזאַמע חיות, קוילענדיק איינע די אַנדערע, ניט וויסנדיק פֿאַרוואָס און פֿאַרוועז, און האָבן געשוויגן — איז אַלץ איינס משוגע. איז אָט אין יענער צייט, זיצנדיק אין אידנבורידזש, אָפּגעריסן פֿון דער גאַנצער וועלט, פֿלעגן מיר זיך אָפּט צוזאַמענקלייבן אין אונזער זאַל וואָס מיר האָבן פֿאַר דעם צוועק אויסגעבויט, און דאָרט פֿלעגן מיר זיך אויסריידן איינער פֿאַרן אַנדערן וואָס יעדן האָט געדריקט אויפֿן האַרצן, און נאָכדעם פֿלעגט עס ווערן גרינגער ביז ס׳פֿלעגט זיך ווידער אָנקלייבן (און ס׳האָט ניט גענומען לאַנג דאָס אָנקלייבן זיך), פֿלעגט מען זיך ווידער צוזאַמענקלייבן. דער זאַל האָט צו זיך געצויגן ווי אַ מאַגנעט און מען פֿלעגט זיך ציען מחנות׳ווייז עולה רגל זיין, און דאָרט לאָזן אַלע ליידן און אַן אָפּגעפֿרישטער אַוועק אַהיים אין די כאַטקעס אין מיטן וואַלד.

האָט עס פּאַסירט, אַז איין מאָל האָב איך זיך דורך אַ צופֿאַל פֿאַר־שפּעטיקט און ווען איך בין געקומען איז שוין די פּראָצעדורע געווען אין פֿולן ברען. אין אַ ווינקל, הער איך, קאָכט מען זיך: סטייטש, סטייטש אַזאַ בלבול, וואָס איז? איינער האָט געקראָגן אַ בריוו פֿון זיינעם אַ קאָזין פֿון מאָנטרעאַל, וואו ער באַקלאָגט זיך אויף פּיאַווקעס, וואָס זיינען בעלנים אויס־צוזויגן יענעמס בלוט ביזן דעק, און טאָמער איז נאָך פּיאַווקעס ווייניק, איז אויך שווינדלער. איר זייט אַוועק אויף פֿאַרמס. ערלעכע לייט, איר אַליין האָט ניט געקענט פֿאַרליידן די עוולות וואָס מען טוט אויף דער וועלט צום אָרעמאַן, און איר אַליין זייט ניט בעסער. אַ שטיקל פּוטער מיט גאָלד צו גלייך. אַן איי קען מען אינגאַנצן ניט קויפֿן, טייערער פֿון גאָלד. פֿלייש אַ משוגע׳נער פּרייז. וואָס טוט זיך דאָ מיט אייך? אונזער אַ קינד קען ניט זוכה זיין צו אַ גלאָז ריינע מילך (אָן וואַסער), פֿון אַן איי שוין אָפּגערעדט.

אָט מיט אַזעלכע אָקסן האָבן אידישע פאַרמער
געריסן שטיקער פון א טויזנט־יאָריקן וואַלד
און געמאַכט דעם באָדן רייף צום פאַרזיי
פון תבואה און גרינוואַרגס.

מאַיק פירט מעיבל פרעיזיס און אַ אידיש אינגעלע
אין אַ סקול אַריין.

דוד אוסישקין, מאַיקס ברודער באַטראַכט די הינער

מאַיק לערנט זיך טרייבן א טראַקטאָר. מיטן פערד
קען ער זיך בעסער ספּראַווען.



מאַשאַ גאָרדאָן קען זיך יאָ אַ ריד טאָן
מיט אַ טראַקטאָר.



מאַיק גייט אין
שטאַל אַריין האָ־
דעווען זיין פערדל

באַרני ספּרינגמאַן באַ די פערד; רובי ספּרינגמאַן, זלמן פּאַקס,
רייפל אַבראַמסקי, אייזיק קאַהן און מאַיק
קאַרטשעווען דעם וואַלד.

אידישע פאַרמער
דרעשן תבואה פאַר
אַ שכן. די אויסגע־
דראָשענע תבואה
פליסט אין שפייכ־
לער אריין.

אין א צוויטן ווינקל, מען קאָכט זיך ווייטער, וואָס טוט זיך דאָ. איינער האָט געקראָגן א ידיעה פון לאָנדאָן דורך ניו־יאָרק, אז אַן עראָפּלאַן וואָס האָט געשאָסן מיט פייער און מיט באָמבעס, האָט געטראָפן דעם קווארטאל וואו זיינע צוויי שוועסטער האָבן געוואוינט, און וואו א סך פרויען און קינדער זיינען געטויט געוואָרן און א סך זיינען פון שרעק משוגע געוואָרן. און צווישן יענע וואָס האָבן זיך פון זינען גערירט און שפּעטער געשטאָרבן איז אויך זיינע א שוועסטער געווען.

ס'טייטש, ס'טייטש, האָט מען זיך געקאָכט. ווי קומט עס, אז מיר לעבנדיק אין א ציוויליזירטער וועלט, זאָלן ניט פאַרשטיין אז אומבאוואָפנטע פרויען און קינדער זיינען אינגאנצן אומשולדיק, און ס'קומט אויס אזוי ווי א באוואוסטזיניקער מענטש זאָל צוקומען צו א ברעקל קינד און זאָל אים טויטן גאָר פאַר גאָרנישט, ווייל א ברעקל קינד קען דאָך קיינמאָל שולדיק נישט זיין.

נאָך אין א דריטן ווינקל הער איך ווי ס'ציט זיך עפּעס אַן אומעטיקע מעלאָדיע פון עפּעס ווערטער אזעלכע וואָס פּאַסן צו דער מעלאָדיע: „אכט שילינג א וואָך און א. וו. צום לעבן צו ווייניק, צום שטאַרבן צו פיל".

נאָך אין א ווינקל דאָס אייגענע ליד. מען זיצט מיט פאַרכמורעטע פּנים'ער און מען פאַרציט דאָס ליד: „אכט שילינג א וואָך, צום לעבן צו ווייניק, צום שטאַרבן צופיל".

נאָך א גרופּע פאַרצאָרנטע אויף אונזערע מיטלייט, וואָס קוועטשן ארויס באַם פאַרמער דעם מאַרך פון די ביינער. מען דריקט אראָפּ די פּרייזן אויף זיינע פּראָדוקטן ביז צו דעם מינימום וואָס מען קען שוין מער ניט קוועטשן, ווייל עס בלייבט שוין גאָרנישט. מיר קריגן 25 סענט פאַר צוויי טוצן אייער, און פאַר 2 פונט פּוטער אויך די זעלבע 25 סענט, און קיין מזומן, דאָס איז חס מלהזכיר. אויך ניט קיין מעל, ניט קיין צוקער, ניט קיין שיך, נאָר ציקאָריע, פעפער, קובעבע מיט לאַקרעץ. און א פּרייז, וויפיל דער סטאָרקיפּער וויל גיט ער, אז ניט זאָגט ער: — טראָג דיין פּוטער אין פּאַריז. און דאָ רופט מען אונז נאָר פּיאַוועס, שווינדלער!

און פון דאָרטן, אין סאַמע אויבנאָן קאָכט מען זיך און מען שרייט. מען מאַכט מיט די הענט, פאַרטיפט ווי אין דער גמרא. די ציוויליזאַציע איז משוגע. אז אפילו אונזערע רעליגיעזע פאַרשטייער, וואָס פּרעטענדירן צו קומען אין קאָנטאַקט מיט די הימלען, איז ניט נאָר זיי האַלטן ניט אָפּ מלחמות נאָר זיי העלפן צו. זיי פאַרפאַסן ספּעציעלע תפילות, אז אונזער אַרמיי זאָל צעשלאָגן דעם שונא, ניט אַכטנדיק אויף דעם וואָס מענטשלעך בלוט וועט זיך גיסן ווי וואַסער. אָט האָט זיך געקאָכט א פרוי אין די מיטעלע יאָרן און מיט קנייטשן אויף איר פּנים, וואָס האָבן דייטלעך געוויזן אז זי איז א סך אינגער ווי זי קוקט אויס — זיי האָבן דאָך געקענט פאַרפאַסן תפילות, אויב זיי דענקען אז ס'וועט העלפן, אז קיין מלחמות זאָלן אינגאַנצן ניט זיין.

„אַ, זייט איר במחילה אַ פּראָסטער שטאָטסמאַן", — האָט זיך צעקאָכט אַ יונגערמאַן, נאָך אַ גרינער אין לאַנד, איבערשלאָגנדיק איר ריידן.

נאָך אין אַ ווינקל האָבן זיך געהערט אַנדערע קולות פון ווילדן צאָרן. ס'איז געווען פשוט פאַרטויבט צו ווערן. יעדער איינער האָט געהאַט אויפן האַרצן אָנגעלאָדן פול מיט דאגות פון אַלע זייטן. עס האָט יעדן געדריקט די טראַגעדיעס פון יענער זייט ים. יעדער איינער האָט געפילט די קאָנסע־קווענצן פון דער מלחמה. ניט בעסער, און אפשר נאָך ערגער פון אַנדערע מלחמות — טויט, הונגער, דלות, מגפות, רעוואָלוציעס, בירגער־קריג, פאַר־ניכטונג, חרוב ומוחרב, די גאַנצע תוכחה גיסט זיך אויס איבערהויפּט אויפן אָרעמאַן און א. א.

איך האָב געמיינט, אַז איך בין אַריינגעפאַלן אויף אַ יאַריד, און איך האָב זיך אָוועקגעלאָזט זוכן עפּעס אַ פריילעכן פּנים. איך מוז זיך מודה ומתודה זיין, אַז מיך ציט ניט צו אַזעלכע זויערע פּנים'ער, אָט די איוב'ס טרערן מיטן זאַק אויפן קאָפּ. און אָט אַזאַ איינעם אַ פריילעכן האָב איך געזוכט. און ווי זאָגט זיך ערגעץ אַ ווערטל: — אַז מען זוכט געפינט מען. האָב איך טאַקע באַלד באַגעגנט מיינעם אַ פריינט וואָס האָט געפילט אויך אַזוי ווי איך, און ער זוכט מיך, איך זאָל ראַטעווען די סיטואַציע, זען עפּעס אַ מיטל צו פאַרטרייבן די זויערקייט פון די פאַרכמורעטע פּנים'ער. מיר מוזן, — זאָגט ער, אַ זוך טאָן אין שאַפּקע אין די ביכער, און עפּעס אויסגעפינען וואָס זאָל בייטן דעם טאָן פון דעם גאַנצן זאַל. איך ענטפער אים, איך רעכן אים אויס וואָס מיר האָבן אין אונזער אָרעמער ביבליאָטעק, און אַלץ וואָס איך האָב פאַר אים אויסגערעכנט האָט ער אַלץ ניט געפונען פאַר פּאַסיק, נאָר אַז איך האָב אים דערמאָנט דעם זיידן ווינטשעווסקים לידער, האָט ער פאַר שמחה אַזש אַ שפּרונג געטאָן.

—אַי גוט! גיט מיר אַהער „אַ בעזים און אַ קער".—און איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט אַרויסצונעמען דעם ביכל פון דער שאַפּקע, האָט זיך די ידיעה בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבערן זאַל, און ס'הערט זיך שוין פון אַלע ווינקלען: „מיר דאַרפן מער קיין טיטלמאַן, אַ בעזים און אַ קער".

און פון אַן אַנדער ווינקל האָט זיך געהערט: „הערט איר קינדער ווי עס רירט זיך, ווי עס רירט זיך איבעראַל! ווי דער אַרבעטסמאַן מושטירט זיך . . . " און וואו וואָלקן, וואו זויערקייט, וואו . . . נאָר לויטער ליכט, לויטער פרייד, אַלע שאָטנס זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן, אַזוי ווי מער ווי ליכט וואָלט קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען. און ס'האָט לאַנג ניט גענומען, און פון די זויערע, איינגעלייגטע, פאַר'חושכ'טע פּנים'ער איז אויסגעוואַקסן אַ פריילעך ריקוד'ל און מען האָט זיך פשוט געהויבן אין דער הויך. „מיר דאַרפן מער קיין לידיק־גייער", און א. וו. און פון אַן אַנדער ווינקל:

„דען ער בוקט זיך ניט פאר געזעצן.
קניט פאר אָפּגעטער ניט מער,
ווײל זיך מער ניט לאָזן העצן,
צו געברויכן זײן געווער, און א. וו.״

און ווען ס׳איז געקומען די צײט צו גײן אהײם, איז מען מיך באַפֿאַלן: — „גיט מיר דעם ביכל, איך װעל עס מאָרגן ברענגען״. „נײן, גיט מיר דעם ביכל, איך װיל זיך אויסלערנען״. אי, דער בעזים, דער בעזים, און כמעט אַלע האָבן געוואָלט דעם ביכל פאר זיך. אָבער אזוי ווי צו אַלעמען מיט־אמאָל האָב איך דעם ביכל ניט געקענט געבן, און אום אויסצומײַדן קנאָה האָב איך געמאכט א פאָרשלאָג, אז אַלע זאָלן מיר נאָך פאַרברענגען אין זאַל א האַלבע שטונדע, און מיר זאָלן זיך די ליד „א בעזים און א קער״ אויסלערנען אויף אויסנווייניק. און אין יענע יאָרן זײנען נאָך אַלע געווען פרישע אײראָפּײער, נאָך ניט אזוי פאַר׳דאָלאַר׳ט, מיט גענוג גײסט, לעבן, האָפענונג און ד. ג. איז א ליד אויסצולערנען זיך אויף אויסנווייניק געווען ניט פון די שווערע זאכן. און נאָך ווייניקער ווי אין דער האַלבער שעה האָבן זיך שוין געהערט טענער פארשיידענע. און איבערהויפּט האָט דער „בעזים״ דעם עולם אזוי דערפרישט, און ווי נײ־געבאָרן איז מען אוועק אַלע צופרידענע, און נאָך ווײט ווײט נאָך דרײ מײל גאַנג האָבן זיך געהערט פון דער ווײטנס טענער, און דער ווידערקלאַנג האָט אָפּגעענטפערט:

„מיר דאַרפן מער קײן טיטלמאַן, קײן מיטלמאַן, ניט מער„.

אידישע שרייבער באַזוכן אונז

אינמיטן א געוויסן זומער האָט זיך צו אונז אַראָפּגעלאָזט א איד, א קריטיקער און שרייבער, נח שטיינבערג, אַזש פון ניו־יאָרק.

—ווי אַזוי, פריינט, האָט איר אויסגעפונען אונזער פּאַרוואָרפענעם ווינקל אידנברידזש?

— אָט אַזוי. פאַר אונז, ניו־יאָרקער, איז מאָנטרעאל און טאָראָנטאָ אויך פאַרוואָרפן, נאָר אז מען לאָזט זיך פאָרן, פאָרט מען שוין ביז וויניפעג, און ערשט אין וויניפּעג דערוויסט מען זיך, אז עס איז נאָך אַלץ ניט די לעצטע סטאַנציע — און מען פאָרט ווייטער.

ער האָט בא אונז פאַרבראַכט איבער צוויי וואָכן. די פאַרמערס — און איבערהויפּט די פאַרמערקעס, זיינען אַלע מאָל זייער גאַסט־פריינטלעך, און אַז אַ מענטש קומט, פילט ער זיך היימלעך, און פאַר אַזעלכע מענטשן וואָס וואַנדערן גרויסע שטרעקעס און מאַטערן זיך אויס, איז אידנברידזש א מקום מנוחה. עס איז זייער שטיל, די נאַטור איז רייך, די לופט איז גוט, א. א. וו.

מיר האָבן געהערט זיינע זעקס לעקציעס. ער האָט אונז באַקענט מיט אונזערע אידישע גדולים, קלאַסיקער, מיט די ליידן פון די אַרבעטער פון דער גרויסער שטאָט. ער איז פון אונז אַוועק א צופרידענער, און מיר דאַ זיינען אויך פאַרבליבן צופרידן, און מיר האָבן באַצייכנט זיין קומען צו אונז, אַז ער האָט דורכגעבראָכן איינע פון די שטיינערנע ווענט, מיט וואָס אידנ־ברידזש איז פאַרשטעלט פון דער אויסערער וועלט.

און שפּעטער מיט א שטיקל צייט הערן מיר א טעלעפאָן־רוף — פון־וואַנען? פון סאַסקאַטון, פון דעם דראַמאַטורג און זשורנאַליסט, ל. מלאך, אויב ער זאָל קומען אין אידנברידזש. מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. אָבער ווי אַזוי ווייסט איר וואו אידנברידזש געפינט זיך — ווייס איך טאַקע ניט. אָבער מען קען דאָך ווי עס איז צוקומען צו אייך. יאָ, מען קען צוקומען, אָבער פון וואַנען ווייסט איר פון אונז, און וואָס ציט אייך צו אונז? ווייזט זיך אַרויס, אַז פריינט שטיינבערג האָט געלאָזן א ברעג פאָדים פון אידנברידזש אין מאָנטרעאל, און אָן דעם ברעג האָבן זיך אָנגעכאַפּט גוטע מענטשן פון די

אינטעליגענטערע קרייזן. און ל. מלאך איז, זייענדיק אין מאָנטרעאַל, געקומען אין באַרירונג מיט די מענטשן און דער פּאַדים ציט אים אהער.

און ל. מלאך האָט מיט אונז פאַרבראַכט דריי אָוונטן, ער האָט גאָרנישט אויסגעקוקט ווי אַ גאַסט פון די ווייטע לענדער, נאָר אַ היימישער איד, מיט אַ זייער אײדעלער נשמה, און איז מיט אונז ווי דאָ געבאָרן.

דעם ערשטן אָוונט האָט ער אונז אָפּגעגעבן אַ גרוס פון די 30 טויזנט אידישע קאָלאָניסטן פון ארגענטינע און בראַזיל, וואָס זיינען פריער געווען פון אונז זייער ווייט, נאָר נאָך זיין גרוס, געוואָרן זייער נאָענט, און זיינען איצט, אָדער געווען אונטער דער יק"א. און ריידנדיק פון זיי אַלס פּיאָנערן, פון זייערע לײדן, האָבן מיר געמיינט אַז ער רעדט פון אונז. נאָר ווען ער איז געקומען צום שונא, דעם היישעריק, און שכנים (באַנדיטן) וואָס פאַלן־אָן אויף פרידלעכע קאָלאָניסטן, וואָס דאָס איז אונז פרעמד (מיר האָבן זיך אייגענע צרות) האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז ער רעדט עס וועגן זיי, און נאָך האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז פּיאָנערן, מעגן זיי זיין אויף דער לבנה, זיינען זיי אויף צרות.

דעם צווייטן אָוונט, ווען דער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט צוהערער, האָט ער אונז באַקאַנט מיט דער ארגענטינער אידישער ליטעראַטור בכלל, און מיט דער אידישער פּרעסע בפרט. און די צייטונג „די פּרעסע" אַלס אַן אויסנאַם. ער האָט אונז באַוויזן אַ זייט אין דער צייטונג וואו עס אַדוועָר־טאַיזט זיך אַ טעאַטער פאָרשטעלונג וואו אַלע זיינען ווילקאָמען, חוץ די טמאים, דאָס מיינט מען יענע נידעריקע נפשות וואָס האַנדלען מיט ווייסע שקלאַפן.

ער האָט פאַר אונז געלייענט זיינע שאַפונגען. אָבער דאָ מוז איך זיך אָפּשטעלן; פאַר דעם איז מיין פּען צו שוואַך, איבערהויפּט „דער ווייסער שלייער" וואָס דערמאָנט די שפּאַנישע אינקוויזיציע, און „צוויי חברים". ער האָט גענומען דעם פּובליקום מיט שטורעם.

זיצט לעבן מיר אַ מאַן אין די עלטערע יאָרן, מיט וועמען איך האָב פריער געהאַט אַ שמועס וועגן ענלעכע צו די וואָס ער האָט געלייענט זאַכן. זאָגט ער: „ע, סענטימענטאַליזם! דאָס פּאַסט פאַר ווייבער" און אַליין האָט ער ניט געפילט ווי ס'קייקלט זיך אים אַ טרער נאָך אַ טרער פון זיינע אויגן. פון דער צווייטער זייט איז געזעסן אַ יונגע מוטער אָן באַוועגונג, באַ וועמען עס איז געווען צוגעשפּילעט אַ רויז צו איר קלייד, און באַ וועמען טרערן האָבן זיך געטריפט ווי אַ רעגן, און געפאַלן אויף דער רויז. און מיר האָט זיך געדוכט אַז די רויז וואַקסט און ווערט גרעסער.

און — אחרון, אחרון חביב. דעם דריטן אָוונט האָט ער אוועקגעגעבן פאַר אונזערע קינדער. צום ערשטן מאָל אין אונזער אידנבריזשער געשיכטע, אַז קינדער האָבן אַזאַ פאַרגעניגן. ער האָט פאַר זיי געלייענט זיינע זאַכן, און האָט זיי דערציילט פון יענע קינדערלעך פון די ווייטע לענדער, זייער אַרט

לעבן און שטרעבן. און די קינדערלעך האָבן מיט אָפענע מיילער געגאַפּט. ער האָט זיי מיט זיינע מעשה׳לעך פּשוט פאַר׳כשופ׳ט.

אָבער ווען די קינדער האָבן אים אין א זאַפּטיקן אידיש באַוויזן אַז קינדער, מעגן זיי וואַקסן אין וואַלד, בלייבן זיי דאָך קינדער, האָט עס אים א צופּ געטאָן און ווען איך האָב מוט וואָלט איך געזאָגט אַז זיינע אויגן זיינען געווען נאַס פון פריידנס־טרערן. און ניט אומזיסט האָט ער טאַקע אין יענעם אָוונט באַמערקט אַז ער האָט געהאַט א טעות, ער האָט געמיינט אַז ער אַליין איז אויפן יאַריד, ערשט, ס׳האָבן זיך געפונען קאָנקורענטן.

און ער האָט זיך פּשוט ניט געוואָלט שיידן מיט די קינדער. און נאָכדעם ווי א מוטער פון א קינד האָט באַם געזעגענען זיך מיט פריינט ל. מלאך, געשילדערט אונזערע מורא׳דיקע ליידן אין אידנבערידזש אַלס א פאַרוואָרפענעם ווינקל, וואו מיר זיצן פאַרשפּאַרט ווי אין א טורמע, און ניט מיר ווייסן פון דער וועלט, און ניט די וועלט ווייסט און וויל ניט וויסן פון אונז, און אַז מיר מוזן מיט אונזערע אייגענע אויסגעמאַטערטע שוואַכע כוחות אַליין דורכברעכן די כינעזישע וואַנט, האָט מען געקענט מערקן ווי ס׳קאַפּעט א טרער נאָך א טרער, אָבער עס גייט ניט פאַרלאָרן און ער זאָגט אונז צו צוריק־וועגס צו קומען נאָכאַמאָל, צו טיילן זיך מיט אונזערע ליידן.

טייערער פריינט, איידעלע נשמה, מיר האָבן אין דיר דערפילט א נאָענטן, אַ מיטפילנדן . . .

מלאך איז טאַקע, באַ א צווייטער געלעגנהייט, געווען נאָכאַמאָל מיט אונז 3 טעג צייט, פון וועלכע מיר האָבן זייער הנאה געהאַט און פיל געלערנט. זיין פּריצייטיקער טויט האָט אונז אַלעמען שטאַרק געטראָפן.

באַראָן הירש געבורטסטאָג

זונטיק אָוונט, דעצעמבער 31־טן, 1931, ניט געקוקט אויף דעם שטאַרקן פראָסט איז דער פּאַרמערס זאַל געווען איבערפילט מיט אַן עולם פון איין ברעג ביזן צווייטן. אַלע בענקלעך זיינען געווען פאַרנומען און מאַנכע פון די אינגערע איז אויסגעקומען צו שטיין. דער זאַל איז דעקאָרירט מיט פאַר־שיידענע פאַרבן. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף באַווייזט זיך אַ גרויסע בילד פון באַראָן הירש. לעבן בילד — גאַרבן פון ווייץ, און באַפּוצט מיט בינטלעך זאַנגען. פון אויבן איבער דער בינע אַ מורא'דיקער פּאָוסטער מיט ריין געדרוקטע (מיטן האַנט) גרויסע אותיות. „צום הונדערט־יאָריקן געבורטס־טאָג פון באַראָן הירש און פערציק יאָר יק"א", וואָס איז אַגב געמאַכט געוואָרן פון אַ יונגן פּאַרמער. אַלעמענס אויגן זיינען געווענדעט צו דער בילד, אויף אַלעמענס אויגן האָט מען געקענט לערנען יעדנס געדאַנקען, אַז די פּערזאָן וועמען מיר זען דאָ אויף דער בילד האָט פאַרדינט אַלעמענס אכטונג און צו וואָס אַט דער גרויסער מאַן האָט געשטרעבט, האָט ער דערגרייכט, און דאָס איז זיין באַלוינונג.

דער פאָרזיצער וואָס איז גאָר פון די ערשטע פּיאָנערן (געקומען אין אידנברידזש אַ ברעקל קינד), עפנט דעם אָוונט.

נאָך אים האָט אַ פּאַרמער פאָרגעלייענט די ביאָגראַפיע פון באַראָן הירש, געשריבן פון ל. ראָזנבערג. נאָך איינער, גאָר פון די ערשטע פּיאָנערן האָט מיט דער הילף פון יונגע מענער און פרויען געזונגען אַ פאָלקס־ליד פון אליקום צונזער „די סאָכע". אין זייער זינגען האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַלעס וואָס דער מחבר האָט דאָ געוואָלט אַרויסברענגען, ווייל די זינגער האָבן עס אַליין דורכגעפילט.

און אָט דער זעלבער זינגער־פּיאָנער האָט אונז אויך דערציילט ווי אַזוי ער, גאָר פון די ערשטע אין אידנברידזש, נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעווען אַ יאָר צייט האָט ער מער ניט געקענט דורכטראָגן די לאַנגוויליקייט אַלס פאַר־מער אָן פערד און ער האָט זיך מישב געווען צו פאָרן קיין וויניפּעג און צו קויפן פערד, ווייל דאָ אויפן פּלאַץ צו קויפן איז ניט פאַר זיין קעשענע. אמת, אין וויניפּעג וואו ער האָט זיך געריכט צו קריגן פערד אַ סך ביליקער, האָט

ער אויך ניט געהאט די פולע סומע וויפיל ער האט געדארפט, און ער האט געמוזט אנקומען צו זיין גאלדענעם זייגער און דער ווייבס בראסליעט וואס מ'האט געבראכט פון אפריקע, און פארוואס ער האט פארזעצנדיק אלס משכון געקראגן אזא מוראדיקע סומע ווי 35 דאלער. אין וויניפעג האט ער זיך צופעליק באגעגנט מיט איינעם א פינקלשטיין, און ער האט אים דערציילט אז באראן הירש האט איבערגעלאזט זיינע מיליאנען פאר דער אידישער קאלאניזאציע, און דאס רופט זיך יק"א, און ס'איז דא אן אפיס אין באן אקארד בלאק — און אז דאס איז געווען די ערשטע באקאנטשאפט מיט דער יק"א אין אידנברידזש. און אויסהערנדיק די געלייענטע ביאגראפיע פון באראן הירש און זיין פרוי קלארא האט ער צו זיי דערפילט זיין אכטונג און ער האט געבעטן אז צו ערע פון אט די פערזאנען וועמעס שטרעבונגען עס זיינען פארקערפערט אין אונז, אידישע פארמערס — זאלן זיך אלע אויפשטעלן, און ס'איז ניט געבליבן אפילו קיין קינד זיצנדיק.

נאכדעם איז געקומען א קינדער־פראגראם מיט געזאנג און דעקלאמאציעס.

נאכדעם האט גערעדט א פרוי, א פארמערקע וואס איז שוין דאן געווען דא ארום צוואנציק יאר. זי האט אויפגעמישט אן אלט בלעטל געשיכטע, ווי אזוי די קליינשטעטלדיקע פרויען (ארום אידנברידזש) פלעגן מיט איר האלטן אין איין אריינ'טענה'ן — נאך וואס זייט איר אהין אין דער ווילדערניש געקומען, און וואס זיצט איר דארטן, איר וועט זיך דארטן צו קיינע גליקן ניט דערלעבן. אלץ וואס אייך קען בלייבן אין פרנסה איז, אז איר וועט דארטן לעבן אין דער ווילדערניש צוזאמען מיט די ווילדע אינדיאנער וואס בלאנדזשען ארום אין די וועלדער און צוזאמען מיט זיי פארווילדעוועט ווערן. און אז איר וועט זיך ווען עס איז וועלן צוריקקערן אין שטאט אריין וועט מען אייך שוין מער אויך ניט ארייגלאזן.

אבער איר ליבע צום לאנד האט געזיגט, און ווי זי זעט איצט, איז עס גאר די גאנצע געשיכטע ניט אמת. און ניט וואס זי קען זיך אויסגלייכן מיט דער דורכשניטלעכער שטאטישער פרוי, נאר זי האט מורא אז פארקערט.

נאך א פרוי האט גערעדט אין נאמען פונעם פרויען פאראיין און האט נאכדעם צוגעגעבן אז אויך זי האט געהאט די זעלבע טרייסט־ווערטער פון די ארומיקע קליינשטעטלדיקע ווייבער, נאר איר האט נישט געשראקן דאס פארווילדעוועט ווערן. מענטשן, האט זי געזאגט וואס מאכן דורך די אוניווערסיטעטן (פעקטארים בלע"ז) פון ניו־יארק, לאנדאן און יאהאנעסבורג און א. וו. וועלן אזוי לייכט ניט פארווילדעוועט ווערן. נאר וואס איר האט יא געשראקן איז די קינדער. קינדער האט זי געטראכט קענען יא פארווילדעוועט ווערן, אבער ווי זי זעט איצט איז איר שרעק געווען אן אומזיסטע. ניט נאר, האט זי גע'טענה'ט, זיינען אונזערע קינדער ניט פארווילדעוועט געווארן, נאר זיי קענען זיך אפילו פארמעסטן מיט דער שטאט.

אין אידנבורידזשער קינדער, האָט זי מיט באַגייסטערונג געזאָגט, קענט איר געפינען וואָס איר ווילט, קינדער וואָס זיינען דורכגעגאַנגען הויך־שולעס און אוניווערסיטעטן, און קומענדיק אהיים ווערן זיי אויטאָמאַטיש פאַר־וואַנדלט אין פאַרמערס. זיי קענען די גאַנצע מלאכה אויסגעצייכנט. און אַנדערע זיינען מיט זייער הויכער בילדונג פון פאַרם אפילו פאַר איין טאָג ניט אַוועק, און זי זעט זייער איינלעבונג און ליבע צום לאַנד.

און איבערהויפּט האָט זי באַטאָנט, אַז יענע קינדער וועלכע זיינען דורכ־געגאַנגען זייערע אייגענע אוניווערסיטעטן פון לעבן, פון שוויס, באַזיגנדיק אַלע שוועריקייטן צו וואָס פּיאָנערן זיינען אונטערוואָרפן — אָט דאָס, זאָגט זי, איז אונזער טרייסט. נעם א קינד וואָס ווייסט אַפילו ניט ווי מ׳טרעט אריין אין א הויך־שולע און פאָדער פון אים וואָס דו ווילסט, קען ער: בויען, שמידן, גלאָזן, פאַרריכטן דעם שפּאָן, שוסטערס, שניידערס און א. וו. ווילסטו איז ער א פאַרמער, אַכט פערד געשפּאַנט אין איין מאַשין, און בא אים טרעטן די פערד נאָכן ריטם נאָך. איינער וועט ניט גיין געשווינדער פאַרן אַנדערן. און ער, דער מייסטער זיצט זיך אויף דער מאַשין וואָס אַרבעט ווי א פידל און פייפט זיך אונטער א לידל אַזוי ווי ניט אים מיינט מען עס. און ווילסטו איז ער אין צען מינוט אַרום אַן אינזשינער. ער טרייבט שוין א טראַקטאָר, און א ווײַלע שפּעטער קענסטו אים זען אַן אויסגעשמירטן אין אויל פון קאָפּ ביז די פיס, וואָס איז — ער האָט שוין פאַנאַנדערגענומען די גאַנצע מאַשין אין שטיקלעך און ער ווערט שוין אַן עקספּערט.

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, אַז ווען א קינד האָט דעקלאַמירט א פּאָעמע וואָס רופט זיך „אונזער גאָרטן" (לויטן מוסטער פון ח. נ. ביאַליק) און האָט אויסגעלאָזט מיט די ווערטער: „אַלץ קען מען בא אונז געפינען אין אונזער גוטן גאָרטן", האָט עס מיך גלייך דערמאָנט אין אונזער אידנ־בורידזשער יוגנט. יאָ, אַלץ קען מען בא אונז געפינען אין אונזער „גוטן גאָרטן".

איינער פון די יונגע האָט באַגריסט אין נאָמען פון די „יאָנג דזשודעאַנס", און האָט אויך צוגעגעבן, אַז אויב באַראָן הירשס טרוים איז געווען אַז דער יונגער דור זאָל פאָרזעצן די אַרבעט וואָס די עלטערע האָבן אָנגעהויבן, זיינען עס מיר, די אידנבורידזשער יוגנט, וואָס קוקן ניט אויף קיינע שוועריקייטן צו וואָס די פאַרמעריי איז (אין דער קעגנוואַרט) אויסגע־זעצט, און גייען פאָראויס.

נאָך איינער א פאַרמער, וואָס איז שוין פּערציק יאָר אויף לאַנד און איז אַמאָל אויך געווען א באַאַמטער אין אָפּיס פון דער יק״א, האָט אונז דערציילט וואָס מען שטייט זיך אויס פון די אימיגראַנטן גרינע פאַרמערס; ווי יעדער איינער דענקט, אַז די אַלע עצות וואָס מ׳גיט זיי ווי אַזוי אָנצוגיין מיט פאַרמעריי טויגן אויף כפּרות, נאָר ער אַליין פאַרשטייט בעסער פון אַלע עצה־געבערס. און דערפאַר דענקט ער, אַז די יק״א דאַרף שענקען מער אויפ־

מערקזאמקייט צו דער היגער געבאָרענער יוגנט, ווען מען דאַרף שוין קיין עצות ניט געבן און ווער ס'קען זיך זיין שטעטל אליין באַשטייט.

צולעצט קומט אונזער גאַסט ל. ראָזענבערג (פון דער יק"א).

זיין רעדע בין איך ניט בכוח צו ציטירן. איך וואָלט עס בעסער אָנגערופן א צוזאמענגענומענער הויפן קליינע טיילן פון א גרויסער מאַשין. און ווען יעדער איינציקער טייל האָט אָנגערירט זיין באַשטימטע ארבעט האָט זיך די מאַשין אויטאָמאַטיש אליין צוזאמענגעשטעלט.

נאָר איין געדאַנק, וואָס איז מיר דעם גאַנצן אָוונט פון קאָפּ ניט ארויס, האָט, ווייזט אויס, אויך אים גע'חידוש'ט — דער אייזערנער גערולד פונעם פאַרמער. און ער האָט זיך טאַקע אויסגעדריקט, אז ער האָט פאַר דעם קיין ווערטער ניט אויסצודריקן זיך. מענטשן, אַלטע און יונגע, גרויסע און קליינע, זאָלן אָפּזיצן פון ניין ביז האַלב צוועלף נאָך האַלבע נאַכט און ניט רירן זיך פון אָרט אזוי ווי אויף דער בינע וואָלטן די גרעססע קינסטלער געשפּילט די שטאַרקסטע אָפּערע.

און באַלד האָט מען צוזאמענגעשטעלט און באַשלאָסן אוועקצושיקן אין הויפּט־אָפּיס פון דער יק"א אין מאָנטרעאַל א טעלעגראַמע אין שייכות מיטן אָוונט.

נאָכדעם האָט מען זיך משמח געווען מיט א גלעזל טיי (אידנברידזשער שכורים) און עפּעס צובייסן, און טאַקע באַלד האָט אימיצער פאַרצויגן א זמר'ל און עטלעכע האָבן אונטערגעכאַפּט, און ס'איז געוואָרן לעבעדיק.

און האַלב נאָך צוויי נאָך האַלבע נאַכט איז מען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען ווינטשנדיק, אז אין הונדערט יאָר ארום זאָל אידנברידזש פייערן דעם צוויי הונדערט יאָריקן געבורטסטאָג פון באַראָן הירש.

מעשה בראשית

דאָס איז געווען ווען אידנברידזש האָט שוין געציילט ארום 60 אידישע פאַרמער.

מיר האָבן שוין געהאַט כמעט א גאַנצע אייגענע ציוויליזאַציע: א שול צום דאַווענען, א זאַל פאַר מיטינגען (נאָך אַן א דאַך), א שוחט־מוהל־מלמד מיט אַלע קלאַפּער־געצייג. מיר האָבן שוין דאָ געהאַט כמעט אַלץ וואָס מיר האָבן געדאַרפט, נאָר איין זאַך האָט אונז געפעלט — אייניקייט. אויף דערויף האָבן מיר זיך ניט געקענט אַרויספאַרבעטן. האָט איינער געזאָגט „טאָג", האָט א צווייטער געזאָגט „נאַכט". האָט איינער געזאָגט אַז ס'איז ווינטער און ס'איז קאַלט, האָט א צווייטער בפירוש באַוויזן, ממש באותות ומופתים און מיטן גראָבן פינגער, אַז ס'איז גאָר זומער און ס'איז הייס.

שולדיק אין דעם איז געווען ניט דער פּראָסטער נאַראָד, נאָר די פירער אונזערע. און פירער האָבן מיר דאַן געהאַט ריכטיקע, ריין־בלוטיקע, ממש גאונים, מיט גרויסע פּיסקעס איבערצושרייען א קעגנער. ס'איז געווען הימל און ערד און קריג — כאָטש איין גאָט ווייסט וואָס מ'האָט זיך דאָ מיט דער ירושה ניט געקענט צעטיילן, אַז סך־הכל איז יעדער איינער געווען באַלאָדן מיט ארבעט איבערן קאָפּ: בויען געביידעס, רייסן א טוויזנט־יאָריקן וואַלד מיט פּרימיטיווע מעטאָדן און ס'האָט געדויערט עד שיבוא משיח ביז מ'דערזעט א שטיק פעלד. די פּרנסה נעמט איינער באַם צווייטן ניט אָפּ — קיינער האָט גאָרנישט געהאַט. אדרבא, מ'האָט דאָך געדאַרפט זיין פריינטלעך איינער מיטן צווייטן; יעדער איינער איז דאָך געווען פאַרשטעקט ערגעץ אין זיין שטיק וואַלד. מיר האָבן זיך אָבער ניט געקענט אויסטיילן פון כלל ישראל.

שולדיק אין דעם איז אפשר געווען דאָס, וואָס די אידנברידזשער אידן זיינען אַהער געקומען פון אַלע זיבן ימ'ען. אמת, פון דער אַלטער היים זיינען אָט די אַלע אידן געווען ליטוואַקעס צלם־קעפּ, נאָר אין אידנברידזש איז מען אריין מיט דער רעכטער פּוס פון דריי וועלט־טיילן. די ערשטע גרופּע אידן איז אַהער געקומען אין יאָר 1906 פון אַפריקע, און זיי האָבן זיך גערופן — די „אַפריקאַנער". די צווייטע גרופּע איז מיט א פּאָר יאָר שפּעטער געקומען

פון די פאַראייניקטע שטאַטן און האָבן דאָ געקראָגן דעם נאָמען — די „ניו־יאָרקער". די דריטע גרופּע איז געקומען פון ענגלאַנד און האָבן זיך פאַרדינט דעם טיטול — די „לאָנדאָנער".

און אפשר האָט די אומצופרידנקייט געשטעקט דערין, וואָס די אַפריקאַנער זיינען פון די הייסע היצן אַריינגעפאַלן אין אַזעלכע קאַלטע קעלטן; די ניו־יאָרקער, וואָס זיינען געווען אַזוי דערהויבן ביז צו אַזעלכע הויכע הימל־קראַצער, זיינען אַריינגעפאַלן אין ביידלעך האַרט בײַ דער ערד; און די לאָנדאָנער — פון די פינצטערע געדיכטע פאָגעס און פון דעם באַרימטן בשמים־ריחות'דיקן וויטשעפּעל, מיט דעם משונה'דיקן טומל פון די מורא'דיקע פערד און וועגענער, וואָס האָבן געשלעפּט משאות, אַזש די ערד האָט זיך אונטער זייערע פיס געבויגן, זיינען דאָ אַריינגעפאַלן אין אַ ריינער, דורכזיכטיקער לופט, וואו די איינציקע טומל־מאַכער זיינען די סטייעס פויגל פון וואַלד, מיט זייערע פויגל־לידער, און וואו אַמאָל צעשטיפּט זיך דער ווינטל און וועקט אויף בלעטלעך פון די ביימער און האָט הנאה פון זייער פלאַטערן.

און אפשר איז אונזער אומצופרידנקייט געקומען פון אונזער נידעריקן לעבנס־סטאַנדאַרד. אונזערע „פּאַלאַצן" זיינען געווען געבויט פון קלעצער פונעם אייגענעם וואַלד און געשמירט מיט ליים; טפח־על־טפח'דיקע הייזער, אין וועלכע ס'איז ניטאָ וואו אויסצודרייען זיך. אויך די „לאַמבער"־הייזער זיינען געווען ניט בעסער; מ'האָט עס געבויט אויף דער ווילע, ווי ס'איז נאָר אַריינצוקריכן, און מ'האָט עס קיינמאָל ניט געענדיקט. עסן איז אויך געווען ניט צופיל. האָט ווער געהאַט אַ פונט פּוטער און אַ טוץ אייער, האָט ער עס געמוזט פאַרקויפן און קויפן אַנדערע נויטיקע זאַכן, וואָס ער קען אַליין ניט פּראָדוצירן. קיינע סטאָרס זיינען ניט געווען, און אויב ס'איז יאָ וואו געווען אַ קרעמל, איז דאָרט געווען פאַר פּרוטהאַלבן קאַרבן סחורה, לויט די קעשענעס פון די פאַרמער, אין וועלכע דער ווינט האָט זיך פריי באַוועגט, און וואָס מ'האָט נויטיק געדאַרפט איז דאָרט ניט געווען.

אונזערע „שאָסעיען" האָבן פאַר אונז די חיות פון וואַלד געמאַכט. די הירשן מיט זייערע לאַנגע פיס האָבן עס פאַר אונז אויסגעטראָטן, און ס'האָט זיי גאָרניט געאַרט, אַז פון יעדן מייל וועט ווערן צוויי מייל, אַבי נאָר אויס־צומיידן די טיפע בלאָטעס מיט וועלכע די ערד איז געווען באַדעקט און ניט איינעצן זייערע זאַקן. אונזערע „לימוזינען" מיט די מורא'דיקע הערנער, וואָס זיינען געפלויגן מיט דער שנעלקייט פון אַ מייל אַ שטונדע, האָבן אויף אונזערע וועגן אין אַ שטונדע אַ מייל אויך ניט געקענט מאַכן.

אונזערע פּרנסות — און ווי אַזוי מיר האָבן דאָ געמאַכט אונזערע מיליאָנען און ווי אַזוי מיר האָבן דאָס פאַרטאַכלעוועט — קען דער לייענער אַרויסנעמען פון די פריערדיקע קאַפּיטלען, אָבער מען מעג אונז גלויבן אויפן וואָרט, אַז צו פאַרדינען אַ דאָלער איז דאָ פאַר אונז, גרינע, אָנגעקומען

שווער בקריעת ים־סוף. די עקספּלואַטאַציע איז דאָ געווען ניט קיין געצווימטע. וועגן אָרגאַניזירן זיך האָט קיין רייד ניט געקענט זיין. די פאַרמער זיינען געווען מיילן־ווייט צעשפּרייט איבערן טיפן וואַלד און איינער האָט דעם צווייטן ניט אָנגעזען חדשים־לאַנג. קען מען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס פאַר א לוקסוס־לעבן מיר האָבן דאָ געהאַט.

און דאָך האָבן אונז אַט די אַלע זאַכן נישט אָפּגעשראָקן. מיר האָבן געהאַט אַזויפיל מוט, אַז מיר האָבן דאָס אַלץ ניט געפילט. מיר האָבן געטרוימט, אַז מיר וועלן אַמאָל פּטור ווערן פון די אַלע צרות. מיר וועלן פּטור ווערן פון דעם געדיכטן וואַלד, פון די אַלע זומפּיקע בלאָטעס. מיר וועלן האָבן ברייטע פעלדער מיט גוטע מאַשינעס. מיר וועלן האָבן גוט־געבויטע וועגן, גוטע הייזער מיט אַלע נויטיקע באַקוועמלעכקייטן. און דאָס אַלץ זאָלן מיר האָבן פון אייגענער מי און מיר זאָלן מער ניט אָנקוקן די פינצטערע שעפּער אין די שטעט, מיט די עקספּלואַטאַטאָרס, די באָסעס, מיט זייערע ארויסהעלפער, די פאַרלייט, פאַר וועמען מיר האָבן געשאַפן ריזיקע רייכטימער און אונז האָט מען פון דעם אפילו צו פאַרזוכן ניט געלאָזט. מיר האָבן געהאָפט, אַז צו דער עלטער זאָלן מיר שוין זיין איינגע־פונדעוועטע באַלעבאַטים, מיט אַן אייגענער רואיקער היים און קיינער זאָל אונז פון דעם ניט קענען אַראָפּטרייבן.

און נאָך זייענדיק אין לאָנדאָן האָבן מיר זיך געזאָרגט וועגן דעם, אַז אידנבערידזש זאָל ניט זיין סתם אַזוי א קאָלאָניע, ווי אַלע קאָלאָניעס אין דער ווילדערניש, וואו יעדערער איז זיך ערגעץ פאַרשטעקט אין זיין ווינקל, ווייט איינער פון צווייטן, און פירט זיך זיין אייגענע באַלעבאַטישקייט אויף זיין אייגענעם שטייגער. מיר האָבן געטרוימט צו מאַכן פון אידנבערידזש א מוסטער קאָלאָניע און איינאָרדענען זיך אַזוי, אַז מיר זאָלן קענען לעבן געזעלשאַפטלעך, ארבעטן צוזאַמען, פריינטלעך — דאַן איז די ארבעט שפּאָרעוודיקער, באַקוועמער און מער אנגענעם, אַזוי אַז אפילו שווערע פיזישע ארבעט איז דאַן א פאַרגעניגן און באַרעכטיקט דעם כלל, אַז ארבעט מאַכט דאָס לעבן זיס.

אָבער קומענדיק אַהער אין אידנבערידזש זיינען אונזערע טרוימען צערונען געוואָרן. איינאָרדענען זיך לויטן מוסטער פון די חלוצים אין פּאַלעסטינע, ווי מיר האָבן געטרוימט, קענען מיר דאָ ניט. מיר האָבן אויסגעפונען, אַז די באַדינגונגען זיינען דאָ גאַנץ אנדערע. יעדער האָמסטעדער וואָס וויל, אַז דאָס לאַנד זאָל ווערן זיין אייגנטום, דאַרף די ערשטע דריי יאָר וואוינען צו זעקס חדשים אויף זיין אייגן לאַנד און קולטיווירן עס ביז א געוויסער מאָס. דאָס בעסטע וואָס מיר האָבן אין די ערשטע יאָרן געקענט אויפטאָן איז צו ארבעטן קאָאָפּעראַטיוו, און דאָס אויך נאָר טיילווייז.

אַ „לעבעדיקער טעלעפאָן"

אָבער ווי זאָגט זיך ערגעץ אַ ווערטל: „לא על הלחם לבדו יחיה האדם" — דער מענטש קען ניט לעבן צוליב דעם עסן אליין. ער מוז האָבן אויך גייסטיקע שפּייז, ניט געקוקט אויף דעם ווי שווער עס זאָל ניט אָנקומען. און טאַקע דערפאַר זיינען מיר געווען פאַרנומען מיט מיטינגען אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק און אויך אינמיטן מיטוואָך; ווייל ערשט קומענדיק אַהער האָבן מיר אויסגעפונען, אַז מיר זיינען אָנגעלאָדן מיט כל־טוב — מיט אַזעלכע קאָמפּליצירטע ענינים, וואָס מוזן באַלד געלייזט ווערן און אַנדערש קענען מיר דאָ ניט זיין.

נעמט, למשל, אַזאַ ענין: אויב איינער מוז זיין זעקס חדשים אויף זיין לאַנד, מוז ער דאָך צוזאַמענוואַרפן כאָטש אַ שטיקל כאַלופּע וואו צו ליגן דאָרט איינינקער אַליין, אָן ווענט און אָן שטעגן און אָן טעלעפאָנען, אָן שכנים און אָן אַ ווייב און קינדער. קען דאָך אַמאָל טרעפן, אַז אַ מענטש ווערט קראַנק און ער זאָל דאָרט אָפּליגן אין עשירות און אין כבוד ביז מ'וועט אים געפינען אין איינגעפּראָרענעם. ניט בעסער איז אויך מיט די פרויען, וואָס מיר האָבן דאָ געהאַט, אַז אין מיטן דערינען, מיר־ניט, דיר־ניט, הויבט איר אָן דרייען אין בויך און גיי שריי צום הימל, און ניט אַלע פרויען קען מען דאָך איינשמועסן אַז זי זאָל צוּוואַרטן. פון אַ דאָקטאָר זיינען מיר געווען ווייט, פון אַ האָספּיטאַל נאָך ווייטער — מיט אונזערע „פליערס" איז דאָס געווען אַ פיר־טאָגיקער שפּאַציר. אַ חוץ דעם האָט זיך דאָ אַ דאָקטאָר געלאָזט גוט באַצאָלן, און מיר זיינען דאָך געווען אַזוי אָרעם און ביז די נחמה קומט איז — אוי ווי . . .

האָבן מיר צוליב דעם געמוזט איינאָרדענען אַ לעבעדיקן טעלעפאָן: יעדער איינער האָט געמוזט קומען אין באַרירונג מיט זיין נאָענטסטן שכן, און דער שכן מיט זיין שכן, און אַזוי ווייטער. איז דאָס אויסגעקומען, אַז אויף מאָרגן האָבן שוין אַלע געוואוסט וואָס אין אונזער דאָרף טוט זיך.

נאָך אַ נויטיקער ענין איז געווען די דערציאונג פון די קינדער. עס האָט אונז זייער געשראָקן, אַז דער צוקונפטיקער מענטש אין אונזער געזעלשאַפט זאָל ניט בלייבן אַזוי ווי די אינדיאַנער, וואָס וואוינען דאָ אין די וועלדער. איז מילא, פאַר דער לאַנד־שפּראַך האָבן מיר זיך ניט געזאָרגט; דערצו זיינען פאַראַן סקולס און די רעגירונג זאָרגט זיך פאַר דעם. אָבער וואָס איז מכוח אידיש? צו בלייבן אָן אַ אידישער דערציאונג דאָ אין דאָרף מיינט דאָך פשוט מאַכן אַ מחיצה צווישן די עלטערן און זייערע קינדער. דאָס מיינט, אַז מיט דער צייט וועלן די קינדער פאַרפרעמדט ווערן פון זייערע עלטערן און פון זייער שפּראַך. און אויב אָט די קינדער וועלן אַמאָל קומען אין באַרירונג מיט אַנדערע קינדער וואָס קענען יאָ אידיש און ווייסן וואָס אידיש מיינט פאַרן אידישן פאָלק, וועלן זיי ווערן שונאים זייערע

עלטערן דערפאר, וואס מען האט זיי אויך ניט געלערנט קיין אידיש. און זאלן אפילו היינט אט יענע מהיכא תיתא־אידן ניט מיינען, אז זייערע קינדער קענען זיין גוטע בירגער און גוטע באל־שפילער אויך אן אידיש. זיי וועלן מיט דער צייט אויסגעפינען, אז זיי האבן געמאכט א ביטערן טעות און וועלן צאלן א צו טייערן פרייז פאר דעם טעות.

אמת, ווען מיר זיינען אהער געקומען האבן מיר שוין דא געפונען איינעם א פארמער, אן אינטעליגענטער יונגערמאן, מיט א פרוי און קינדער, וועלכער איז געווען דער רעליגיעזער פארשטייער פון דארף. ער איז געווען דער שוחט, מוהל און מלמד פון עטלעכע קינדער. וואלט עס געווען נאך ניט אזוי שלעכט. האט דאך אבער דער איד קיין צייט ניט געהאט אנצוהאלטן די אלע פאסטנס. פון די עטלעכע דאלער א מאנאט וואס מ'האט אים צוגעזאגט פאר שחיטה האט ער קיין לעבן ניט געקענט מאכן און האט געמוזט טאן אויך אנדערע ארבעטן. אויך אויף זיין פארם האט ער געהאט גענוג וואלד ארויסצורייסן. א חוץ דעם איז ער געווען אן אגענט פון וואש־מאשינעס, אן אגענט פון מצה אויף פסח פאר די אידן פון דארף, און פון די אלע פרנסות האט ער קוים געהאט וואסער אויף קאשע. און פון די בריוו וואס ער פלעגט שרייבן פאר די „גרינע", וועלכע האבן עפעס געדארפט קויפן אין שטאט, האט ער אוודאי קיין מיליאנען ניט געמאכט; גיכער האט ער צוגעלייגט זיינע א מארקע צום בריוו, ווען יענער האט עס ניט געהאט. און דער איד האט פשוט ניט געהאט קיין צייט צו לערנען מיט אלע קינדער פון דארף, א חוץ מיט די וואס האבן געוואוינט נאענט צו זיין פארם. פאר די ווייטערע קינדער איז געווען אוממעגלעך צו מאכן נאך די סקול־שטונדן אזא ווייטן שפאציר אין חדר און צוריקקומען אהיים א שטיק אין דער נאכט איבער אזא געדיכטן וואלד.

א חוץ דעם אלעמען האבן מיר געדארפט זארגן אויך פאר זיך אליין. מ'קען דאך די אייגענע נשמה אויך ניט אויסשפייען. און מיר האבן געזוכט צוזאמענשטעלן אן אמאטאר־גרופע פאר טעאטער, צוזאמענשלעפן א ביבליאטעק פון ביכער און צייטונגען און אויספארטיקן אזא אינסטיטוציע וואס זאל אין זיך כולל זיין אלע נויטווענדיקייטן. ווען עס איז אמאל א שמחה אין דארף מוז מען דאך האבן א פלאץ. און אזוי ווי מען איז דאך אליין ניט אלט, דארף מען אמאל כאפן א טענצל אויך. אבער אזוי ווי אונזערע קעשענעס זיינען דאן קיינמאל ניט געווען פול (צום באדויערן, נאך היינט אויך ניט), איז אונז יעדע זאך אנגעקומען שווער, ממש מיט דער גאל.

ס'איז אונז אויך ניט אזוי לייכט אנגעקומען צו קומען צו אונזערע מיטינגען. אונזער קאלאניע איז געווען זייער צעשפרייט און מיר האבן געמוזט געבן די פריווילעגיע צו די פאמיליע־מענטשן, וועלכע האבן געהאט קליינע קינדער און וועמען עס איז געווען שווער צו קומען צו א מיטינג. אגב זיינען זייערע הייזער געווען גרעסערע. און צו אונזערע מיטינגען זיינען מיר

מערסטנס געגאַנגען צופוס (באַנאַכט, ווייל באַטאָג האָבן מיר דאָך קיין צייט ניט געהאַט). מיר האָבן עס געמאַכט פיל שנעלער, ווי ווען מיר שפּאַנען איין די אָקסן און לאָזן זיך מיט זיי אין וועג אריין. און טאַקע דערפאַר וואָס מיר האָבן זיך ניט פאַרלאָזט אויף די אָקסן, זיינען אונזערע מיטינגען געווען גוט באַזוכט.

אַ קאָלאָניע מאַרשירט צו אַ מיטינג

אָבער דאָס בילד קען נאָך ניט זיין קיין גאַנצעס, ביז מען באַקענט זיך ניט מיט אונזערע פאַרמער אין זייערע „פּאַלאַצן", און צוליב דעם ווילן מיר פּרוּוון דערמאָנען כאָטש איינעם אַזאַ מיטינג.

דאָס איז געווען אין אַ שטילער, קאַלטער ווינטער־נאַכט, ארום 45 גראַד אונטער זעראָ. דער הימל איז געווען פאַרפּלייצט מיט שטערן, ווי ברילִיאַנטן וואָלטן דאָרטן געהאַנגען. דריי פון אונז, איך, מיין ברודער און אונזער שכן ר. אַבראַמסקי, האָבן נאָך אַ שווערן טאָג ארבעט — געהאַקט קלעצער אין וואַלד, אין טיפן שניי ביז די קני — געוואָלט אָפּרוען זיך גייסטיק; זאָל באַנאַכט ארבעטן דער קאָפּ און די ביינער זאָלן רוען. האָבן מיר זיך פאַרגרייט מיט גענוג הייץ־מאַטעריאַל, אראָפּגעוואָרפן אונזערע שווער־אָנגעפּרוּוירענע בגדים און צעלייגט זיך אויף אונזערע האַרטע בענקלעך, ווי באַם טאַטן אין וויינגאָרטן. דער קעראָסין־לעמפּל האָט קוים געוואָרפן גענוג ליכט פאַר אונז אַלעמען, אָבער מיר האָבן זיך אריינגעגראָבן — ווער אין אַ ציַיטונג, צו וויסן וואָס עס גייט אָן אין אונזער וועלטל, און ווער אין אַ בוך.

ליגן מיר אַזוי און פילן דעם טעם פון גן־עדן. און ווי מיר זיינען עס פאַרטיפט האָבן מיר דערהערט ווי קלאַנגען שפּאַרן זיך דורכן געדיכטן וואַלד. זאָלן עס פויגלען זינגען? ניין, ס'איז ניט צייט פאַר פויגל־געזאַנג. מיר הערן אָבער דאָך שוין ניט סתם קלאַנגען, נאָר טאַקע געזאַנג, עס רייסט די חיות פון טיפן שלאָף. און מיר האָבן שוין פאַרשטאַנען, אז דאָס איז אַ חברה וואָס שפּאַנט צו אַ מיטינג.

פּולמאַן, וואָס האָט געוואוינט גאָר דער ערשטער צו מזרח, האָט, דורכ־שפּאַנענדיק דריי מייל, פאַרנומען די צווייטע ברידער ספּרינגמאַן, און נאָך אָן אַנדערהאַלבן מייל האָבן זיי שוין צוגעקראָגן אַ פערטן, זלמן פלאַקס, און מיר, די ערשטע פון צפון־זייט, האָבן ארויסגעשפּאַצירט און נאָך אַ מייל גאַנג האָבן מיר זיך געטראָפן בא אייזיקן. דאָרט איז עס אַלעמאָל געווען דער זאַמל־פּונקט. „אַלע טייכן גייען צום ים און דער ים ווערט ניט פול" — אַזוי איז עס געווען בא אייזיקן. מיר האָבן זיין פּלאַץ אַ נאָמען געגעבן — די קרעטשמע. נאָר אייזיק מיט זיין קרעטשמע איז ווערט אַ באַזונדער קאַפּיטל. דערווייל קענען מיר אייך בלויז פאַרזיכערן, אז מיר טראַכטן דאָ זייער אָפט — ווי אַ שטייגער וואָלט אונזער אידנברידזש אויסגעקוקט, וואָס

פאר א פנים וואָלט עס געהאט, ווען אייזיק קומט ניט אהער. מיר קענען זיך דאָס קוים פאָרשטעלן.

פון אייזיקן ביז דעם פּלאַץ פונעם מיטינג האָבן מיר געהאט נאָך א צוויי מיט א האלבן מייל. אויפן וועג האָבן מיר געהאט נאָך צוויי אידן, קעצעף און ד. שטין. מיר זיינען געגאנגען אין א שורה פאָרוויז. די ברייט פון וועג האָט מער ווי צוויי מענטשן ניט געקענט פארנעמען. צוערשט איז געגאנגען פולמאַן, א שטאַרקער בחור מיט לאַנגע פיס, האָט ליב געזאנג, נאָר אליין האָט ער ניט געקענט זינגען, כאָטש געדוכט האָט זיך אים, אז ער איז קארוזאָ דער צווייטער. ער האָט אויך אָפּט ליב געהאט א שטיף צו טאָן און אויסציען זיין טראָט, כדי אלעמען צו פארמאטערן. זיין קאָמפּאַניאָן איז גראד געווען אבראַמסקי, וועלכער האָט געהאט זייער א לייכטן טראָט. ער שטעלט נאָך ניט אוועק זיין רעכטע פוס אויף דער ערד, און זיין לינקע הויבט זיך שוין, און ער האָט זיך גאָר ניט געשראָקן פאר פולמאַנס שטיפעריי.

די צווייטע פּאָר איז געווען זלמן פלאַקס, א גוטער ברודער, ניט קיין הויכער אָבער א געזעצטער בחור, מיט א פּיפּקע אין מויל. דאָס האָט בא אים פארנומען דעם פּלאַץ פון א בוך. ער האָט פון דער פּיפּקע זייער הנאה געהאט. ער האָט געהאט א טבע צו זיצן אויף דער ערד אין הויז (הערט נאָר!), האלטן אָפן דעם אויוועלע זיינס און לאָזן דעם רויך אין אויוון. איך בין איינמאָל צו אים אריינגעקומען אין הויז און ניט אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָב איך אים געפונען אַזוי פארטיפט, לאָזנדיק דעם רויך אין אויוון, אז ער האָט אפילו ניט באַמערקט ווי איך בין אריין. ווען איך האָב אים געפרעגט וואָס פאר א הנאה ער האָט בלאָזנדיק דעם רויך אין אויוון, האָט ער מיך אָנגעקוקט עפּעס אַזוי מאָדנע און שטרענג, ווי איינער זאָגט — וואָס קען נאָך זיין א גרעסערער פארגעניגן ווי לאָזן דעם בלויען רויך און זען ווי דער פייער כאַפּט עס צו און ווערט באלד פארשוואונדן! די אויגן זיינען בא אים אלעמאָל געווען פייכט, ווי פול מיט טרערן, און דער אנדער האַלבער מויל וואָס איז ניט געווען פארנומען מיט דער פּיפּקע האָט געשמייכלט, אַזוי אז ס'איז געווען שווער צו כאַפּן ווען עס איז בא אים געווען קאָמעדיע און ווען טראַגעדיע. די פיס זיינען בא אים געווען אויסגעדרייט — אַל־אַ טשארלי טשאַפּלין און ער האָט פארנומען צופיל פּלאַץ פון דער ברייט פון וועג. אָבער זיין קאָמפּאַניאָן ר. ספּרינגמאַן, וועלכער איז געווען א סך העכער פון אים און זיי האָבן אויסגעקוקט ווי מאַט און דזשעף — אים האָט עס ניט געאַרט, ווייל ווען ער רעדט, איז עס ריין־אידישלעך און ער האָט גאָר געדאַרפט האָבן מער פּלאַץ פאר זיינע הענט אין דער הויך.

נאָך א פּאָר זיינען געווען מיין ברודער און ב. ספּרינגמאַן, א איד וואָס האָט דאַן זעלטן ווען עפּעס געלייענט, ווייל זיין רבי אין א קליין שטעטל אין דער ליטע האָט אים געזאָגט, אז א גוי לייענט א בוך און א איד לערנט א ספר, און וואָסער אידישער בחור האָט עס צוליב לייענען א בוך געוואָלט ווערן

א גוי? אויף וויפיל איך (גייענדיק פון הינטן) האָב געקענט אויפכאַפּן זייער געשפּרעך, האָב איך געהערט ווי אָט דער איד האָט געזוכט א דערקלערונג פון מיין ברודער פון וואַנען עס נעמען זיך קריזיסן אויף דער וועלט — מיטאַמאָל פאַרשווינדט דאָס געלט פון דער וועלט, ס'ווערט ניט קיין אַרבעט, ניטאָ מיט וואָס צו צאָלן און מענטשן ווערן פאַרוואַנדלט אין שאָטנס. מען שלייעט זיך אַרום איבער די גאַסן טויט־הונגעריקע און ס'איז אין ערגעץ ניטאָ וואו צו קריגן א שטיקל ברויט. ווער באַהאַלט עס די געלט? — מאָנט ער בא מיין ברודער. פאַרוואָס, קען ער ניט פאַרשטיין, איז איין יאָר די פּרייז פון ווייץ א דאָלער א בושעל און איבער־אַ־יאָר איז עס 18 מיט א האַלב סענט א בושעל? מענטשן האָבן דען אויפגעהערט צו עסן?

און איך הער ווי מיין ברודער אַרבעט שווער מיט דעם אידן אויסצו־לערנען אים די גאַנצע תורה אויף איין פוס. אָבער גיי גיב אַ לעקציע אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע צו אַ אידן וואָס וויל אַלץ וויסן גייענדיק צו אַ מיטינג! דער זעלבער איד איז שפּעטער געוואָרן אַ לײדנשאַפטלעכער לייענער און טאַ־סע פון דער „שווערער אַרטילעריע". אָבער אויב איינער וויל אַ גאַראַנטיע, אַז ער קען שוין זיין אַ פּראָפעסאָר און אליין געבן לעקציעס אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע, קען איך אַזאַ גאַראַנטיע ניט געבן.

נאָך אַ פּאָר זיינען געווען — איך און אייזיק — אויך ניט זייער קיין גלייכע פּאָר. איך א הויכער, א דינער, און ער — א נידעריקער מיט ברייטע פּלייצעס און קורצע פיס. אונזער גאַנג האָט זיך אויך ניט זייער געפּאָרט. ער איז אַ שווערער אין גאַנג. אַלע ווײלע פלעגט ער אַרויסלאָזן א קנויל הייסע לופט פון מויל און דער פראָסט האָט עס באַלד פאַרקילט האַרט בא זיין מויל, פון וואָס ס'האָט זיך פאָרמירט א מאָדעל פון אַן אייז־באַרג, וואָס האָט אים באַלד פאַרשטעלט די לופט צום נאָז און דאָס האָט אים געמאַכט צו סאָפּען שווער. איך האָב אָפט געפילט ווי אָט דער איד וועט זיך באַלד אָוועקזעצן אויפן וועג אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אָבער דער איד וואָס איז געגאַנגען הינטער אונז און וועלכער האָט זיך געשניטן אויף א חזן, פלעגט פאַרציען אַ „הבן יקיר לי אפרים", אָדער אַ „יעלה", און אַהאַ — אייזיק איז שוין גרינג ווי א הירש!

מיר, פאַרקערט, איז דער גאַנג געווען זייער לייכט, ווייל אָנגעטאָן זיינען מיר געווען זומערדיק (מיר האָבן קיין וואַרעמע קליידער ניט געהאַט). און דער ריטם פונעם טראָט האָט אויף דעם קאַלטן שניי געסקריפּעט אַזוי מוזיקאַליש ווי אַן אָרקעסטער אויף אַ מאַי־פּאַראַד אין דער גרויסער שטאָט לאָנדאָן. האָט עס מיך ממש געהויבן אין דער לופטן. די אויגן האָב איך געהאַט איינגעגראָבן אין הימל, פון וואַנען עס דוכט מיר אַז מלאכים שטופּן דורך זייערע קעפּ דורך די שטערן, מיט וועלכע דער הימל איז געווען באַצירט, און ווילן כאַפּן א קוק: זיינען דאָס טאַקע מענטשן אויף צוויי פיס אין אַזאַ ווילדערניש? איז אַזאַ וואַלד צוגעפּאַסט פאַר מענטשן? און וואָס עפּעס זיינען

זיי געקומען אהער פון ערגעץ ווייט און באאומרואיקן די חיות, וועמענס היים ס'איז דאָ פון טויזנטער יאָרן?

און דאָ הער איך, ווי ס'ציט זיך פון ערגעץ א געזאנג און הילכט אָפּ אין וואלד. געקומען איז דאָס פונעם לעקטאָר איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, און מיטן געזאנג איז אים, ווייזט אויס, געווען גרינגער צו דערקלערן דעם ענין פאר זיין צוהערער. „ניין, קיינער וועט אונז ניט באפרייען, ניט גאָט אליין און ניט קיין העלד. מיט אונזערע אייגענע כלי־זין, א. א. וו., און וויטער". אזוי ווי א וואלד־פייער האָט דאָס געזאנג אלעמען ארומגעכאפּט, אזש דער וואלד האָט א ציטער געטאָן און די מלאכים האָבן זייערע קעפּ צוריק אין די הימלען פארשטופּט. אזא חברה מענטשן, מיט אזוי פיל מוט און האָפענונג, וועמען ס'שרעקט באליידיקונג, דערנידערונג, אָבער ניט קיין הונגער, ניט קיין קעלט — אזא חברה וועלן שוין זייער שטעטל באשטיין אויף דער וועלט.

מ. שאליטס „פּאלאַץ"

איידער מיר קומען צום מיטינג מוזן מיר זיך פריער באקענען מיטן פּארמער, בא וועמען דער מיטינג דארף פּאָרקומען, און מיט זיין „פּאלאַץ". דער פּארמער, אונזער רעליגיעזער פאָרשטייער פון דאָרף, מ. שאליט, — א הויכער, שיינער איד, מיט ברייטע פּלייצעס, האָט זייער א מילדן קוק און וועמען מיר האָבן נאָך קיינמאָל ניט געזען, אז ער זאָל פון עפּעס ווערן אויפגערעגט. זיין פרוי — א גאנץ קלוגע און אויך א גוטע; און זיינע קינדער — א בחור מיט צוויי מיידלעך, זייער פיין־דערצויגענע קינדער.

איז אָט דער פּארמער, דער שוחט, מוהל און מלמד, דער אגענט און שרייבער — וועלכער פארנעמט אן אָנגעזעענעם פּלאץ אלס ליטעראַט אין דער געשיכטע פון אידנברידזש — און וואָס פון די אלע מלאכות האָט ער געהאט ווייניק ברכות, האָט ער זיך געלעבט אין א „פּאלאַץ" פון ברעטער. דאָס מעבל איז באשטאנען פון: א טיש מיט א פּאָר בענקלעך, אן אויוון צום קאָכן און אן אויוון צום ווארעמען, א קאסטן האָלץ פאר די ביידע אויוונס און א גרויסע פּאָליצע מיט ביכער און ספרים. און ווען ס'קומט צום שלאָפן באנאכט, זיינען דער טיש מיט די בענקלעך געווען די ערשטע קרבנות ארויסגעוואָרפן צו ווערן אין דרויסן און אויף זייער פּלאץ איז אריינגעטראָגן געוואָרן א בעט.

האָט זיך דער איד אזוי געפּלאָגט ביז ס'איז אים איינגעפאלן א געדאנק און א דערפינדונג (ווי מארקאָני מיט דער ראַדיאָ). ער האָט צונויפגעקליבן די ברעטלעך פון די קעסטלעך, אין וועלכע עס איז אים אָנגעקומען די מצה אויף פּסח, און דעם פּאפּיר מיט וועלכן עס זיינען געקומען פארוויקלט פארשיידענע סחורות, און ער האָט פון דעם אלעמען אויסגעמייסטרעוועט א פליגל צום גרויסן פּאלאַץ, אין וועלכן מען האָט אריינגעקוועטשט א בעט.

טאָמער איז געווען ענג איז „נעווערמאַינד" — א שטאַרקן קוועטש, און די דינע ברעטלעך מיטן פּאַפּיר גיבן נאָך. אַזוי אַרום איז עס דער איד געוואָרן א „בורזשוי" פון צוויי צימערן.

אגב, א דאַנק אָט דעם נייעם „פּליגל" האָט זיך בא זיי געמאַטערט נאָך א פּאַרמער מיט זיין פאַמיליע עטלעכע חדשים, ביז ס'איז בא אים פּאַרטיק געוואָרן זיין אייגענע הויז.

אין אָט־דער הויז, וואו דער מיטינג האָט געדאַרפט פּאַרקומען, זיינען שוין געווען די נאָענטע פּארמער, געזעסן און געוואַרט און מ'האָט ניט געוואוסט, צי מיר, די צפון־מזרח־אידן, אָדער ווי מיר האָבן זיך גערופן — די טאַונשיפּער אידן — וועלן קומען אָדער ניט.

אָבער ווי נאָר מען האָט דערהערט, אַז דער וואַלד קראַכט פון געזאַנג, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז מיר גייען און וועלן באַלד אָנקומען און מען האָט זיך גענומען מייסטרעווען „טשעסטערפילדס" פאַר אונז צו זיצן. מ'האָט אַריינגעפּאַסט א ברעט איבער גאָר דער לענג פון הויז, ניט ווייט פון דער טיר, אַזוי אַז די טיר האָט זיך אינגאַנצן ניט געקענט עפענען, נאָר מ'האָט זיך געמוזט אַריינקוועטשן מיט דער זייט.

מיר האָבן שוין געוואוסט דעם „פּאַלאַץ" פון אויסווייניק און מיר האָבן אָפּגעמאַכט, אַז מיר זאָלן אין הויז אַריין איינציקווייז, אַזוי ווי יוסף'ס ברידער אין מצרים, נאָר צוליב אַן אַנדער אורזאַך: מיר האָבן געוואָלט פאַרהיטן, אַז דער פּראָסט זאָל מיט זיין גרויסער חוצפּה ניט אַריינקריכן אין די שיך פון יענע וואָס זיצן שוין דאָרטן, און דערפאַר זאָלן מיר נאָך יעדנס אַריינגיין צומאַכן די טיר. אגב, איז טאַקע שווער צו געפינען פּלאַץ פאַר אַלעמען מיטאמאָל צו זעצן זיך. און ווען די ערשטע זעקס זיינען שוין געווען אינווייניק, איז שוין דאָרטן געווען פול ווי אין א פעסל מיט הערינג געפּאַקט. די טיר האָט זיך שוין ניט געקענט עפענען, און דאָ איז אייזיק מיט זיינע פלייצעס געבליבן שטעקן, ניט אַהין און ניט אַהער. עפּעס האָט זיך בא אים א קנעפּל פאַרטשעפּעט פאַר דער קליאַמקע פון טיר, און גיי שריי צום הימל! אָפּרוקן זיך איז ניט געווען וואו, און דערווייל קריכט דער פּראָסט פון אונטן און טרייבט די וואַרעמקייט פון אויבן אַרויס פון הויז אַזוי ווי א וואָלקן רויך וואָלט פון דאָרטן געשפּאַרט. און איך הער ווי זלמן פּלאַקס, א איד פון א גאַנץ יאָר, גיט אַן עצה, אַז מאַן און ווייב זאָלן גיין אין בעט, ווייל קיין אַנדער פּלאַץ איז דאָך ניט געווען. און זיין עצה, א טייל פון איר, האָט געהאָלפן. די מאַמע מיט די קינדער זיינען אוועק אין שלאָף־צימער און אין הויז איז געוואָרן גראַמער.

דער מיטינג איז פאַררופן געוואָרן אויף אויסצוקלייבן אַן אַרביטרעישאָן קאָמיטעט צו שליכטן סכסוכים צווישן זיך אָן דעם, אַז מען זאָל דאַרפן קומען צו רעגירונגס־געריכטן. און דער מיטינג, ווי אַלע מיטינגען, איז געווען א הייסער, ווייל עס זיינען געווען גענוג קעגנער פון דער גאַנצער זאַך.

וואָס פאַר אַ סכסוכים קענען זיינען צווישן מענטשן, וואָס האָבן גאָרנישט איבער וואָס צו קריגן זיך! קיין ירושות טיילט קיינער ניט. קיין אַנדערע געשעפטן זיינען דאָ אויך ניטאָ. די מענער מיט זייערע פרויען לעבן זיך זייער גוט. היינט צו וואָס פטר'ן צייט אויף גאָרנישט?

אַנדערע, פאַרקערט, האָבן זיך געהיצט, אַז מיר זיינען מחויב צו פאַרהיטן טאָמער טרעפט יאָ עפּעס אַ סכסוך צווישן שכנים. איינער, אַ הייסער סאָציאַליסט, האָט אונז געלערנט תורת־סאָציאַליזם, און האָט אויפגעוויזן, אַז סכסוכים קומען געוויינלעך באַ קבצנים פון דעם, וואָס שטענדיק פעלט זיי עפּעס. איז מילא, קען דערפאַר קיין אַנדער פאַרהיטונגס־מיטל ניט העלפן, ווי נאָר מען זאָל אָפּשאַפן די סיבות פון אָרעמקייט.

אַ צווייטער ענין איז אויפן מיטינג פאַרהאַנדלט געוואָרן — וועגן צוזאַמענשטעלן אַן עמוירדזשענסי בריגאַדע, אין פאַל איינער ווערט קראַנק באַ אונז אין דאָרף און ער קען אַליין גאָרנישט טאָן אין שטאַל צו געבן עסן די בהמות און ריייניקן די שטאַל, אָדער צוגרייטן האָלץ פאַר דער הויז, א. א. וו. אָט־דער ענין איז געלייזט געוואָרן אָן קיין שום קעגנערשאַפט, און דערפאַר האָט זיך דער מיטינג, ווי אַן אויסנאַם, געענדיקט זייער פרי, אַרום איינס נאָך האַלבע נאַכט.

אָבער ניט אין אונזער דאָרף גייט מען אַוועק פון אַ מיטינג אַזוי פרי. די פרוי שאַליט איז געווען זייער אַ קלוגע פרוי און זי האָט מיט מאַטעמאַטיש אויסגערעכנט, אַז ווען יונגע מענטשן כאַפּן אַזאַ לאַנגן שפּאַציר אין אַזאַ פראָסטיקער ווינטער־נאַכט, פעלט זיי ניט קיין אַפּעטיט, און זי האָט זיך צו דעם צוגעגרייט. שלעכט איז נאָר געווען, וואָס ס'איז פאַר איר ניט געווען קיין פּלאַץ אַרויסצוגיין צוגרייטן צום טיש. האָבן אַנדערע צוויי מענטשן געדאַרפט אַריין אין שלאָף־צימער, כדי זי מיט אירע טעכטער זאָלן קענען דערלאַנגען דעם כיבוד. און ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ בייטעניש: ווער ס'איז פאַרטיק געוואָרן פריער האָט געדאַרפט גיין אין שלאָף־צימער אַרויסלאָזן אַן אַנדערן. מ'האָט דאָרט געדאַרפט האָבן אַן אמת'ן שאַך־שפּילער, אַ גאון, ווי א. יאַנאָווסקי פון וויניפּעג, אויסצורעכענען, אַז אייזיק זאָל זיך נישט באַגעגענען מיט שאַליטן אין יענעם שמאָלן קעסטל־טיר, צוליב זייערע ברייטע פּלייצעס.

דאָס מערקווירדיקסטע האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן ערשט נאָכן מיטינג. דאַכט זיך, אַז אָט־ערשט האָט מען ממש הימלען געשפּאָלטן, וואולקאַנען האָבן זיך געהויבן אין די וואָלקנס אַריין, פון די טיפענישן פון דעם קראַטער האָט אַ הייסע לאַווע געשפּאַרט, ממש פאַרברענט און פאַרשטיינערט צו ווערן. האָט איינער געשריען, האָט אים אַ צווייטער געפּרוּווט איבערשרייען. און דאָ, מיט אַ מינוט שפּעטער, האָט דער וואולקאַן איינגעשטומט, און פאַרקילט געוואָרן, אַזוי ווי ס'וואָלט גאָרניט געווען. מען שפּאַסט, מען לאַכט, מען וויצלט זיך, מען קיבעצט איינער דעם צווייטן — קאַסרילעווקער גזלנים.

אפנים, אז דאָרטן וואו די פירער האָבן ניט קיין שליטה, איז אַלץ כשר וישר.

און אַט־אַזוי, ווי מ'זעט דאָ, וואָלטן אונזערע קריגערייען געבליבן צווישן אונזערע אייגענע פיר ווענט און קיינער וואָלט פון דעם ניט געוואוסט, און אָסור אויב דאָס וואָלט געהאַט אַ וועלכע עס איז ווירקונג אויף דער וועלט־ציוויליזאַציע. האָט זיך אָבער אַריינגעכאַפּט אַ ריינער צופאַל און האָט עס געוואָלט אַרויסברענגען אויף דער וועלט־טריבונע. אוי וויי, וואָלטן מיר דאָס, אידנבירדזשער חברה, אַריינגעכאַפּט פּובליסיטי! אָבער ניט באַשערט.

און אַזוי ווי מיר האָבן אייך דאָ אביסל אָנגערעגט און אויפגעוועקט די נייגעריקייט, וועלן מיר אייך איבערגעבן די פּאַסירונג מיט אַלע איינצעלהייטן.

אַ איד פון פּוילן
מיט אַ גרויסן יחוס

דאָס איז געווען אין אַ דינסטיק פאַרנאַכט, דעם 2־טן יולי, 1912. איך האָב זיך אוועקגעלאָזט צו אַ שכן פרעגן, אויב ער גייט מאָרגן נאָך דער פּאָסט.

מיטוואָך איז דאַן באַ אונז געווען אַ יום־טוב׳דיקער טאָג, ווייל אין יענעם טאָג איז אָנגעקומען די פּאָסט. אין יענע יאָרן ווען קיין ראַדיאָ איז נאָך ניט געווען, זיינען די צייטונגען און בריוו געווען די איינציקע פאַרבינדונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט און מיר האָבן זיך בלויז איין מאָל אין דער וואָך דערוואוסט וואָס עס איז פאַר דער גאַנצער וואָך פאָרגעקומען אויפן גאַנצן ערד־קוגל.

גיי איך אַזוי און אויפן וועג באַגעגן איך אַ שכן, ר. ספּרינגמאַן. מיר האָבן זיך זייער דערפרייט איינער מיטן אנדערן און לויטן אויסקוק פון זיין פּנים האָב איך געזען, אַז ער האָט מיר עפּעס וויכטיקעס צו דערציילן. מיר, פאַרמער, פאַרשטייען זיך אויפן קוק איינע די אַנדערע. ער האָט טאַקע דעם סוד לאַנג ניט געהאַלטן און האָט אַרויסגעפּלאַצט:

„ווייסט איר", זאָגט ער מיר מיט התפּעלות, „איך בין נעכטן געווען אין שטעטל סטאַר סיטי, און איך האָב דאָרטן באַגעגנט אַ מערקווירדיקן אידן".

און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף מיר, וועןדיק זען וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס וועט מאַכן אויף מיר. איך האָב פאַרשטאַנען זיין מיין און פרעג אים:

„איז דער איד מיט הערנער?"

האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז ער קען מיט מיר ניט שפּאַסן און ער האָט מיר דערציילט, אַז דער איד קומט אַזש פון וואַרשע, פּוילן, און ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אַלע אידן אין אידנברידזש: „ער וויל פון אַלץ וויסן. און דערביי פרעגט ער מיך אויב מיר האָבן דאָ אַנאַרכיסטן. האָב איך אים געענטפערט: איך ווייס ניט וואָסערע איסטן איר וועט דאָ געפינען,

נאָר איך גאַראַנטיר אייך, אַז איר וועט דאָ געפינען מענטשן, מיט וועמען איר וועט זיך קענען צוזאַמענריידן".

און ער נעמט אַרויס אַ געדרוקטע קאַרטל פון קעשענע און דערלאַנגט עס מיר. אויפן קאַרטל זיינען אָפּגעדרוקט די ווערטער אין פויליש: „פאָלקס־ציידונג" און „וואַרשע". האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז מיר האָבן דאָ אַ צייטונגס־מענטשן און ער זוכט מסתמא אַבאָנענטן פאַר זיין צייטונג. ער איז מסתמא געווען אין די שטעט און הערנדיק וועגן אַ אידישער קאָלאָניע האָט ער געמיינט, אַז ער וועט דאָ עפּעס אַריינכאַפּן.

אָבער עפּעס איז מיר געווען ניט קלאָר. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די „פאָלקסצייטונג" איז גאָר אַרויסגעגאַנגען אין ווילנע. אגב איז די „פאָלקס־צייטונג" געווען אַ וועכנטלעכע צייטונג און דאָס איז אַ טעגלעכע.

איך בין שוין געוואָרן זייער נייגעריק וועגן דער געשיכטע מיטן אידן און, אומקערנדיק זיך אהיים, האָב איך געטראַכט, אַז עס וואָלט גוט געווען איך זאָל צוגיין צו דער פּאָסט, וואו עס איז אויך געווען אונזער בירזשע און מען דערוויסט זיך דאָרט פון אַלע נייעסן אין אונזער דאָרף. דאָרט באַגעגנט מען זיך מיט גאַנץ אידנברידזש און דאָרטן וועל איך זיך דערוויסן וועגן אָט דעם מערקווירדיקן אידן אַזש פון וואַרשע, און אפשר אויך באַגעגענען אים אליין.

איך האָב שוין יענע נאַכט ניט געקענט איינשלאָפן. איך בין געווען זייער נייגעריק צו זען אַ אידן פון די מרחקים, וועלכער איז, ווייזט אויס, ניט קיין פּראָסטער מענטש אויך. און אפשר קען ער טאַקע אונז אַרויס־העלפן אין אונזערע שווערע פּראָבלעמען, איבערהויפּט בנוגע דער דערציאונג פון די קינדער. און אפשר, האָב איך געטראַכט, האָבן אים טאַקע אַרויס־געשיקט אַזעלכע מענטשן וואָס אינטערעסירן זיך מיט אונז. און איך האָב שוין די נאַכט אויפגעשטעלט גאַנצע לופט־שלעסער.

ווי נאָר עס האָט זיך געמערקט, אַז אַ נייער טאָג ווערט געבוירן, בין איך שוין געווען אויף די פיס. איך האָב זיך אָנגעגרייט מיטן גאַנצן כלי־זין וואָס עס פאָדערט זיך צו אַזאַ שפּאַציר: אַ לאַנגן שטעקן, וואָס העלפט צו שפּרינגען איבער די בלאָטעס אויפן וועג; שטיוול, פוןביידע זייטן אָפן, אַז טאָמער געלינגט ניט דער שפּרונג און מען פאַלט אַריין אין וואַסער ביז איבער די שטיוול, האַלט זיך דאָרט די וואַסער ניט לאַנג; און אַ זאַק מיט אַ שטריקל פון אויבן, אין וועלכן צו טראָגן די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ אויף די פּלייצעס אַזוי, אַז דאָס זאָל ניט קענען דערגרייכן קיין וואַסער.

איך בראָדיע איבער דעם גראַז, נאַס פון טוי. עס איז, ווייזט אויס, געווען נאָך צו פרי; האָב איך גייענדיק אויפגעוועקט אַ פויגל, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון איר נעסט אויפצוּוועקן אַ פליג אויף אָנבייסן פאַר אירע קינדערלעך; אַ מאַמע־העזל, וואָס האָט אָנגעזויגן אירע ערשט־געבאָרענע קינדערלעך, האָט זיך פאַר מיר דערשראָקן (די שרעק פאַר ציוויליזאַציע),

איז אָפּגעשפּרונגען אַן א זייט און האָט געוואַרט ביז איך וועל פאַרבייגיין. און אַט הער איך א הינטל בילן, איז מיר געוואָרן היימלעכער: מסתמא שוין ניט ווייט פון אייזיקן. און אַט הער איך טאַקע „אין ניו־יאָרק באַנאַכט אויף די דעכער" — א פּאָפּולער לידל פון לאָנדאָנער ווייטשעפּל, מיט וועלכן אייזיק האָט אויפגעוועקט דעם פרימאָרגן.

„וואָס אַזוי פרי, אייזיק?" פרעג איך אים.

דערציילט ער מיר, אַז ער וויל צופאָרן צו אַ פאַרמער קויפן א קו, דאַרף ער זיין דאָרט איידער דער פאַרמער וועט אוועק צו דער ארבעט אין פעלד; און אַזוי ווי סינאַל, זיין שכן, איז ניטאָ אין דער היים, דאַרף ער אָנגרייטן האַלץ פאַר ביידע הייזער, אויסמעלקן די קי, אָנטרינקען די קעלבלעך און טאַקע אליין כאַפּן א ביים אויך, ווייל נאָך קיין אַפּעטיט האָט מען אין ערגעץ ניט געדאַרפט פאָרן.

איך האָב געהאַט נאָך א סטאַנציע, באַ אַ פאַרמער, מיינע לאַנדסלייט פון איין שטאָט אין דער אַלטער היים. אַט דער פאַרמער איז זעלטן ווען געווען אין דער היים. געווען איז ער זייער א שווערער ארבעטער. אין לאָנדאָן איז ער געווען א פרעסער; דאָ האָט ער געאַרבעט באַ בויען וועגן אין דער ווילדערניש — א רעגירונגס־ארבעט. ער איז דאָרט, אגב, געווען זייער פּאָפּולער: אַז טשאַרלי קרימער זאָגט אַזוי, מוז עס אַזוי בלייבן. ער האָט געאַרבעט זייער ווייט פון דער היים. די באַלעבאָטישקייט — עטלעכע קי מיט קעלבלעך און הינער — איז געבליבן פאַר זיין פרוי מיט זייערע פיר ברעקלעך קינדער. דער הויפּט־העלפער איז געווען איר עלטערער בחור פון א יאָר 12, און אויסגעקוקט האָט ער ווי אַן אַכט־יאָריק קינד. ער פלעגט עס דאַרפן גיין מיט דער מאַמען זוכן די קי, וואָס האָבן זיך געפּיטערט אין אַן 18־הונדערט־אַקערדיקן וואַלד, און דערביי לאָזן די דריי פּיצלעך אין הויז אַליין. ארויס־גייענדיק פון הויז, האָט זי אויסגעגאָסן די וואַסער, אויסגעלאָשן דעם אויוון, ארויסגעטריבן די קאַץ פון הויז, באַהאַלטן די שוועבעלעך, פאַרשפּאַרט די טיר פון דרויסן, און געבראָדיעט אין די וועלדער און די נשמה געלאָזט אין דער היים.

די אויפגאַבע פון דעם 12־יאָריקן אינגל איז אויך געווען צו באַזאָרגן די הויז מיט האָלץ. אמת, מ'האָט ווייט ניט געדאַרפט גיין זוכן קיין האָלץ אינעם וואַלד, אָבער קיין גרויסע קלעצער האָט ער ניט געקענט אויפהויבן; פלעגט ער קלייבן דינע צווייגלעך און אביסל צוגעפוילטע, כדי ער זאָל עס קענען צעהאַקן. איז עס געווען מיין חוב אָנצעהאַקן פאַר זיי אביסל האָלץ יעדעס מאָל ווען איך פלעג פאַרבייגיין זייער הויז.

ווען איך בין צוגעגאַנגען צו דער פּאָסט, 5 מייל פון דער היים, איז שוין געווען באַלד 2 אזייגער נאָך האַלבן טאָג. די פּאָסט איז נאָך נישט אָנגעקומען און דאָס פּיצל וואַרט־צימער פון פּאָסט־אָפּיס איז געווען אָנגע־פּאַקט מיט אידן ביז פון דער טיר ארויס; אידן מכל המינים — לאַנגע

און קורצע, ברייטלעכע און דארע, מיט און אָן בערד, אָבער אַלע אָן אויסנאַם פאַרבלאָטיקט ביזן גאַרטל, אַלע אויסגעזעצט, ווער אויף דער ערד און ווער אויף שטיקלעך האָלץ, מיט אָפענע מיילער, און שלינגען יעדעס וואָרט וואָס אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן, וואָס איז געזעסן אויף אַ מין טישל באַם וואַנט, רעדט צו זיי.

ווען איך בין אָנגעקומען האָב איך געהערט, ווי איינער זאָגט אַריין דעם גאַסט אין אויער אַריין: „אָט דאָס איז ער". האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מ'האָט מיך דאָ דערמאָנט. אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן מיר זיך שוין דערוואוסט דעם גאַנצן סדר־היחוס פון דעם יונגנמאַן. ער איז נעשיקט געוואָרן פון אַ אידישער צייטונג מיטן נאָמען „די פאָלקסצייטונג", ניט קיין „פּאַרטייאישע", וואָס דרוקט זיך אין אַ מיליאָן מיט אַ פערטל עקזעמפּליאַרן אַ טאָג (הערט נאָר!), און דערשיינט אין וואַרשע. אַליין איז ער אַ זון פון אַ טאַטן — אַ פּאַליאַק פון משה'ס גלויבן, און די מאַמע זיינע איז זייער אַ פרומע. זיין נאָמען איז אַרקאַדי פאַרנבאַך און ער האָט צוויי אָנגעזעענע שוואָגערס — נחום סאָקאָלאָוו און שלום אַש.

האָט אונז אָט דער איד מיט זיין יחוס אינגאַנצן צעטומלט. באַרעכנט נאָר — צוויי שוואָגערס, אַזעלכע גרויסע לייט! און דאָס וואָס זיין טאַטע איז אַן אַסימילאַטאָר, קען דאָך זיין זון זיין גראָד אַ פיינער מאַן. אָבער אַז אַ אידישע צייטונג זאָל זיך דרוקן אין אַ מיליאָן מיט אַ פערטל קאָפּיעס אַ טאָג — דאָס האָבן מיר נאָך קיינמאָל ניט געהערט. מילא, האָבן מיר גערעכנט, אַז דער איד איז אַ גוטער אַדווערטאַיזער און אַז מיר וועלן אים ניט גלויבן, וועלן מיר אויך זיין צדיקים. אגב, לייגן מיר דאָך גאָרנישט צו צום עסק. און טאָמער האָט זיך טאַקע אין פוילן די לאַגע געביטן און מען גיט דאָרט אַרויס אַ גרויסע צייטונג — זאָל זיין כאָטש פון אַ פערטל מיליאָן לייענער!

אָבער וואָס דאַרפן מיר טראַכטן וועגן די אַלע זאַכן: דערווייל איז ער דאָך אונזער גאַסט און מיר דאַרפן אים אויפנעמען פריינטלעך. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש — פון וואָסער ברעג פון דער קאָלאָניע ער זאָל אָנהויבן זיינע וויזיטן.

מען קלייבט מיך אוים פאַר דעם וועגווייזער

מען האָט זיך אָנגעהויבן קריגן וועגן דעם, וואו דער גאַסט זאָל אָנהויבן זיינע וויזיטן.

די אידן פון דרום, די אַפריקאַנער, האָבן זיך געפילט מער יחסנ'דיק פון אַלעמען. ערשט זיינען זיי דאָך די ערשטע גרינדער פון דער קאָלאָניע אידנברידזש. זיי זיינען עס געווען די ערשטע צו קויפן אַ 40 אַקער לאַנד פון דער רעגירונג און דאָרטן האָבן זיי באַשטימט, אַז ס'זאָל זיין די שול און דער בית־עולם. עס האָט אפילו שוין געהאַלטן באַ אַ קהל'שער באָד מיט אַ

כשר'ער מקוה. דאָרטן איז עס געווען די פּאָסט און דאָרט האָט געוואוינט דער ערשטער קאָרעספּאָנדענט פון דער צייטונג „דער קענעדער איד" אין וויניפּעג. זיי האָבן געקויפט לאַנד, צעשניטן אין לאָטס און צוליב סגולה וועגן אָנגערופן דאָס שטעטל — ווייל ווי לאַנג איז עס ווען אין בראָנזוויל זיינען ארומגעלאָפן ציגן, און היינט איז דאָרט אַ לאָט ווערט מער ווי אַ גאַנצע ציג. קורץ, יחוס ביז אריבער די ברעגן.

און מיר, פון צפון צום „שטעטל" זיינען קוים דערהויבן צו דריי נעמען. מיר זיינען טאַקע געווען די לאַנדאַנער, אָבער דאָס איז געווען אונזער גאַנצער יחוס, און מיר האָבן זיך נעבעך געמוזט באַנוגענען מיטן יחוס עצמו. אמת, מיר האָבן טאַקע געהאַט אַ חשק צו אַ זאַל פאַר אַ טעאַטער, און אַ ביבליאָטעק, און אונז האָט זיך געוואָלט אַ מאָדערנער לערער פאַר די קינדער, און אַ קאָאָפּעראַטיווע סטאָר און נאָך אַזעלכע זינדיקע זאַכן.

און די ניו־יאָרקער — זיי זיינען נעבעך געווען פאַרקוועטשט אין מיטן, צווישן צפון און דרום און זיינען אויך געווען פון זעלבן טייג געקנאָטן ווי די לאַנדאַנער און האָבן אויך געהאַט ניט וויניקער יחוס.

איז צוליב אָט די בערג מיט יחוס וואָלט זיך געווען צעפלאַקערט אַ קריג, ווען ניט אונזער גאַסט, וואָס האָט באַוויזן, אַז ער איז ניט קיין שיפּער־זיבעלע. ער האָט באַזייטיקט די שרייערס און האָט זיך אליין דערקלערט אַלס דיקטאַטאָר. אין אַ פּאָר מינוט איז באַ אים פאַרטיק געוואָרן די לאַנד־קאַרטע פון אידנברידזש. ער וויל קיינעם ניט פרעגן צו וועמען צו גיין מיט אַ וויזיט פריער און צו וועמען שפּעטער.

אָבער דאָ איז אונטערגעקומען אַ נייער אָפּהאַלט. עס זיינען דערביי גראָד געווען אַ פּאָר פאַרמערקעס, וועלכע וואוינען ניט וייט (די פון דער וייט האָבן ניט געקענט גיין צו דער פּאָסט צוליב די שלעכטע וועגן). און אָט־די פאַרמערקעס, וואָס זיינען געווען זייער גאַסט־פריינטלעך, האָבן דווקא געוואָלט זיין פון די לעצטע אויפצונעמען דעם גאַסט, כדי זיי זאָלן זיך קענען בעסער צוגרייטן. אַ גרויס־שטאָטישער איד, האָבן זיי גע'טענה'ט, האָט אוודאי אַ זיידענעם מאָגן און מען דאַרף פאַר אים צוגרייטן אביסל בעסערע אכילות. און אויך דאָס מעבל, וואָס באַטאָג איז עס אַ בענקל און באַנאַכט ווערט עס אַ בעט, איז ניט פּאַסיק פאַר אַזאַ גאַסט. און די איין־צימערדיקע פּאַלאַצן, וואו ער וועט ניט האָבן אַפילו וואו אַוועקצושטעלן זיך. דאַרף מען דאָס אַלץ באַזאָרגן.

איז שוין דאָ אונזער גאַסט אַרויס מיט לשון און האָט גע'טענה'ט, אַז ער וויל עסן דעם זעלבן באָרשטש וואָס מיר עסן. ער קען שלאָפן אויף אַ האַרטן בענקל און ער זוכט ניט קיינע פּאַלאַצן צום טאַנצן. ער איז זייער צופרידן צו זיין דער זעלבער יחסן ווי מיר זיינען. ער וויל אַפילו מאַכן זיינע וויזיטן צו די פאַרמער צופּוס, אַזוי ווי מיר אַלע גייען, און ער גאַראַנטירט, אַז ער וועט מאַכן דעם „דזשאָב" ניט ערגער פון אונז. אַלץ וואָס ער וויל

נאָר פון אונז, איז א וועגווייזער. ער האָט מורא, אז זיין לאַנד־קאַרטע וועט אים ווייניק העלפן. ווייל דער גערדיכטער וואַלד איז שטאַרקער פון פּאַפּירענע קאַרטעס, און ער קען גאַנץ פיין פאַרבלאָנדזשען, ניט ווייסנדיק וואו אַרויס־צוקריכן. אגב, האָט ער מורא פאַר הינט, און באַ יעדן פאַרמער זיינען דאָך הינט לרוב.

אָבער אויף צו זיין א וועגווייזער, וואָס דאָס מיינט אַן אַרבעט אויף עטלעכע טעג, האָבן זיך געפונען זייער ווייניק בעלנים. ס'איז גראָד געווען דער סעזאָן פון קאַרטשעווען דעם וואַלד און יעדער איינער איז איבערגעלאָדן מיט אָט־דער אַרבעט.

נאָר אָט הער איך, ווי מען רופט אויס מיין נאָמען. ווער האָט עס מיר איינגעטיילט דעם כבוד? אונזערער א נאָענטער שכן, זלמן פלאַקס, איינער פון אונזער גרופּע, וואָס האָבן געאַרבעט קאָאָפּעראַטיוו, און ער האָט עס געוואוסט פון דעם סוד, אז איך האָב מער צייט פון אַלעמען.

איך וועל באַ אַן אַנדער געלעגנהייט דערציילן פאַרוואָס אונזער גאַנצע גרופּע האָט געמאַכט א פאַרשווערונג קעגן מיר ניט צו צולאָזן מיך צו שווערער אַרבעט. איצט, פאַרבייגייענדיק, וויל איך בלויז זאָגן, אז מיר האָט זיך זייער געוואָלט זיין א „נוצלעכער בירגער פון לאַנד" און העלפן שאַפן די ציוויליזאַציע. אָבער חברה האָט ניט דערלאָזט. ווי נאָר איך פלעג צוקומען צו א גראָבן בוים און האָב זיך אָנגעשפּיצט מיט מיין שאַרפן העקל — מיטאַמאָל וואַקסט מיר אויס זלמן און אַן ווערטער נעמט ער זיך האַקן. און אז איך פלעג אַריינכאַפּן א שעת־הכושר, ווען זלמן שטאָפּט אַן זיין פּיפּקע מיט טאַבאַק, און כאַפּן זיך צו א שווערן בוים, וואַקסט אויס רייפל מיט א פינטל מיטן אויג, וואָס דאָס מיינט, אז איך זאָל זיך אָפּרוקן. אָדער פולמאַן; יענער פלעגט אויך ניט פרעגן. ער, מיט זיין 6־פונטיקער האַק, פון ביידע זייטן שאַרף, פלעגט זיך צורוקן, און אז ער פלעגט געבן א קנאַק, האָט מען געפילט, אז די ערד טוט זיך א שאָקל און דער בוים טוט א ציטער. און ווען דער בוים איז שוין געלעגן אַן אויסגעצויגענער אויף דער ערד, פלעגט ער מיר שענקען א פּאָר ווערטער, אז איך זאָל ניט מער ווי אַרומהאַקן די צווייגן און אויסלייגן זיי אין קופּעס. דאָס, זאָגט ער, איז מיין אַרבעט. מיין ברודער פלעגט האָבן אַן אַנדער איינפאַל. ער פלעגט מיך בעטן, אז איך זאָל ברענגען פרישע וואַסער פאַר די חברה צו טרינקען, און ביז איך פלעג קומען מיטן וואַסער, זיינען שוין היבשע עטלעכע שווערע בוימער געלעגן אויף דער ערד און איך בלייב שוין באַ די דינע בוימער. און אזוי האָב איך זיך צייטנווייז געפילט ווי א לײדיקגייער.

איך פלעג זיך אָבער אָפּרעכענען מיטן וואַלד אין האַרבסט, ווען די חברה פלעגט זיך אַרויסלאָזן אין די אַרומיקע שטעטלעך פאַרדינען א דאָלער, באַם דרעשן אָדער אין א לאַמבער־מיל, און איך פלעג דאַן בלייבן אין דער היים — ווייל אויך צו אזעלכע אַרבעטן האָבן זיי מיך ניט צוגעלאָזט.

דעריבער איז עס זלמן ארוים מיט דעם פֿאָרשלאַג, אַז איך זאָל עס אָנפֿירן מיטן קאַראַוואַן. און מיר האָבן גענומען גרייטן זיך צו דער עקס־פּעדיציע — מסעות בנימין השלישי.

די ערשטע זאָרג איז געווען — ווי פּאַסט מען אַריין אַ גרויס־שטאָטישן אידנס פּוס אין אַ שטיוול, וואָס איז פֿוןביידע זייטן אָפֿן. צווייטנס — ווי לערנט מען אויס אַ וואַרשעווער אידן צו שפּרינגען איבער בלאָטעס. און נאָך ערגער איז געווען, וואָס פֿון יעדן מאָסקיטאָ־שטאָך איז באַ אים אויפֿגעלאָפֿן אַ בייל. און מאָסקיטאָס האָבן מיר דאָ געהאַט אין טריליאָנען.

אָבער שוין דעם ערשטן טאָג האָבן מיר אָנגעשפּאַרט באַ פֿיר פֿאַרמער, און געניעכטיקט באַ ראָזנבערגן — אונזער דעפּאַרטמענט־סטאָר, וואו די גאַנצע סחורה האָט זיך באַהאַלטן אין קיך אין אַ ווינקל. דאָנערשטיק איז אונזער גאַסט אַוועק אין סטאַר־סיטי איבערצושיקן אַ טעלעגראַפֿישן באַריכט צו זיין צייטונג פֿון אידנברידזש. און פֿרייטיק האָבן מיר אויך דורכגעמאַכט היבשע עטלעכע פֿאַרמער. צו דער נאַכט אָבער האָט ער געוואָלט אָנשפּאַרן צו אונז. דאָרטן, זאָגט ער, מיט יונגע זאָרגלאָזע חברה, פֿון וועמען ער האָט זיך אונטער דער צייט דערוואוסט, פֿילט ער, אַז ער וועט עפּעס געניסן. ער האָט אָבער געפֿאָדערט, אַז איידער מיר גייען אוועק אַהין זאָלן מיר אָנזאָגן אַלע פֿאַרמער מיט זייערע ווייבער און קינדער זיי זאָלן זונטיק קומען צו דער שול־געביידע און ער אַליין וועט באַזאָרגן די גאַנצע פּראָגראַם. אגב וועט ער פּרובירן פֿאַראייניקן דעם „צפון” מיטן „דרום” אין אונזער געגנט, און זאָלן מיר לעבן בשלום ושלוה.

גייענדיק אַהיים האָב איך מורא געהאַט פֿאַר צוויי זייער שלעכטע בלאָטעס, וואָס מיר דאַרפֿן נאָך דורכמאַכן — כאָטש אונזער גאַסט איז שוין פֿאַר די פֿאַר טעג געוואָרן אַ מאַדים אויף שפּרינגען איבער די בלאָטעס, אָבער וואָס ס'איז געבליבן פֿון זיינע וואַרשעווער שיך זאָל מען דאָס זען אויף אַלע שונאי ישראל (די גרויסע שטיוול, פֿון ביידע זייטן אָפֿן, האָט ער ניט געוואָלט אָנטאָן). און נאָך איידער מיר זיינען צוגעקומען צו אייזיקן, איז ער שוין געווען נאַס, אַזש נאַר אויסצודרייען. ער האָט זיך נעבעך אויסגע־גליטשט און איז אַריין אין בלאָטע ליגנדיק.

דער גאַסט איז חושד, אַז מיר האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט

זייענדיק ביי אייזיקן האָט זיך מיר איינגעגעבן איבערצוזאָגן אַהיים, אַז „בנימין” און „סענדערל” זיינען בשלום אָנגעקומען ביז אייזיקן און אַז מיר וועלן צו אָוונט־צו אָנשפּאַרן אַהיים. פֿון אייזיקן האָבן מיר נאָך געהאַט איין גרויסע בלאָטע דורכצומאַכן. מיר איז שוין די בלאָטע גוט באַקאַנט געווען און איך האָב עס געקענט אַריבערשפּרינגען מיט פֿאַרמאַכטע אויגן; אָבער פֿאַר אונזער גאַסט האָב איך געציטערט אַז אים וועט עס גלאַט ניט דורכגיין.

האָב איך צוליב דעם גערעדט באַשלאָסן באַ אייזיקן אַ האַק, אַז איך זאָל אָראָפּהאַקן נאָך אַ פּאָר בוימער און מאַכן אַ ברייטערן בריק.

איידער איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט זיינען אונז שוין באַפאַלן די אמת׳ע שטעכערס. האָב איך שוין מיין גאַסט אַרויפגעזעצט אויף אַ ליגנדיקן בוים מיט גרויסע צווייגן, אויף אָנצושפּאַרן זיך, און האָב פאַר אים געמאַכט אַ גוטן רויך, אַז די מאָסקיטאָס זאָלן פאַר אים מורא האָבן, און אַליין בין איך אַוועק בויען אַ בריק. אגב, האָב איך געטראַכט, וועט דאָך דער גאַסט דאַרפן גיין צוריק מיטן זעלבן וועג, וועט אים שוין די בריק אויסהיטן פון אַ כשר׳ע מקוה.

אָבער, ווי זאָגט זיך דאָרטן אין אַ ווערטל — אַ חתונה אָן אַ ברוגז האָט גאָר ניט קיין טעם, און אָן עקספּעדיציע אָן אַ פּאַרדראָס איז עפּעס אויך אָן פעפער. דאַרף זיך אַזוי מאַכן, אַז לויט מיין אַרכיטעקטור זאָל אויסקומען אַז איך זאָל אויסהאַקן צוויי ריזן־בוימער און לאָזן זיי פאַלן איבער דער בלאָטע פון דרום צו צפון, און אַ פּאָר לייכטערע איבערהאַקן אין קורצע שטיקלעך און וואַרפן עס צווישן די בוימער וואָס זיינען שוין פון פריער געלעגן — אַז טאָמער גליטשט מען זיך אויס, בלייבט מען הענגען אויף די צוויי לאַנגע בוימער און די פיס בלייבן אין די קורצע שטיקלעך האָלץ. איז שוין אָבער געוואָרן טונקל און איך האָב פּונקט ניט אָנגעטראָפן ווי די בוימער זאָלן פאַלן; האָט זיך איין בוים אָנגעהאַנגען אין סאַמע שפּיץ אין דער הויך אויף אַ צווייטן בוים און איך האָב זיך לאַנג געמאַטערט און ניט געקענט אַראָפּשטופּן עס. ווען איך וואָלט געהאַט כאָטש נאָך איין דריטע האַנט, וואָלט איך עס באַוויזן צו טאָן; אַזוי אָבער האָב איך געמוזט אַראָפּהאַקן אַ דריטן בוים. אָבער דאָ האָט עס געקענט טרעפן, אַז ווי נאָר דער דריטער בוים וועט זיך אַ בויג טאָן צו פאַלן, גליטשט זיך אַראָפּ דער אַראָפּהענגענדיקער בוים און קען אַראָפּפאַלן גלייך אויף מיין היטל און קאַליע מאַכן ביידע זאַכן — דאָס היטל און מיין קאָפּ.

ביז איך בין פאַרטיק געוואָרן מיטן ברוקלינער בריק, האָט שוין דאָרטן מיין גאַסט געמאַכט אַ פייער ביזן הימל אַריין. איך האָב געוואוסט, אַז ער איז נאַס ווי אַ ריך און אַז אים מוז זיין קאַלט — וואָרעמט ער זיך לעבן פייער. אגב, איז געווען זייער שיין צו קוקן, ווי אינדרויסן איז פינצטער און די פונקען פייער רייסן זיך צום הימל, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אָנצינדן דעם הימל. נאָר אָט רעגנט עס ממש מיט אַש פון די איבערגעברענטע פונקען. ווייזט אויס, אַז זיי האָבן דעם הימל ניט געקענט דערגרייכן, אָבער די פייער־שפּיצן שטרענגען זיך אָן און רייסן זיך פאַרט צום הימל.

איך העלף אָנהאַלטן דעם פייער און לייג צו נאָך האָלץ, און אינעם שיין פון פייער, באַמערק איך, אַז דער איד קוקט אויס זייער אומעטיק. האָב איך געמיינט, אַז אים איז קאַלט און אַז ער איז זייער אויסגעמאַטערט, רוף איך אים, אַז מיר זאָלן גיין אַהיים ווייל מיר זיינען געווען ניט מער

ווי א פערטל מייל פון דער היים, און ער וועט זיך קענען אין הויז אויסרוען. ערשט איך זע, אז מיין גאסט רירט זיך ניט פון אָרט, אזוי ווי ער וואָלט דאָ געוואָלט נעכטיקן. איך רוף אים נאָכאמאָל, אָבער ער ווייל ניט גיין.

און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אָט וואָס: אונזער גאסט האָט מיך פאַר־דעכטיקט, אז די גאנצע מעשה מיט מאכן די בריק איז געווען נאָר כדי אוועקצושטופּן די צייט און אז איך האָב געמאכט דעם פייער צוליב דעם, אז מיר זאָלן דאָ קענען איבערזיצן די נאכט. ער איז געווען הונדערט־פּראָצענט זיכער, אז מיר האָבן פארבלאָנדזשעט אין טיפן וואלד און אז איך וויים ניט דעם וועג אהיים. אָט דערפאר וויל ער ניט גיין, ווייל צוליב וואָס נאָך אמאָל איינגעצן זיך און דאַן ערשט מאכן נאָך א מאָל א פייער, און צוליב וואָס אומזיסט ארומגיין? און דאָ לעבן פייער איז ווארעם צו זיצן, וויל ער פשוט ניט פארלאָזן דעם פּלאַץ.

פאר צרות האָב איך זיך צעזונגען מיט א רוסיש ליד—„דובינושקא". און איך האָב דערביי געהאט א חשבון אויך. איך האָב געוואוסט, אז פּולמאַן איז פארליבט אין דעם דאָזיקן ליד און אז ער וועט מיך דערהערן זינגען, ווייל עס איז געווען ניט ווייט פון דער היים. און אזוי איז טאַקע געווען. פון דער ווייטנס האָט זיך דערהערט זיין שטימע אויף א גאַר הויכער אָקטאַווע „העי אוכניעם", אז דער וואלד איז פול געוואָרן מיט געזאנג. ווען דער גאסט האָט דערהערט א מענטשן־שטימע, איז ער געוואָרן ממש א לעבעדיקער און איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט ווי א קינד. ער האָט שוין איינגעזען, אז מיין ארבעט צו בויען די בריק איז ניט געווען קיין אויסרייד. ער האָט איינגעזען זיין טעות און האָט צוגעגעבן, אז מיר זיינען ממש קינסטלער צו טרעפן אין דער פינצטערניש דעם וועג, ווען אים דאכט זיך, אז אפילו א חיה וואָלט עס ניט געטראָפן.

ווען מיר זיינען צוגעקומען צו דער הויז און איך האָב אים איינגעלאַדן אריינצוגיין דער ערשטער, איז ער געבליבן שטיין און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ער זעט א פּאָר לעכער אין דער וואנט (מיר האָבן עס גערופן פענצטער) און דורך זיי שיינט עפּעס ווי א ליכט. אָבער קיין טיר זעט ער ניט. ער זעט זאוועסקעס צוגעקלאַפּט צו דער וואנט, און א מין קליאַמקע, וואָס ער האָט אין ווארשע נישט באגעגנט, אָבער גיי שלעפּ א גאנצע וואנט! ער האָט ניט געוואוסט, אז מ'קען פון דער וואנט אויסשניידן א לאָך און אָט די ברעטלעך צוזאמענקלאַפּן, אָנהענגען זאוועסקעס — און דאָרט ווערט א טיר. אָבער ענדלעך האָט ער עס טאקע אַן עפן געטאָן, און עס איז טאַקע א טיר! און ווען ער איז אריינגעקומען אינווייניק און האָט דאָרט באגעגנט דריי יונגעלייט, אויסגעפּוצט אין עסיק און האָניק (אין אָדמ'ס קליידער), און מען האָט זיך אָפּגעגעבן דעם ערשטן שלום־עליכם, האָט מען זיך אַלע דערפילט ווי באקאנטע נאָך מקדמונים, ממש לאַנדסלייט.

אין הויז האָב איך געפונען, אז מענטשן האָבן דאָ צוגעלייגט א האנט

— אויסגעקערט דעם דיל, די בענקלעך אויסגעשטעלט לעבן טיש, אזוי ווי צו עפּעס א שמחה. די גלעזל פון לאָמפּ אויסגעווישט און דער באַרשטש אויפן אויוון האָט אָנגעפילט די לופט מיט א זיס־זויערן ריח — א באַווייז, אַז דער באַרשטש קומט פון באַרשטשלאַנד, א מאכל פאר מלכים. עס האָט מיך אָבער געוואונדעט, וואו עס זיינען אהינגעקומען פון טיש די אלע צייטונגען, ביכער און פּאַפּירן מיטן טינט, מיט וועלכע דער טיש און די בענקלעך און אַלץ אין דער הויז איז אַלעמאָל פאַרפּליצט, ווי אין די אמאָליקע אומלעגאַלע ביבליאָטעקן נאָך אין צאַרס צייטן אין רוסלאַנד.

אונזער גאַסט האָט א שטעל געטאָן א פּוס און ניט געוואוסט וואו צו שטעלן די צווייטע. ער האָט געזוכט דעם וואַש־צימער, וואו ארומצעוואַשן זיך און ס'איז אים, ווייזט אויס, ניט איינגעפאלן, אז מ'קען זיך וואַשן אַלץ אין דעם איין צימער, וואָס דינט פאר א קיך, א גאַסט־צימער, עס־צימער, שלאָף־צימער — פאַר אַלץ און פאר אַלעמען. הכלל, מען האָט אים צורעכט געמאַכט א ווינקל, אביסל פּריוואַט, צו ארומוואַשן זיך, און מען האָט אים אויך געוואָרנט אז ער קען ארויסקומען א „רויטער" נאָך וואַשן זיך. דער סוד פון דער „רויטקייט" איז געווען דאָס, וואָס מיר האָבן גענומען אונזער וואַסער פון בלאָטעס, וואו עס האָבן זיך געפּלאָדיעט אָן א שיר ווערעמלעך. האָט מען די גרעסערע ווערים ארויסגענארט דורך איבערזייען דאָס וואַסער, אָבער די קלענערע זיינען פאַרבליבן, און אַלץ וואָס מען האָט געקענט טאָן איז — איבערקאָכן דאָס וואַסער, וועלכע איז געוואָרן טונקל־רויט פון די לעבעדיקע ברואים'לעך, וואָס האָבן זיך דאָרט אויסגעקאָכט. (צוליב אָט־דעם קאָליר פון דער וואַסער איז אויך אונזער טיי געווען שטאַרקער נאָך ווי דער לאַנדאָנער טיי).

ווען דער קאָך־מייסטער האָט געגעבן א באַפעל, אז מען זאָל צוטרעטן צו דער וועטשערע, האָט זיך אונזער גאַסט אויפגעשטעלט און געבעטן אַז מען זאָל אים „שענקען א מתנה". מיר האָבן זיך אַלע פאַרוואונדערט: וואָס איז דאָס פאר אַן איינפאַל פון א גאַסט, וואָס וויל א מתנה נאָך איידער ער האָט עס פאַרדינט? לאָזט זיך אויס, אז ער וויל אַז מיר זאָלן אים „אוועק־שענקען די נאַכט" — די גאַנצע נאַכט ביז אין דער פרי; ד. ה. אנשטאָט דעם, אז ער זאָל זיין אונזער גאַסט, זאָלן מיר זיין זיינע געסט פאר היינטיקער נאַכט. דער איינפאַל איז אונז געפעלן געוואָרן (מיר האָבן גאָרנישט פאַר־דעכטיקט) און מיר האָבן צוגעשטימט.

מיר עסן וועטשערע א גאַנצע נאַכט

מיר האָבן געהאַט צוויי געהויבענע מאכלים אויף וועטשערע: דער לויתנ'ס ברודער — א הערינג, אַן אַנטיק, וועלכן אונזער קאָך־מייסטער האָט זייער קינסטלעריש צעשניטן און ארויפגעלייגט אויף א טעלער; און א רויטער באַרשטש, וואָס האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון וויין. און געגעסן האָבן מיר

א גאנצע נאכט — אלץ צוליב אונזער גאסט, וועמען מיר האָבן אליין מיט אונזערע הענט געמאכט פאר א דיקטאטאָר און האָבן געמוזט פאָלגן אלץ וואָס ער האָט געהייסן.

איידער מיר האָבן זיך געמעגט צורירן צו א ביסן האָבן מיר געמוזט פארהאנדלען און דיסקוסירן כמעט אלע ענינים אין דער וועלט, פון וועלכער מיר זיינען געווען דער מיטלפונקט, און דערפאר טאקע האָט מען מער פון אלץ גערעדט וועגן דעם לעבן פון אונז, א גרופע אידישע פארמער דאָ אין אידנברידזש.

ריידנדיק וועגן די פארשיידענע ענינים, און אויך וועגן עסן — א זאך וואָס מיר האָבן ניט געקענט אויסמיידן, זייענדיק אלץ שטארק הונגעריק — איז בדרך אגב אויפגעקלערט געוואָרן די אורזאך פארוואָס מיינע חברה האָבן מיך אלע אזוי שטארק אָפּגעהיט און ניט צוגעלאָזט מיך צו קיין שווערער ארבעט. עס האָט זיך ארויסגעוויזן — פאר דעם גאסט אלס א נייעס — אז איך בין א וועגעטעריאנער און איך עס ניט קיין שום פלייש. און כאָטש איך האָב גע׳טענה׳ט, אז איך פיל זיך געזונט און שטארק, פונקט ווי זיי אלע, פון בלויז ברויט און גרינסן, האָבן זיי דאָך געהאלטן, אז דערפאר וואָס איך עס נישט קיין פלייש בין איך ניט ראוי צו קיין שווערער ארבעט.

דערנאָך האָט אונזער גאסט געהאלטן א לאנגע רעדע, אין וועלכער ער האָט איבערגעגעבן זיינע איינדרוקן פון אונזער קאָלאָניע.

ער האָט אונז דערציילט, אז ער איז אנגענעם איבערראשט פון דעם וואָס ער האָט ביז איצט געזען און פון דעם וואָס מיר זיינען מער־פאָרגע־שריטענע מענטשן, ווי ער האָט דערוואַרטעט צו געפינען אין א קאָלאָניע פון ערד־ארבעטער. ער האָט דערציילט וועגן א יונגער פרוי אין אונזער קאָלאָניע, וועלכע האָט זיך פאר אים באקלאָגט, אז זי זאָרגט זיך וועגן דער אידישער דערציאונג פון אירע קינדער, וואָס דאָס עלטסטע איז דערווייל בלויז 5 יאָר אלט. אן עלטערע פרוי — וואָס ער האָט געמיינט, אז זי וויל מיט אים ריידן וועגן א שידוך פאר איר טאָכטער — האָט מיט אים גאָר גערעדט וועגן דעם, אז זי וואָלט וועלן אירע קינדער זאָלן שטודירן אגריקולטור, אָבער זי ווייסט ניט ווי אזוי אָרעמע מענטשן קענען עס אויספירן.

און אָט דערציילט ער ווי א יונגע מיידל מיט שווארצע אויגן ווי קארשן, וויל מיט אים ריידן, און ער האָט דערוואַרט, אז זי וועט אים עפּעס דערציילן וועגן איר חתן, וועגן א תפילין־זעקל וואָס זי נייט פאר אים, אָדער נאָך אזעלכע ענינים. ווייל וואָס אנדערש קען א פארמערשע מיידל האָבן אינזינען? ווייזט זיך גאָר ארויס, אז זי וויל מיט אים שמועסן וועגן טעאטער און וועגן דעם וועלכע אידישע דראמאטורגן זיינען מער צוגעפּאסט פאַר דער יוגנט.

אמת, דערציילט אונזער גאסט, ער האָט אויך אָנגעטראָפן אן עלטערע פרוי, וואָס זאָרגט זיך וועגן דעם וואָס עס פעלט זיי א אמת־כשר׳ע מקוה. ער האָט אויך געטראָפן אן אלטן אידן, וועלכער זאָרגט זיך וועגן זיינע

אייניקלעך. זיי זיינען זייער טאַלאַנטפולע קינדער, זעלטן־פיינע שטימען, און ווען זיי וואוינען אין שטאַט, וואָלטן זייערע טאַלאַנטן געקענט אַנטוויקלט ווערן. נאָר מער פון אַלעמען האָט אים איבערראַשט אַ יונג בחור'ל, מיט ברייטע פּלייצקעס, וואָס נאָכן וואוקס קוקט ער אויס צו זיין אַ יאָר 12, אָבער ער האָט שוין אוודאי געמוזט זיין אַ יאָר 15. אָט דער בחור'ל האָט אים מיט זיין געשפּרעך אוועקגעשלעפּט אין די הויכע הימלען און ווייטע וועלטן און האָט אים ממש איבערראַשט מיט זיין שׂכל. (דער זעלבער בחור'ל איז נאָך אין זיינע יונגע יאָרן געוואָרן אַ פּראָפעסאָר אין אַ ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט).

פולמאַן, וועלכער איז ווייזט אויס געווען מער הונגעריק פון אַלעמען, האָט זיך באַנוצט מיט אַ מאָמענט ווען דער גאַסט איז אַ ווײַלע שטיל געבליבן און האָט געמאַכט עפּעס אַ באַמערקונג וועגן דעם, אַז דער פויגל איז מיטן זינגען ניט זאַט. אונזער גאַסט האָט עס גענומען אין באַטראַכט און האָט ענדלעך דערלויבט נעמען זיך צום הערינג. ווען עס איז אָבער געקומען צום באָרשטש, האָט ער שוין געהאַט עפּעס צוגעטראַכט אַ נייעס:

באָרשטש מיט גראַמען

און עס איז אַזוי געווען: ער האָט געהייסן אַריינגיסן דעם גאַנצן באָרשטש אין איין גרויסער שיסל, און יעדער זאָל פאַר זיך אַליין זיין דער טאָוסט־מייסטער פאַר די גרויסע לייט פון דער וועלט. די טאָוסטן זאָלן געמאַכט ווערן אין גראַמען, און וויפיל שורות יעדער איינער וועט קענען אַרויסזאָגן, אַזוי־פיל לעפל באָרשטש וועט ער מעגן אַראָפּנעמען אין זיין טעלער. און — נישט געבלאָפט! ווען איינער וועט אַרויסקומען מיט צופיל שורות, און וועט וועלן נעמען צופיל לעפל באָרשטש, דאַן פאַרלירט ער אינגאַנצן. ער גיט אונז 15 מינוט צו טראַכטן און ער רופט אויס: „ווער וויל בלייבן דער לעצטער?”. האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט דער ערשטער צו בלייבן דער לעצטער. און אָט פאַרוואָס:

איך האָב אָט דעם מערקווירדיקן אידן ליב געקראָגן זינט אונזער עקספּעדיציע. איך האָב אין אים געפונען זייער פיינע אייגנשאַפטן. אַ מענטש, אינטעליגענט אין פולן זינען פונעם וואָרט. קיין זאַך איז פאַר אים ניט פרעמד, אַלץ ווייסט ער, אינטערעסירט זיך מיט אַלע קלייניקייטן, קריכט מיט אונז אַרום אין אַלע ווילדע ווילדערנישן, גיט אוועק צייט און כּוח און וויל דערפאַר אפילו קיין דאַנק ניט. האָב איך אים געוואָלט אַרויסהעלפן אין זיין באָרשטש־פאַרווײַלונג מיט אַביסל מער צייט. איך בין אָבער שיר ניט אַריינגעפאַלן, ווייל וואָס מער שורות איך האָב צוזאַמענגעשלעפּט אַלץ ווייניקער האָט זיך עס געקלעפּט. אָבער אַ דאַנק אַ מעשה (פון רוסישן) פון אַ גלח מיט זיין הינטל, וואָס איך האָב זיך דערמאָנט, האָט עס געראַטעוועט מיין רעפּוטאַציע. איך קען דאָס איצט ציען כּאָטש אַ גאַנצע נאַכט.

און די שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן.

מיין ברודער איז געווען דער ערשטער. זיין וואונטש איז, אז—

„באַ ניקאָלאַיען אויפן טראָן
זאָל פּלאַטערן אַ רויטע פאָן".

קורץ און גוט. ער איז זיכער מיט זיינע צוויי לעפל באָרשטש.

דער צווייטער איז געווען פולמאַן. זיין טאָוסט איז געווען:

„סטאַליפּין און וויטע
און זיין מיסעס אַ דריטע
און אַלע אַנטיסעמיטן
זאָל מען באַגראָבן און פארשיטן".

אויך גוט. און אונזער קאָך־מייסטער האָט געזאָגט:

„ווען דער אַרבעטער וויל
ווערט דעם באָס הייס און קיל".

דערנאָך האָט זיך אוועקגעשטעלט דער אָדון־הגדול, דער גאַסט אליין, און האָט געזאָגט:

„איבעראַל,
וואו ס'הערשט קאַפּיטאַל,
זיינען דאָ צוויי קלאַסן.
די ערשטע שלאָפן אין פּאַלאַצן,
די צווייטע — אין די גאַסן.
די ערשטע עסן געבראָטנס צו זאַט,
די צווייטע — קוים ברויט מיט אַביסל גראָז פון סאַלאַט.
זאָל עס אַט די חברה קריגן שכל
און אריינקלייבן זיך אין קאַפּיטאַליסטישן היכל
און מאַכן דאָרט דעם ריכטיקן טאָלק,
באַפרייען דאָס אָרעמע פארשקלאַפטע פאָלק . . .

דאַן איז געקומען מיין ריי, און איך האָב גענומען זאָגן:

„אינעם שטעטל בראָד
זאָל עס דער פּראָסטער נאַראָד
אויסגעפינען אַזאַ מעטאָד
ווי אַזוי צו מאַכן ניקאָלאַיען אַ הייסע באָד,
און דער בעזימער זאָל עס גראָד
זיין פּאָבעדאָנאָסצעוו פון הייליקן סינאָד,
און ער זאָל עס ארויסשיקן שמשים אַ סקוואָד
זיי זאָלן דער וועלט איבערגעבן בסוד,
אַז אינעם שטעטל בראָד
האָט עס דער פּראָסטער נאַראָד
אויסגעפונען אַזאַ מעטאָד . . .
און די מעשה וואָלט זיך ציען לאַנג און אַז אַז עק,
ווען די לעפל שלאָגט זיך ניט אַז אין דעם טרוקענעם דעק".

עס האָט אונז שוין יענע נאַכט ניט געפעלט קיין לאָך־שטאָף. נאָכן עסן האָט אונז דער גאַסט אויך פאָרגעלייענט פון עדלשטאַט, ווינטשעווסקי, שלום עליכם, פרוג, באָוושאָווער, און נאָך אַנדערע. מיר האָבן געהערט, געלאַכט, געוויינט, ביז די נאַכט האָט זיך געענדיקט און דער טאָג האָט אריינגעקוקט דורכן פענצטער.

אונזער גאַסט שרייבט מיט פּאַסיקלעך און דריידעלעך

שבת אין דער פרי זיינען מיר אריינגעפאַלן צו אייזיקן, וועמען מיר האָבן געפונען גרייט: ער האָט שוין געוואַרט אויף אונז. און נאָך ניט אַזוי אייזיק, ווי זיין מוטער — אַן עלטערע קלוגע פרוי. זי וואַרט אויפן גאַסט פון וואַרשע, וואו זי האָט אַ ברודער אירן און וויל מיט אים איבערשיקן אַ גרוס צו איר ברודער דורך די אַרטיקלען וואָס ער וועט שרייבן אין זיין צייטונג. און דער גאַסט פון וואַרשע האָט נאָך צוגעלייגט, אַז ער וועט זי פאָטאָגראַפירן און דאָס בילד אריינגעבן אין דער צייטונג.

באַם פאָטאָגראַפירן זיך האָט אייזיק געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך אריינזעצן אין אַ וואָגן, געשפּאַנט מיט זיינע צוויי פערד. וואָס האָבן אין דער גאַנצער געגנט געהאַט אַ שם פאַר די שענסטע און שטאַרקסטע פערד, ממש גבורים, און וועלכע ער האָט געקראָגן פאַר די עטלעכע גאָלדענע פונט סטערלינג וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט און מיטגעבראַכט פון לאָנדאָן, ענגלאַנד. די אַלטע האָט אָבער ניט געוואָלט זעצן זיך אין אַ געשפּאַנטן וואָגן אום שבת, און אונזער גאַסט האָט געפונען אַ מיטל: ער וועט פאָטאָגראַפירן זיי באַזונדער און די פערד באַזונדער און דערנאָך וועט ער שוין „פיקסן", אַז זיי זאָלן ארויסקומען צוזאַמען.

אַזוי ווי פון אייזיקס הויז גייט מען ניט ארויס קיין ניט־געגעסענער, האָבן מיר שוין דאָרט אָפּגעגעסן און דערנאָך האָבן מיר זיך דערפילט זייער מיד — אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. האָבן מיר שוין דאָרט געכאַפּט אַ דרעמל. דערנאָך האָבן מיר געטרונקען טיי און דערנאָך אביסל צעשמועסט זיך, און אייזיק — אַ באַגאַבטער דערציילער — האָט דערציילט פון זיינע איבערלעבונגען אין לאָנדאָן אַלס אַ גרינער. און אונזער גאַסט, אַרקאַדי פאַרנבאַך, האָט דאָס אַלץ פאַרצייכנט מיט פּאַסיקלעך און דריידעלעך, מיט קורץ־שריפט (סטענאָגראַפיע). דאָס, האָט ער אונז פאַרזיכערט, איז אַ זעלטן־פיינער מאַטעריאַל פאַר זיין צייטונג.

געגעסט מיר האָבן זיך באַ אַן אַנדער פאַרמער, און ווען יענער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער גאַסט קלייבט מאַטעריאַלן פאַר זיין צייטונג, האָט ער אונז מזכה געווען מיט אַ פינף־שטונדיקער דערציילונג וועגן זיינע איבער־לעבונגען אַלס גרינער אין אַפריקע, דערנאָך אין לאָנדאָן, און דערנאָך — דאָס רעכטע געדיכטע — דאָ אין אידנברידזש. און אונזער גאַסט האָט פאַרשמירט מיט פּאַסיקלעך אַ גאַנץ ביכעלע פּאַפּיר.

פאַרענדיקט די דערציילונג האָט אַ מין וואַלד־סימפאָניע וואָס מיר האָבן דערהערט דורך די בוימער — געזאַנג, געלעכטער, די געשרייען אויף די איינגעשפּאַנטע אָקסן, אַן אויסגעשריי פון פרויען, וועלכע האָבן זיך פאַר עפּעס דערשראָקן, און דער טאָפּ־טאָפּ פון מענטשלעכע טריט איבער דער געדיכטער בלאָטע אין וואַלד. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער

פראַצעסיע צום מיטינג אין שול. און עלעק ספּרינגמאַנס גרויסע אָקסן מיט זייערע משונה׳דיקע און מורא׳דיקע הערנער האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט פרידמאַנס אָקסן און האָבן ניט געוואָלט דורכלאָזן איינע די אַנדערע, און עס האָט שוין געהאַלטן אַז איין וואָגן פּאַסאַזשירן — מענער, פרויען און קינדער — זאָלן זיך איבערקערן אין דער בלאָטע אַריין. ווען מיר לויפן ניט צו מיט פלעקער אין די הענט און האַלטן ניט איין דעם וואָגן, וואָלטן יענע געוועזן געקראָגן אַן אומזיסטע באָד.

אונזער גאַסט האָט אַרויסגעכאַפּט זיין קאַמערע און האָט עס אָנגעשטעלט גלייך אויף אָט־דער פּאַסירונג. דאָס בילד, זאָגט ער, וועט זיין די שענסטע זאַך צו באַקענען אונזער וואַרשע מיט אידנברידזש.

ווען מיר זיינען צוגעקומען צו דער שול האָט אונזער גאַסט דערזען אַ פּאַנאָראַמע וואָס ער האָט נאָך אין זיין לעבן ניט געזען. אָקסן, איינגעשפּאַנט אין זייער גרויסע וועגענער מיט זייער הויכע רעדער מיט אַ צוויירעדיקן קאַסטן, וואָס מען דאַרף באַלד אַ לייטער אויף אַרויפצוקריכן. און נאָך אַנדערע וועגענער, גאָר אָן קאַסטנס צו זיצן, נאָר איבערגעלייגט מיט אַ גראָבער ברעט איבער גאָר דער לענג פון וואָגן און מ׳פּאָרט אויף דעם רייט׳נדיק. און אָט איז אַ פּאָר אָקסן פון עפּעס אַ מיתה־משונה קאָליר, וואָס האָט גאָר קיין נאָמען נישט, און אויפן וואָגן עפּעס אַ הויכע געביידע מיט זייער גרויסע לעבער (אַ „רעק" צו פירן היי). און איינער אַ ליט איז געקומען אויף אַ „באָגי" מיט איין אָקס איינגעשפּאַנט. און לעבן יעדן וואָגן ליגן הינט, וואָס בילן איינע אויף די אַנדערע און פאַרטומלען דעם קאָפּ.

איז ער שוין דאָ ווידער מיט זיין פאָטאָגראַפיע־מאַשין און זאָגט, אַז דאָס איז אַ זייער זעלטענער מאַטעריאַל, וואָס מ׳קען דאָס קריגן איינמאָל אין אַ יובל.

אַראָפּגעזעצטע קאָמיטעטן און פּרעזידענטן

אינוויייניק אין שול האָבן מיר שוין געפונען די גבאים אויסגעפּוצטע אין ווייסע געפּרעסטע העמדער. זיי האָבן זיך געגרייט אויף דעם גרויסן יום־טוב׳דיקן מיטינג מיט אַ פּראָגראַם פון אַ וואַרשעווער צייטונגס־מאַן, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון מרחקים אהער דירעקט קיין אידנברידזש אונז צו פאַרוויילן . . .

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש און אַ ווילעניש פון קאָמיטעטן מיט פּרעזידענטן: אַ קאָמיטעט צום הויפּט־מיטינג, מיט אַ פּרעזידענט בראש; אַ קאָמיטעט צו אַראַנזשירן אַ צוביס נאָכן מיטינג מיט אַ פּרעזידענט בראש; אַ שרייבער־קאָמיטעט וואָס זאָל שיקן באַריכטן פון אידנברידזש צו דער צייטונג, מיט אַ פּרעזידענט; אַ קאָמיטעט צו קלייבן סובסקראַיבער פאַר דער צייטונג, און אוודאי מיט אַ פּרעזידענט. און ווער ווייסט ווי לאַנג מען וואָלט נאָך קאָמיטעטעוועט, ווען אונזער גאַסט אַרקאַדי פאַרנבאַך, מישט זיך ניט

אריין און נעמט איבער די גאנצע קאָמאַנדע. ער האָט ארויסגעוואָרפן אַלע פּרעזידענטן, צעשליידערט די קאָמיטעטן און האָט זיך דערקלערט פאַר א דיקטאַטאָר פונעם מיטינג.

די איבערביימן־פּראָצעדורע האָט ער איבערגעגעבן צו די פרויען. קיינע סובסקראַיבערס פאר דער צייטונג וויל ער אינגאנצן ניט און ער וויל בא קיינעם ניט נעמען קיין געלט פאַראויס. ווער עס וויל קריגן די צייטונג, וועט ער יענעם געבן איר אדרעס און יעדערער קען זיך אליין שיקן זיין געלט, און ער וועט שוין זען, אז די צייטונג זאָל אָנקומען אין צייט. און די אַלע אַנדערע קאָמיטעטן, זאָגט ער, דארף מען אינגאנצן ניט. וואָס ער וויל יאָ, איז אז מ׳זאָל אויסשטעלן די בענקלעך און אלע זאָלן זיך צעזעצן און ער וועט אלעמען פאָטאָגראַפירן.

דער מיטינג האָט זיך אָנגעהויבן מיט א דעקלאַמאַציע פון מאָריס ראָזנפעלדס „די ליכט פארקויפערן". דער עולם האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן. אַזאַ דעקלאַמאַטאָר האָבן מיר נאָך ניט געהערט. דערנאָך האָט ער דעקלאַמירט פון עדלשטאַט און באָווּשאָווער, און דער עולם האָט געוויינט מיט טרערן, גרויסע ווי באָב. ווען ער האָט דערזען אז ער האָט שוין דעם עולם אין די הענט, איז אונזער גאַסט צוגעטראָטן צום סאַמע תוך פונעם מיטינג — פאַראייניקן דעם „צפון" מיטן „דרום".

די געשיכטע איז געווען אַזאַ: די אידן, וואָס האָבן געוואוינט אין צפון־זייט פון אונזער קאָלאָניע, האָבן געוואָלט אויספּאַרטיקן זייער זאָל פאַר פאַרוויילונגען און האָבן ניט געהאַט מיט וואָס. האָבן זיי געוואָלט באָרגן פון דער קרעדיט־יוניאָן, וואָס האָט זיך ניט לאַנג צוריק געגרינדעט מיטן צוועק צו העלפן יענע פאַרמער וואָס נויטיקן זיך אין א הלוואה (15 דאָלער מאַקסימום). די הלוואה האָט געדאַרפט באַשטיין פון 50 דאָלער אויף 6 מאָנאַטן צייט. איז אָבער דער קאָמיטעט פון דער קרעדיט־יוניאָן באַשטאַנען פון דרום־אידן, אָרטאָדאָקסישע שול־אידן, וועלכע האָבן גע׳טענה׳ט, אז קיין זאָל דאַרף מען אינגאנצן ניט. זיי האָבן געהאַלטן, אז מען קען אויסקומען מיט דער שול־געביידע אליין, אויב מען זאָל נאָר נאָכקומען געוויסע רעגולאַציעס. די רעגולאַציעס זיינען באַשטאַנען אין דעם, אז קיין „שיקסעס" מיט „שקצים" זאָלן אין שול ניט טאַנצן, און ווען די ספר־תורה איז אין שול זאָל מען קיין היטל פון קאָפּ ניט אראָפּנעמען; און מ׳זאָל, פאַרשטייט זיך, קיין טריפ׳ע ליטעראַטור ניט אריינגעמען, און נאָך אַזעלכע זאַכן.

בא אונז, פאַרקערט, איז עס אויסגעקומען א פאַרברעכן, אז מיר זאָלן אַרויסטרייבן אונזערע נאָענטע שכנים פון אונזערע אונטערנעמונגען בלויז דערפאַר ווייל זיי זיינען ניט קיין אידן. און עס איז אויך פאַרשטענדלעך, אז מיר האָבן געהאַט א גאַנץ אנדער באַגריף וועגן דעם וואָס איז „טריף" אין ליטעראַטור און וועגן די אַלע אנדערע רעגולאַציעס פון דער שול. דערפאַר

טאַקע האָבן מיר געוואָלט האָבן אַ באַזונדערן פּלאַץ פאַר אונזערע פאַר־ווײלונגען, כדי מיר זאָלן ניט באַלעסטיקן די פרומע אידן.

און אונזער גאַסט האָט זיך עס אונטערגענומען צו זיין דער פאַרמיטלער צווישן די צוויי צדדים.

נאָך אַ לאַנגער רעדע, אין וועלכער אונזער גאַסט האָט אַנגערירט אַלץ אין דער וועלט איז ער צוגעטראָטן צום רעכטן ענין — אויספּאַרשן אלזייטיק די לאַגע און די באַדינגונגען פון דעם סכסוך איבער דער שול, דעם זאַל וואָס האַלט זיך אין בויען און וועגן דער הלוואה, מיט וועלכער מען דאַרף פאַרענדיקן די געביידע. עס זיינען אויסגעפרעגט געוואָרן אַלע פאַראינטע־רעסירטע צדדים, עס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַלע מיינונגס־פאַרשיידנ־הייטן, עס איז קיין איינצעלהייט פון דער פראַגע נישט דורכגעלאָזן געוואָרן. און אונזער גאַסט האָט באַוויזן אַ גאָר גאונ'ישן טאַלאַנט אין קלאָר מאַכן אַלץ וואָס איז געווען ניט קלאָר. אָבער . . .

און דאָ קומט טאַקע דער גרויסער „אָבער". שטעלט זיך פאַר — אונזער גאַסט, וועלכער האָט באַוויזן די קונץ צו קענען ריידן אויף פינף שפּראַכן, און איז געווען אַזאַ גוטער אַקטיאָר, דעקלאַמאַטאָר, אַזאַ שטאַרקער רעדנער, און קען די קונסט פון סטענאָגראַפיע, און איז געווען פול מיט נאָך און נאָך טאַלאַנטן און קענטעניש — האָט ער אָבער דעם קונץ צו פאַראייניקן די עטלעכע אידן דאָך ניט געקענט באַוויזן. און אַזוי איז עס פאַרבליבן . . .

דער גאַסט ווערט שפּורלאָז פאַרשוואונדן

פאַר זיין אָפּפאָרן האָט אונזער גאַסט אונז איבערגעלאָזן עטלעכע זאַכן פאַר אַן אָנדענק: אַ פּען, אַ בוך פון ד'אַנונציאָ, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעשריבן מיט זיין אייגענער האַנטשריפט זיין פולער נאָמען „אַרקאַדי פאַרנבאַך", און אַ גאָלד־אַנווייזונג אין אַ וויניפּעגער בוך־געשעפט פאַר 8 דאָלער אַלס מתנה פאַר אונזער ביבליאָטעק.

געזעגנט האָבן מיר זיך זייער וואַרעם. אַ גאַנצע גרופּע האָט אים באַ־גלייט און מיר האָבן צוגעזאָגט שרייבן אים בריוו. זיין אַדרעס האָט ער אָנגעגעבן אין דער קאָלאָניע הירש וואוהין ער פאָרט באַזוכן די אידישע פאַרמער.

אָבער דאָ האָט געטראָפן עפּעס וואָס איז פאַר אונז געווען אומדער־וואַרטעט. פון הירש זיינען אונז צוריקגעקומען 2 בריוו, וואָס מיר האָבן אים אהין געשיקט. פון וויניפּעגער בוך־געשעפט איז אונז אָנגעקומען אַן ענטפער אויף דער רשימה ביכער וואָס מיר האָבן זיי צוגעשיקט, אַז מיר זאָלן זיין אַזוי גוט און שיקן זיי די 8 דאָלער, וועלן זיי אונז שיקן די ביכער. און מער האָבן מיר פון אונזער גאַסט ניט געהערט און ניט געזען.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט, אָבער מיר האָבן אויף דעם אידן קיין פאַראיבל ניט געהאַט, ווייל נאָך אַלעמען האָבן מיר

צו אים גאָרנישט דערלייגט, און האָבן בלויז הנאה געהאַט פון זיין באַזוך. קיין געלט פאַר אבאָנירן זיך אויף „זיין ציטונג" האָט ער דאָך בא קיינעם ניט געוואָלט נעמען און האָט געהייסן אַלעמען אַליין שיקן דאָס געלט און סובסקראַיבן זיך. און אויב ער האָט אפילו יאָ פאַרשלעפּט עטלעכע ציטונגען פון אונזער אַרכיוו, האָט עס מסתמא באַדאַרפט נאָך נויטיקער פון אונז. האָבן מיר נאָך געגעבן אים א האַרציקע ברכה אויפן וועג, וואו ער זאָל ניט זיין און האָבן דעם גאַנצן ענין שוין כמעט צעביסלעך פאַרגעסן, ביז . . . ערשט מיט 19 יאָר שפּעטער.

ווער איז געווען אַרקאַדי פאַרנבאַך?

אין חודש יוני, 1931־טן יאָר, האָבן מיר געפּייערט דעם 25־יאָריקן יובילײ פון דעם טאָג, ווען מיר, די אידישע פאַרמער, האָבן אַרויפגעשטעלט אונזער פוס אויף אידנבערידזשער ערד. די פייערונג אַליין וועט באַשריבן ווערן אין מיין צווייטן בוך, אַזוי האָף איך. דאָ וויל איך נאָר דערמאָנען, אַז צווישן דער גרויסער משפּחה געסט איז צו אונזער יום־טוב אויך געקומען דער זייער טאַלאַנטפולער יונגערמאַן, דער פּאָעט משה וואַלינער (דיימאָנד), געשיקט אַלס פאַרטרעטער פון דער ציטונג „דאָס אידישע וואָרט" אין וויניפּעג (איצט אין סאַוועטן־פאַרבאַנד).

דער גאַסט האָט זייער שטאַרק אויסגענומען בא אונזער יוגנט, בא וועמען ער האָט זיך פאַרדינט דעם טיטל „משה׳לע דער גוטהאַרציקער". אויך משה׳לע איז געווען באַגייסטערט פון דער יוגנט וואָס מיר האָבן דאָן געהאַט אין אידנברידזש.

האָט זיך עס אָט דעם משה׳לען פאַרגלוסט אָנצוזאַפּן זיך מיט אונזער אידנברידזשער פרישער לופט און ער האָט צוליב דעם אויסגעקליבן דעם שטילסטן און פּרימיטיוו־ווילדסטן פּלאַץ אין אונזער דאָרף — טאָקע בא מיר אין דער קליינער כאַטקע אינמיטן וואַלד, וואוהין דער קאַלטער ווינט אין ווינטער און די ברענענדיקע זון אין די זומער־מאָנאַטן קענען זיך קוים אריינ־קוועטשן; וואו גאַנצע סטייעס פויגלען האָבן זייער היים (אין דעם וואַלד זיינען מיר אַלע גלייכע בירגער), און וואו אפילו א העזעלע פילט זיך פריי — אַזוי טאָקע ווי מען באַשרייבט ערגעץ אין די מעשה־ביכלעך.

און דער צופאַל האָט גראָד אַזוי צוגעשפּילט, אַז די זון — איידער זי איז אַוועק שלאָפן — האָט באַפאַרבט דעם גאַנצן וואַלד מיט א רויטער זונען־פאַרב, וואָס קיין מאַלער איז נאָך ביז איצט ניט געלונגען נאָכצומאַכן. און מיין נייער דאַטשניק האָט געעפנט מויל און אויגן אויף דער גאַנצער פּאַנאָ־ראַמע, וואָס מ׳קען דאָס אין שטאָט קיינמאָל ניט זען. אמת, איך האָב אים געוואָרנט, אַז ניט געקוקט אויף דעם שיינעם זון־אונטערגאַנג זיינען מיר נאָך ניט זיכער פון א רעגן־שטורעם היינטיקע נאַכט. מיר, פאַרמער, האָבן זיך

אויף אזעלכע זאכן אונזערע אייגענע סימנים, לויט וועלכע מיר קענען פאַר־אויסזאָגן דעם וועטער אָן וויסנשאַפטלעכע אינסטרומענטן.

און אזוי האָט טאקע געטראָפן. ארום האַלבע נאכט האָט אויסגעבראָכן א מורא׳דיקער עלעקטרישער שטורעם און אלע זיבן הימלען האָבן זיך געעפנט און א מבול האָט פארפלייצט די וועלט.

מיין גאַסט האָט זיך שוין ניט פארגונען צו גיין שלאָפן, ווייל ווי קען מען עס פארשלאָפן אזא שטורעמדיקע נאכט אין דער ווילדערניש! — און מיר האָבן זיך אוועקגעזעצט אויף א גאנצער נאכט ריידן און דערציילן. ער איז באזונדערס געווען פאראינטערעסירט אין הערן די פארשיידענע איבערלעבונגען פון אונזערע האָמסטעדערס. האָב איך אים געפּרואווט צו־פרידנשטעלן אויף וויפיל איך האָב געקענט און האָב פאר אים אָרויסגעליינט מיין גאנצן ארכיוו.

עס איז שוין געווען ארום 8 אזייגער איינדערפרי (ס׳איז אונז די נאכט אנטלאָפן), ווען ער איז צוגעקומען צו דער מעשה „ארקאַדי פארנבאך", מיט וועלכער ער האָט זיך זייער דערפרייט. ער איז, זאָגט ער, זיכער — לויט אַלע אונזערע סימנים פון זיין אויסזען און זיין האנדלען אַלס פארטרעטער פון א צייטונג וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט געדרוקט, פון זיין ערלעכקייט און זיין טאַלאַנט אויף אַלע געביטן — אַז דאָס איז ניט קיין אנדערער ווי דר. ק. פאַרנבערג. אַלס פאָליטיש־פארדעכטיקטער האָט ער דעמאָלט ניט געקענט וואַרפן זיך אין די אויגן אין שטאָט, וואו מ׳וואָלט אים זיכער ארעסטירט. איז וואו נאָך קען מען געפינען א בעסערן פּלאַץ צו באהאַלטן זיך, ווי הינטער די הרי חושך באַ די רויטע אידעלעך, וואו קיין גרויסע אויגן קוקן ניט אריין!

און איידער משה דיימאָנד האָט פארלאָזט אידנברידזש האָט ער אונז געבעטן, אז מיר זאָלן פארעפנטלעכן אָט די מעשה פארנבאך, און אויב דר. פאַרנבערג אָדער זיינע פריינט וועלן עס לייענען, וועט עס זיין א באפרידיקונג פאַר זיי, אז מיר די אידנברידזשער האָבן זיך געפרייט מיט אזא גאַסט, פון וועמען מיר האָבן אזוי פיל הנאה געהאַט.

באַמערקטע אַנגליציזמען

אָוועראָלס — אויבערשטע אַרבעטס־קליידער

בילדינג — געביידע

בעטשלאָר — ניט־פאַרהייראַטער מאַן; אַלטער בחור

באַינדער — בינד־מאַשין (פאַר תבואה)

ביזי — באַשעפטיקט

בעיקינג־פּאַודער — באַק־פּוידער

בערזשער — דאַכס (באַרסוק)

גאַראַנטי־אינשורענס — גאַראַנטירטע פאַרזיכערונג

דעירי — מילכיקס (שפּייז, אויך געשעפט אָדער פאַרם פון מילכיקס)

דיסק — מאַשין מיט פלאַכע קיילעכדיקע מעסערס צו שניידן די ערד

דריל — פאַרזיי־מאַשין

הארנעס — שפּאַן (פאַר פערד אָדער אָקסן)

האָמסטעד — פּיאָנערן־פאַרם

האָנאָרעיבל־סעקרעטאַר — ערן־סעקרעטאַר

טראָסטי — באַגלויבטער (באַצייכענונג פאַר פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אַמטן אָדער פּאָזיציעס)

טשעסטערפילד — א ווייכע קאַנאַפּע

לאָיער, סאָליסיטאָר — אַדוואָקאַט

לאָמבער — געהילץ

מענעדזשער — פאַרוואַלטער

מאָסקיטאָ־נעטינג — דינע נעץ־וואַרע (צו באַשיצן זיך פון קאָמאַרן)

מאָרטגעידזש — משכון; סטענדינג מאָרטגעידזש — שטענדיקער משכון

נעק־יאָק — יאָך

נעווער מאַינד — זאָל עס גיין; זאָל אייך ניט אַרן

סטאָר — קראָם; דזשענעראַל סטאָר — קראָם פון פאַרשיידנסטע סחורות

סטאָק — פּי (אויך סקלאַד פון סחורות אָדער מאַטעריאַלן)

סעק — אָפּזאָגן פון א שטעלע

סלעק — ווען ס'איז דאָ ווייניק אָדער גאָרנישט קיין ארבעט

ספּעיר מען — א מענטש צו דער האַנט

סקרעיפּער — קראַץ־מאַשין
סעמפּל — מוסטער
סובסקראַיבער — אַבאָנענט
עדיוקעישאַנעל — בילדונגס־
פּאַיפּ — רער
פּריהאָלד — אייביק אייגנטום
פּענס — פּלויט; צוים
פּאָרמאַן — אויפזעער (איבער א גרופּע ארבעטער)
קרים — סמעטענע
קאַיאָט — פּרערי־וואָלף
רעסיט — קבלה, קוויטאַנציע
ראָלס — זעמעלעך; בייגל
פּיקסן — פּאַרריכטן; זיך אָפּרעכענען מיט עמיצן